STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09769

GEKLIBENE SHRIFTN

Pinye Kats

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. קאַץ

געקליבענע שריפטן

באַנד III

ארויסגעגעבן פון א
געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט
ביים פאַרלאַג „איקוף"

☆

בוענאָס איירעס
1946

PRINTED IN ARGENTINE

ES PROPIEDAD

QUEDA HECHO EL DEPOSITO
DE LEY

מײַן נסיעה איבער ראטנפארבאנד

צװײטער טײל

מיר זיינען שוין אין דער מיכיילאָווקע, אַ דאָרף, וואָס שטייט האַרט ביי מיין געבורטשטעטל. אַהער פלעגן מיר קומען אינגלעך אום שבת אריבערכאַפּן זיך איבער אַ פלויט רייסן פרוכט און איבערלאָזן אַ פּאָלע ביים הונט אין די ציין אָדער דאָס היטל ביים פּויער; אַהער פלעגן מיר קומען קוקן ווי סע אַרבעט די מאַשין; וואָס דער פּריץ האָט אַוועקגעשטעלט אויף זיין „אַרמאַן" דרעשן דעם ווייץ, וואָס די פּויערים האָבן אַריינגעפירט „סקאָפּשטשינע" און שפּעטער אויך צוזען, ווי מען פּראַוועט גערעכטיקייט „לויטן באַפּויל פון זיין מאַיעסטעטישער הויך" אין וואָלאָסט, וואו ס'איז געהאַנגען אַ גרויס בילד פונעם צאַר אין אַ באַגילדעטער רעם און דער הויכער בייכיקער בעל גוף קאַרפּאָ מאָיסייעוויטש, אַ קונה ביי מיין זיידן אין קלייטל, פלעגט אַרויסקומען מיט דער שווערער מעשענער קייט אויף די אַקסל און גרויסן קופּערנעם מעדאַל, וואָס איז אים געהאַנגען אויפן קיילעכיקן בויך, און נאָכדעם ווי דער וואָלאָסטנאָי שרייבער פלעגט איבערלייענען דעם פּסק, פלעגט ער אָנשטאָט אַן אונטערשריפט, „אַוועקלייגן אַ ציילעם" פון צוויי שוועדע און פּעטע טינטשטריכן.

מיכיילעווקער שקצים — דערציילן מיר מיין טאַטע און מיין ברודער — זיינען די ערגסטע קוילער געווען בעת די פּאָגראָמען. זיי דערציילן מיר איין עפּיזאָד נאָכן צווייטן וועגן דעם אָנטייל פון די דאָרפישע שקצים אין די שחיטות,, אין דעם אומאויפהערלעכן טעראָר, ווען גראַסולאַווא איז געווען הפקר און אָפן פאַר דעם ווילדעווען פון די פאַרשידנסטע באַנדעס און „אַרמייען", וואָס האָבן זיך געצויגן איבערן טראַקט דורכן שטעטל צו בעסאַראַביע צו. היינט זיינען שוין פאַראַן צווישן זיי אַפילו קאָמוניסטן. די יונגערע, פאַרשטייט זיך, וואָס זיינען

שוין געגאַנגען אין דער סאָוועטישער שול און זיינען געווען אין דער רויטער אַרמיי. נאָר פאַראַן אַזעלכע, וואָס מען געדענקט זיי פאַר כוליגאַנעס, פאַר פּאָגראָמשטשיקעס, און האָבן זיך צוגעשמירט צו דער מאַכט. איינעם אַזעלכן, וואָס איז געוואָרן אַ גאַנצער קאָמוניסט און דער פאָרזיצער פונעם דאָרפסראַט און דערנאָך דער פינאַנץ־אינספעקטאָר אין שטעטל, האָט מען דערשאָסן נאָך אַ קורצן געריכט. דאָס שטעטל וואָלט אים נאָך לאַנג געדולדעט און אָנגענומען ווי אַ גזר פון „די באָלשעוויקעס, די רוצחים, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף צו פאַרטיליקן די אידן", נאָר זיינע ווילדע מעשים, זיין רייסן פון טויט און פון לעבעדיק, איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אידן האָבן זיך גענומען באַקלאָגן אויף אים דאָרט וואו מען דאַרף און עס האָט זיך ארויסגעשטעלט ווער ער איז. היינט איז פינאַנספעקטאָר דעם אַלטן וואָלאָסטנאָי שרייבערס, ליאָלקינס, אָדער ווי מען פלעגט זאָגן אין שטעטל, לאָלקינס אַ זון. דער אַלטער שרייבער איז געווען אַ קיילכיקער פריילעכער פאַרשוין, וואָס פלעגט מיך אַלס קינד קנייפּן אין די באַקן פאַר היימישקייט און די זין זיינען שוין געווען האַלב שטעטלדיקע.

איך דערמאָן מיך אין אַ גאַנצער ריי האַלב שטעטלדיקע און גאַנץ שטעטלדיקע נישט אידישע זין און טעכטער פון מיין צייט.

קאָסטיע און סאַשקע, דעם דאָקטער סווענציצקעס זין, וואָס זייער מאַמע, די אַלמנה, האָט דערנאָך געלעבט מיט דעם לערער כייקעלעס, דעם ריגער ארויסגעטריבענעם סטודענט; ארגייעווס קינדער, פון דער וואָדאָקאַטשקע, וואָס פלעגן שפּילן „נאַטאַלקע פּאָלטאַווקע" און דער מיטלסטער האָט געלערנט מיט מיר רוסישע גראַמאַטיקע, אויפפרעסנדיק זיין שכר לימוד מיט מיאַטנע לעקעכלעך פון טאַטנס קלייטל; פריזשיוונאָים בנים, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון זייער רייכן טאַטן אין דאָרף און געוואָרן שבתדיקע הרובע־הייצער און לייכטער־אָראָפּנעמער אין שטעטל. קאָסטיע און סאַשקע און ארגייעווס זין, ווייזט זיך ארויס, זיינען שוין לאַנג נישט אין שטעטל, נאָך פאַר דער מלחמה זיינען זיי ערגיץ געווען אויף רעגירונגס־שטעלעס, פריזשיוונאָים בנים זיינען געוואָרן כוליגאַנעס, פּאָגראָמשטשיקעס, און איינעם פון זיי האָט מען דערהרגעט. ער איז צוגעשטאַנען צו פּאָפּאָווס באַנדע, וואָס האָט אונטער דער מאַסקע פון באָלשעוויקעס טעראָריזירט די ארומיקע אידישע

שטעטלעך בעת דער אנארכיע וואס האט געהערשט אין אונדזער געגנט אין יאר 1921, ביז פאפאוו איז טאקע ביי אונדז אין שטעטל דערשאסן געווארן.

עס ווערן דורכגעפירט פאר מיינע אויגן א ריי שטעטלשע אידן, וואס זיינען דערהרגעט געווארן אין די פאגראמען און ביי וואסערע אומשטענדן: מלך שוסטער און זיין זון בעריש, וואס איז געגאנגען מיט מיר אין איין חדר, וואס האבן געוואוינט א טיר נעבן א טיר מיטן טאטן, זיינען דערהרגעט געווארן ווען דער פאטער איז ארויסגעגאנגען פון דער שטוב אין שיל אריין דאווענען מנחה און דער זון איז ארויס אויף זיין געשריי; מיין טאטע מיט מיינע שוועסטער זיינען ניצול געווארן פון די זעלבע פאגראמשטשיקעס, דורך מיקיטע אנטאן ציגיינערס, א שמיד, א גוטער שכן אונדזערער, וואס האט געווארנט די פאגראמשטשיקעס, בעת זיי האבן גענומען קלאפן אין דער פאריגלטער טיר: „טוט ריסקיע זשיוואוט" (דא וואוינען רוסישע). א טייל זיינען דערהרגעט געווארן אנטלויפנדיק צו דער דייטשער קאלאניע ניידארף, א טייל אין זייערע הייזער און א טייל אויף די וועגן, אומפארנדיק איבער די דערפער זוכן שוץ און פרנסה אח א קלומעק מעל אויף ברויט; מיין ברודער איז געוועזן ארעסטירט, צוזאמען מיט אנדערע שטעטלשע אידן, אלס משכון ביי א באנדע, וואס האט געפאדערט קאנטריבוציע פונעם שטעטל; אין באזונדערער געפאר איז געוועזן אונדזער פאמיליע, מחמת ס'איז באוואוסט געווען, אז צוויי ברידער מיינע זיינען געפאלן אלס רויטע ארמייער און איינער, דער יונגסטער, האט זיך נאך געפונען אין דער רויטער ארמיי.

און אט פארן מיר שוין אריין אין שטעטל. ניין, איך דערקען עס נישט. אזוי נידעריק זיינען די הייזלעך! אין מיין פארשטעלונג האב איך געהאט הייזער, דירות פון באלעבאטים מיט זין צום שטעלן און טעכטער צום אויסגעבן, דירות מיט גאניקעס און פאליסאדניקעס מיט אקאציע־בוימער און צווישן — די אגרעסן און רויזנבוימלעך און אפילו בעז, פון וועלכן דאס גאנצע שטעטל פלעגט שמעקן ווי א פרילינגיואונדער; איך האב מיר פארגעשטעלט די רייען קראמען מיט וועלכע דאס שטעטל האט זיך גערימט. די דערפער, וואס איך בין פריער דורכגעפארן און די וואס איך האב פון ווייטנס געזען מיט רויטע בלע־

בענע דעבער געטונקט אין דעם גרינס פון די סעדער, האָבן ביי מיר אין מוח מיט אַ מין גדלות געקוקט אויף דעם שטעטל, צו וועלכן זיי פלעגן אַמאָל קוקן מיט קנאה און רעספּעקט. ס'איז חרוב דאָס שטעטל, די באַנדיטן האָבן עס געבראָכן און געצונדן; נישטאָ די הייזער, נישטאָ די קראָמען, די באַפעלקערונג איז זיך צעלאָפן אין די שטעט און אין די קאָלאָניעס און די פאַרבליבענע הענגען אין דער לופטן, וואַרטן אויף עפּעס אַ באַנייאונג וואָס קומט און קומט נישט, אַ באַנייאונג, וואָס אַ טייל קוקן אויף איר מיט שרעק און אַ טייל פילן, אַפילו גאַנץ אומ־קלאָר אַז זי מוז ברענגען מיט זיך גוטס, נאָר ווי אַזוי ווייסן זיי נישט. יוי אַ מין אָנהויב פון אָט דער אומקלאָרער באַנייאונג, שטייט צווישן די נידעריקע און האַלב איינגעפאַלענע הייזער, ווי אויף חורבות אויס־געבויט, דאָס ברייטע הויז פונעם שטעטלשן ראַט אין עק שטעטל, די ציגלנע געביידע פון דער סאָוועטישער שול, דאָס שטעטלשע קולטור־הויז, מיט אַ ביבליאָטעק און מיט אַ זאַל פאַר פאָרשטעלונגען און פאַר־זאַמלונגען און אַן אָנהויב פון אַ פאַבריק־געביידע, אַ פאַבריק פון קאָ־ניאַק, אין וועלכער עס זאָלן איבערגעאַרבעט ווערן די ווייַנטרויבן, וואָס ווערן געפלאַנצט הינטערן שטעטל דורך די אידישע ערדאַרבעטער.

אָט זיינען מיר שוין ביים שטיבל, וואו מיין טאַטע וואוינט. מיין יונגסטע שוועסטער, וואָס געדענקט מיך קוים, קומט אַרויס פון דעם נידעריקן טירל, וואָס פירט אין שטוב אַריין און עס זעט מיר אויס ווי עפּעס אַ וואונדער, וואָס פון אָט דער כמעט חורבה קומט אַרויס צו מיר אַזאַ שטראַלנדיק פּנים. איך זיץ אין דער נידעריקער שטוב אויף דער הילצערנער, נישט געפאַרבטער טאַבורעטקע, וואָס הינקט אַביסל צו אויף דער נישט גלייך געשמירטער ערד און שוין איז די שטוב פול מיט געסט. אַנדערע זיינען נאָר מיט אַ האַלבן גוף אין שטוב. זיי שטייען אינדרויסן ביי די פענצטער.

— דערקענסט דעם מענטשן? — פרעגט מיך דער טאַטע.

איך דערקען אַלעמען, כאָטש אַ טייל פון זיי, וועלכע זיינען איצט באַבערדיקט און גרוי, האָב איך איבערגעלאָזט אָן אַ סימן פון אַ באָרד. דער עולם איז אַ פאַרשידענער. פאַראַן איז דאָ משה ווערביצקי, דעם אַלטן טויבן מילנערס אַ זון, וואָס איז געוואָרן אַ וואַסערפירער; שוואַרץ, אַ שניידער, וואָס איז שוין געווען אין אַרגענטינע און איז נאָך דער

מלחמה אַהײמגעפֿאָרן, בײדע האָבן איצט חלקים ערד הינטערן שטעטל און אַזױ װי זײ רעכענען זיך פֿאַר אָרימע, העלפֿט זײ דער „קאָמיוג", (די קאָמוניסטישע יוגנט) בײם אָראָפּנעמען דעם שניט. פֿאַראַן דאָ משה מענדל, װאָס עד היום װײס איך נישט מיט װאָס ער באַשעפֿטיקט זיך, נאָר ער איז שױן געװען אין אַמעריקע, אין ניו־יאָרק, װאו ער האָט געשטעפּט העמדלעך און איז צוריקגעקומען נאָך צוריק מיט דרײ־סיק יאָר, האַלט זיך פֿאַר אַ גרױסן חכם, בראָקט אַרײַן אַן ענגליש װאָרט אָדער אַ גאַנצע פֿראַזע און זײַן זון, דאָדי משה מענדלס, איז געװען דער ערשטער אַגענט פֿון שטעמפּלען אין שטעטל, האָט אױסגעשריבן ביכלעך צום פֿאַרקױפֿן און האָט בײ זיך נאָך ביז הײַנטיקן טאָג, דאַכט זיך, דאָס בוך פֿון רעצעפּטן װי מען מאַכט קװאָס און טינט און אַנ־דערע אַזעלכע אַרטיקלען, רעצעפּטן, װאָס פֿלעגן אַמאָל מאַכן אַ אידן פֿאַר אַ „רעמעסליעניק" און אים געגעבן דאָס רעכט אױפֿצוהאַלטן זיך אין צענטראַל רוסלאַנד און זײ מאַכן הײַנט אַ אידן פֿאַר אַ „קוסטאַר", געבנדיק אים דאָס רעכט צו געניסן פֿון די פּריװילעגיעס פֿון דער אַר־בעט און אַלײן האָט ער נאָך ביז הײַנטיקן טאָג דעם פֿאָטערס פּרנסה; פֿאַראַן דאָ פֿרױקע פֿיניעס, אַ איד װאָס האָט געהאַלטן אַן אכסניה פֿאַר לאַצאַפּעס, װעלכע פֿלעגן ברענגען װעגענער מיט פּרוכט אין שטעטל און פֿלעגט מעקלערן פֿערד בײ פּריצים; עס קומט אַרײַן משה גאָצקאָ־זיק, אַ איד אַ גבר, װאָס איז אַמאָל געװען אַ קצב; די קינדער זײַנע זײַנען זיך פֿאַנאַנדערגעפֿאָרן, דאָס װײב איז אים געשטאָרבן און ער איז געבליבן אײנער אַלײן װאױנען אין זײַן אײגענער שטוב מיט די אױסגעבראָכענע שױבן און מיט דער װאַנט, װאָס איז „נוטה למות"; ער שלאָפֿט דאָרט אױף דער ערד און אין אַ שײנעם פֿרימאָרגן װעט מען אים דאָרט טרעפֿן אַ פֿאַרשאָטענעם פֿון דער אײַנגעפֿאַלענער װאַנט... ער קומט אַרײַן אַ באָרװעסער.

— מיר איז גוט — זאָגט ער צו מיר מיט אַזאַ הומאָר, װאָס מאַכט בײ מיר פֿאַרקילן דאָס בלוט. — איך בין אַ באָלשעװיק, איך עקספּלואַטיר קײנעם נישט, איך האַנדל נישט — שמײכלט ער מיט זײַנע קלוגע אױגן און שטאַמלט צו אױף זײַן בײ־קול, אױף דעם זעלבן בײ־קול, אױף װעלכן ער פֿלעגט נאָכזינגען שטאַמלענדיקערהײט ניסים, פּיצים און צאַלעל חזנס שטיקלעך.

און פּרויקע פּיניעס, דער אַמאָליקער בעל אכסניה און פּערד-מעק־
לער טענהט אַלץ:

— וואויל, זייער וואויל! אַזאַ יאָר אויף זיי! נאָר סע נאָך קאַרג, זאָלן זיי שנײדן!... נאַט, נאַט — שטרעקט ער דעם האַלדז — נאַט, שעכט, זאָל די וועלט זען!

— אויף אייך איז מיר אַ חידוש — רוף איך מיך אָן צו אים. — אַ קלוגער איד און נישט קיין חלוש, חלילה, ווייסט וואָס סע הייסט פּערד און וואָגן, זאָל נישט קריגן קיין חלק ערד אויף צו באַאַרבעטן! אָט איז מיין פעטער שאָפּע, אַ סך עלטער פון אייך און אַ סך שוואַ־
כער פון אייך און אַלע יאָרן געווען אַ שניט־קרעמער, אַרבעט ער יאָ ערד.

— ווייסעך! — ענטפערט ער דערויף — וואָס מען קען שוין דערפון האָבן!...

— זע, זע — ווייזט אָן מיט חוזק אויף שוואַרצן משה מענדל, דער געוועזענער ניו־יאָרקער העמדלשטעפּער, וואָס ווייסט, דוכט זיך, אַליין נישט פון וואָס ער לעבט איצט, אוןווינקט דערביי שעלמיש מיט די אויגן — קוק אים נאָר אָן, ווער ס׳איז אַן ערדאַרבעטער!

שוואַרץ לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע.

— אַוודאי בין איך אַן ערדאַרבעטער! איכל די וואָך נאָך אָפּ־
מאָלן ווייץ מיט קאָרן און וועל האָבן אייגן ברויט און איר... אַבעטעך, פון וואָס לעבט איר?...

— ע, איך האָב מיט דיר נישט וואָס צו ריידן! — גיט אַ מאַך מיט דער האַנט משה מענדל און דער שמועס גייט איבער אויף עפּעס אַנדערש.

דער עולם דערוויסט זיך, אַז דער טאַטע פאַרלאָזט דאָס שטעטל און פאָרט איבער צו מיין ברודער קיין אַדעס און דער אַריינגעקומע־
נער משה לייב מאָלאָדעצקי, אַ פלאַם־פייערדיקער ראַכמעסטריווקער חסיד, וואָס באַאַרבעט מיט דער זעלבער התלהבות און חסידישן פלאַם דעם חלק ערד, וואָס ער האָט באַקומען הינטערן שטעטל, נישט גע־
קוקט אויף זיינע זיבעציק יאָר, איז אין איינע צרות:

— וואָס זשע וועט זיין מיט אַ מנין, זלמן?

איך דערוויס מיך, אַז אין אונדזער שטעטל, וואָס פאַרמאָגט דריי

שילן: דאס אלטע בית־מדרש, וואו עס האבן געדאווענט די טאלנער חסידים; די מיטלסטע שיל, וואו עס האבן געדאוונט די באלמעלאכעס און די סאדעגערער קלויז, קען מען שבת קוים צונויפנעמען א מנין. דער רב — דערציילט מען מיר — האט מתיר געווען מען זאל מצרף זיין צום מנין איינעם א טויב־שטומען, א צוגעשלאגענעם יונגנמאן, וואס האט זיך פון ערגעץ זאנאדעט אין שטעטל און נעכטיקט אין קלויז. .

מען דאוונט!... — רופט זיך אפ מיין טאטע — ווייסעך. גארנישט. ס'איז א בית ועד. אידן קומען זיך צענויף.

נאכמיטיק האב איך אנדערע געסט. די נייע דעה־זאגער פונעם שטעטל זיינען געקומען. אלץ באלמעלאכעשע זין, מיטגלידער פונעם שטעטלשן ראט. א טייל פון זיי געדענק איך, א טייל זיינען נאך גע־ווען קינדער ווען איך האב פארלאזט דאס שטעטל און זיי שטעלן זיך מיר פאר, אנרופנדיק זייערע טאטעס מיט די צונעמען וואס זיי טראגן, אפט זייער נישט קיין שיינע נעמען, נאר זיי זאגן זיי ארויס מיט אזא שטאלץ, מיט א צולהכעיס. פארזיצער איז א איד־ישער פויער, א זון פון א רעשעטניק און סעקרעטאר איז הערשל קאוואלס טאכטער.

עס ווערט פארפירט א שמועס וועגן דער פונקציע פונעם שטעטל־שן ראט. דאס איז נישט נאר די מוניציפאלע פארוואלטונג, ווי מיר זיינען דאס געוואוינט צו זען ערגעץ אנדערש, נאר אויך דער קאנטראל אויף אלע אנדערע אינסטיטוציעס וואס פונקציאנירן אין שטעטל און איז מיט זיי ענג פארבונדן, פונקט ווי יענע אנדערע אינסטיטוציעס קאנטראלירן, פון זייער זייט, דעם שטעטלשן ראט; ער איז פארבונדן קודם כל מיט דעם שטעטלשן פראפעסיאנעלן פאריין, וועלכער נעמט ארום אלע ארבעטער פונעם שטעטל, צו וועלכן פאך זיי זאלן נישט געהערן, אט ווי דער „סינדיקאטא דע אפיסיאס ווארייאס", וואס זיינען פאראן אין ארגענטינער פראווינץ־שטעטלעך; ער איז פארבונדן מיט „סאבעז" (הילף פאר דער ארימקייט, אינוואלידן א. א. וו.), מיט דעם „קאמבארבעז" (קאמף קעגן ארבעטסלאזיקייט), מיט דער פינאנץ־אינס־פעקציע, מיט דער „אר־פיי־אי" אדער „ער־קא־אי" (ארבעטער און פויערים אינספעקציע) א. אז. וו.

פאראן אומצופרידנקייט אין שטעטל; מען טוט עוולות, פאראן

פאוואָריטיזם: איינעם, וואָס איז באמת אַן אַרבעטער, שווער געאַרבעט אויף דער „מאַסלאָבאָינע" (אייל־פאַבריק), האָבן זיי אויסגעשלאָסן פונעם פּראָפּאַריין בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט גענומען אַרבעטן זעל־צער וואַסער צום פאַרקויפן, בעת ס'איז קיין אַרבעט נישט געווען און אַ צווייטער באַקומט שטיצע, כאָטש ער אַרבעט קיינמאָל נישט און איז אַ פוילענצער און מסתמא איז עס דערפאַר, וואָס דער וואָס באַקומט די שטיצע מאַכט מיט זיי אָפּט אַ כוסה...

מיין טאַטע זאָגט: אסור אויב סע אַרט אים וואָס נישט ער איז איצט מנהיג פונעם שטעטל. ער פאַרשטייט, ס'איז אַ נייע וועלט, די אַרבעטער, די באַלמעלאָכעס, זיינען געוואָרן די מנהיגים; נאָר צו וואָס די נקמה? טאַקע, אַמאָל, בעת די באַלעבאַטישע אידן האָבן געהאַט די דעה, האָבן זיי געקוקט אויף די באַלמעלאָכעס פון אויבן אַראָפּ, עמי הארצים, פּאַלגעס... זאָגט איר דאָך אַליין, אַז ס'איז געווען נישט גע־רעכט; פאַרוואָס זשע זאָלט איר טון דאָס אייגענע? פאַרוואָס זאָלט איר קוקן אויף דעם אַמאָליקן באַלעבאַטישן אידן ווי אויף דעם נידער־ריקסטן מענטשן?

— ס'איז נישט אַזוי — רופט זיך אָן איינער פון די געסט און מיר דאַכט זיך, אַז עס רייסט זיך ביי אים צו זאָגן: „ס'איז נישט אַזוי, ר' זלמן", נאָר ער פאַרכאַפּט זיך. — אייך דאַכט זיך אַזוי אויס, ווייל איר געדענקט נאָך, אַז וואָס עפּעס אין שטעטל, איז מען געקומען צו אייך נאָך אַן עצה און איצט זיינען פאַראַן אַנדערע בעל עצהס...

מיין טאַטע מוז זיך אונטערגעבן. אַ ברירה האָט ער?

אין אָוונט גייען מיר ארום איבערן שטעטל, מיר גייען אָפּשטאַטן אַ פּאָר וויזיטן צו קרובים. אַ זומערדיקע נאַכט, איז די יוגנט אויף שפּאַציר. דער שפּאַציר איז איצט פאַרביי דער געביידע פון שטעטלשן ראַט, וואָס זיינע פענצטער זיינען אָפן און עם לייכטן פון זיי אַרויס די ווייסע ווענט מיט די בילדער פון מאַרקס און פון לענין און מיט די רויטע פענער און סערפּ און האַמער, מיט וועלכע די ווענט זיינען באַ־צירט און ביי אַ וועלכן טיש זיצט אַ פאַרשפּעטיקטער סעקרעטאַר פון אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט נאָך זיין אַרבעט נישט פאַרענדיקט אָדער הויבט ערשט איצט אָן זיין אַרבעט אין ביוראָ נאָך זיין אַרבעטס־טאָג

בײַם וואַרשטאַט. יוגנט, שילער און שילערנס פֿון דער סאָוועטישער שול, קאָמסאָמאָל, לאַכט, שטיפֿט און פֿלירטעוועט. יוגנט!

מײַן פֿעטער, דער געוועזענער שניט־קרעמער און איצטיקער ערד־אַרבעטער, וואוינט אין עק שטעטל צוזאַמען מיט אַן איידעם, וועלכער האָט געהאַלטן אַן אײַזן־קראָם און איצט איז ער אַ מעכאַניקער בײַ טראַקטאָרן און דרעש־מאַשינען. ער איז טאַקע ערשט געקומען פֿון דער אַרבעט, ער האָט הײַנט געלאָזט אַ מאַשין אין אַ דערבײַיאיקער קאָלאַניע. ער האָט אויך אַ חלק ערד נעבן שטעטל. אַמאָל איז ער געווען אַ פֿאַרברענטער ציוניסט. הײַנט איז ער אַ פֿאַרברענטער סאָוועטישער כּלל־טוער. געקומען איז ער דערצו, ווײַל איז ער איז בכלל אַ כּלל־טוער, אַ נאַטור אַזאַ בײַ אים. איז ער געווען אין שטעטל פֿאַרטרעטער פֿון „אָרט”, געגרינדעט אַ בענקל, דערנאָך פֿון „אידגעזקאָם” און איצט — פֿון „געזערד”. בקיצור, ער האָט דורכגעמאַכט די גאַנצע עוואָלוציע פֿון אַ אידישן כּלל־טוער אין שטעטל. דעם פֿעטערס חלק ערד אַרבעט זײַנער אַ זון, וועלכער איז שוין אַ גאַנצער אַגראָנאָם און דערצו נאָך אַ געפֿערלעכער דיסקוטאַנט וועגן רעכטן און לינקן אָפּנויג אין דער פּאַרטיי. דער פֿעטער איז צופֿרידן: אַזוי פֿיל יאָרן אָוועקגעפּטרט מיט דער קראָם, פֿרעגט וואָס? פֿון אַלע יאָרן האָט ער געשטרעבט צו ערדאַרבעט. נאָך ווען דוד פֿײַנבערג האָט פֿאַרשריבן אין אונדזער געגנט קאָלאָניסטן פֿאַר אַרגענטינע, איז ער גרייט געווען זיך צו פֿאַרשרײַבן, נאָר גיי לאָז זיך אַוועק אין עק וועלט!... און איצט, אַז מען קען זיצן אין דער היים און אַרבעטן ערד, דאַרף מען זײַן ערגער פֿון ערגער, אַז מען זאָל זיך נאָך האַלטן בײַם קלייטל. ער איז שוין אַן עלטערער מענטש, אינגאַנצן ווײַס און נישט קיין גבר, נאָר אַז ער גייט ארויס אין פֿעלד פֿראַשעוועןן די פּאַפּשויעס, צי אין ווײַנגאָרטן אַרומרייניקן די ווײַנבוימלעך, איז עס בײַ אים דער גרעסטער פֿאַרגעניגן. די ערשטע פּאָר טעג, דערציילט ער, האָט אים טאַקע געבראָכן די קריזשעס, דערנאָך איז ער געוואוינט געוואָרן...

דער פֿלאַמפֿײַערדיקער ראַכמעסטריווקער חסיד, משה לייב מאָלאַדעצקי, וואָס באַאַרבעט זײַן חלק ערד מיט דעם זעלבן פֿלאַם, איז אויך דאָ. ער איז אַ שכן. די שכינה רוט אויף אים בעת ער רעדט: איין זאַך נאָר, די קינדער זײַנע זײַנען נישט קיין לייט: קאָמוניסטן.

בעת איך זענן זיך מיט אים, ווינטש איך אים ער זאָל האָבן נחת אין זיינע קינדער און ער ענטפערט מיר:

— זיי זאָלן זיך אומקערן צו גאָט!

נאָר זיינע קינדער האָבן שוין זייער גאָט, זייער גלויבן און זיינען פאַרברענטע חסידים פון... אַ נייער פרייער מענטשהייט.

33

מאָדנע, וויפיל מאָל האָב איך, אין משך פון די קנאַפּע פיר און צוואַנציק יאָר, וואָס איך האָב צום לעצטן מאָל געזען מיין שטעטל, געזען עס איז חלום, געבענקט נאָך דעם און עס פלעגט מיר קומען אויפן געדאַנק דאָס באַקאַנטע לידל: „אָט זע איך ווידער מיין אָרים שטעטעלע"...! און איצט, ווען איך זע עס, ווען איך זע די אַלע חברים־לעך, וואָס האָבן שוין גראָע בערד און טראָגן דעם עול פון פּרנסה, ווען איך זע פאַר מיר „דעם עירוב מיט דעם צוים" און דעם פוסטן מאַרק, וואָס אנשטאָט דער ריי קלייטן, שטייט דאָרט די שיינע געביידע פון דער אידישער סאָוועטישער אַרבעטער־שול, ווען איך זע די ברייטע פאַר גאַסן, מיט זייערע קוים זיפּנדיקע הייזער וואָס טראָגן אידישע אויפשריפטן: „לענין־גאַס" אָדער „שלום־עליכם־גאַס" מיט דעם נומער פון דער דירה און מיט דעם נאָמען פונעם איינגנטימער, איז פון מיר די גאַנצע ראָמאַנטיק פאַרשוואונדן. ניין, איך בין אפנים, נישט פון דעם מין ראָמאַנטיקער, וואָס האָדעווען זייערע עסטעטישע חושים מיט חורבן. איך בין שוין אַ מעת לעת אין שטעטל און מיר דאַכט זיך אַז עס וועט מיר שווער זיין צו פאַרבלייבן דאָ נאָך איין מעת לעת אפילו.

און מיין אויסלייזונג איז געקומען פאַר מיר אומגעריכט. געקומען איז אין שטעטל דער חבר אבראַם, אַ מיטגליד פון אידישן נאַצמין־ביוראָ אין אדעס, וועלכער מאַכט אַ נסיעה איבער די אידישע קאָלאָניעס צוליב דער ברויט־פאַרגרייטונג, קאָלעקטיוויזאַציע, א. א. וו. און ער דערוויסט זיך, אַז איך בין אין שטעטל. איך האָב אים באַלד געהאַט צו גאַסט און ער לייגט מיר פאַר מאַכן די נסיעה צוזאַמען. איך האָב מסכים געווען. מאָרגן פאַרטאָג פאָרן מיר אַרויס מיט אַן אויטאָ קיין צעבריקאָווא.

א דריטל וועג האָט ער שוין דורכגעמאכט. פון אָדעס פאָרנדיק האָט ער באַזוכט די קאָלאָניעס, וואָס געפינען זיך ביי דער לענג פון דער אָדעס-קיעווער באַן־ליניע אַרום ראַזדיעלנאַ, מיגאַיעוואַ, וויעסיאָלע קוט, זאַטישיע, פערעקרעסטאָווא, ביז מאַרדאַראָווקאַ, וואו עס געפינט זיך די קאָלאָניע סטאַלינאַ, נעבן וואָלעהאָצולאָווא (האצעלעס) דאָס איז איין ליניע פונעם דרייעק, בעסער געזאָגט, פון דער „פאָדקאָווע", וואָס עס בילדן מיט זיך די אידישע קאָלאָניעס פונעם אָדעסער ראַיאָן. איצט וועלן מיר באַזוכן די קאָלאָניעס, וואָס ליגן אויפן וועג ביז בערע־זאָווקע, אַרום צעבריקאָווא, פעטראָוועראָווקאַ, יאַנאָווקאַ (באַראַנאָווא), דעמידאָווא, בערעזאָווקאַ און דערנאָך די וואָס ציען זיך מיט דער באַן ליניע אָדעס־באַכמאַטש, אַרום ראַוכאָווסקאַ, סערבקאַ און קרעמידאָווא, וואו עס גרענעצט די גרויסע סאָוועטישע אַגראַר-ווירטשאַפט (סאָווכאָז) מאַראַס שעווטשענקאָ. דער מאַרשרוט איז אַ גאַנץ היפּשער און ער לאָקט מיך אָן; מעגלעך, איך זאָל מיך נאָך טרעפן מיט דער טייל דעלעגאַציע, וואָס דאַרף זיך איצט, לויט מיין חשבון, געפינען אין די אָדעסער קאָלאָניעס.

מאָרגן פאַרטאָג פאָרן מיר אַרויס. און כדי אינגאַנצן אויסצוניכ־טערן זיך פון מיין שטעטלשער ראָמאַנטיק, נעם איך אונטער מיט מיין ברודער און מיין שוועסטער אַ שפּאַציר צו דער בריק, אָדער, ווי מען פלעגט אַמאָל זאָגן, די „גרעבליע", וואָס פירט פון שטעטל איבערן טייך אין דאָרף אַריין, אין דער באַהוסלאָווקע, וואָס ציט זיך לענג אויס דעם טייך פון דער אַנדערער זייט, פון וואַנען מיר פלעגן הערן אין שטעטל אַריין אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן דאָס געזאַנג פון די שניטער, פון די „שקצים און שיקסעס"; דאָס אומעטיקע, מעלאָדישע, אוקראַיִנישע סטעפּ־געזאַנג, וואָס ציט זיך און פאַרלירט זיך אין דער ווייט: „פּריי־געסלאַ יאַ יאָמו איסטע, פּריגעסלאַ יאַ יאָמו פּי—טע..." נאָר אויס־געטריקנט האָט דער טייך, אָט די וויים־בלויע סטענגע, וואָס יעקב גאָרדין הייסט זיין „כאַסיע די יתומה" אויסציען אויף דער בינע, כדי צו קענען זינגען אַן אוקראַיִניש ליד, אַז ס'זאָל ביים האַרצן פאַרכאַפּן, און אַוועקגענומען איז די גרעניץ צווישן דאָרף און שטעטל; פון דער אידישער באָד, וואָס שטייט ביים ברעג „טייך" אין שטעטל, ביז טראָ־כימס „אַרמאַן" אין דאָרף איז איצט בלויז אַ שפּאַן וועג. אַ, וויפיל

גבורה, שווימערישע גבורה, ס׳איז אַמאָל נויטיק געווען דעם „טייך״ אריבערצושווימען! וויפיל מורא און געוואַגטקייט ס׳איז געליגן אין דעם אויפשטיין פּאַרטאָג און גיין אויף דער בריק אָנרייסן הושענהס אָדער גיין אויף דער „טאַלאָקע״ אָנרייסן גרינס אויף שבועות! אַוועקגענומען די גרעניץ, אַוועקגענומען די מורא און אוים מיט דער אידישער גבורה,וואָס האָט זיך דאָס לעבן איינגעשטעלט און געגאַנגען אַזש אין דאָרף אַריין, וויינט און קלאָגט איר ציונס טעכטער! די גרעניץ איז אַוועקגענומען, דאָס שטעטל איז אריבער אין דאָרף און דאָס דאָרף איז אַריבער אין שטעטל און אַז איך האָב אַ קוק געטון אויף דער לאַנגער שורה הייזער, וואָס ציט זיך אין דער באָהוסלאַווקע ווי מיט אַ שנור אָפּגעצייכנט, געדעקט מיט בלעך און מיט טשערעפּיצע און אויף די הרובדיקע הייזלעך פון דער שטעטלשער זייט, אויף וועלכע די שינדלדעכער זיינען שוואַרץ צעפוילט און מיט גרינעם מאָך באַדעקט, וואָס האָב איך געזאָלט טראַכטן, אַז נישט וועגן דער מאַכט און אויפשטייג פונעם דאָרף און אומקום פונעם שטעטל?

די נאַכט בין איך שוין כמעט נישט געשלאָפן און צוזאַמען מיט מיר איז אויך נישט געשלאָפן אַ גרויסע טייל פונעם שטעטל, וואָס האָט פאַרבראַכט ביים טאַטן אין שטוב ביז איינס אַזייגער אָדער ביז האַלב צוויי, וואָס ביי אונדז שטאָטישע, איז עס אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך און ביי די שטעטלדיקע איז מען „אויף״ אַזוי שפּעט סיידן אויף אַ חתונה.

דער עולם האָט זיך דערוואוסט, אַז איך פאָר שוין אַוועק און איז געקומען זיך געזעגענען. ווער עס האָט געהאַט גרוסן מיטצוגעבן, ווער בקשות צו קרובים אין אַרגענטינע, אָפּגעשמועסט פון אייגענע און גלאַט באַקאַנטע. עס געזעגנט זיך מיט מיר דאָס יונגוואַרג, שילער און שילערנס פון דער אידישער סאָוועטישער שול, קינדער, וואָס איך האָב בלויז זייערע טאַטעס אָדער מאַמעס געקענט.

— ווער איז דער? ווער איז יענער?

— דאָס איז ראובנס אַ מיידל. ראובן איז מיינער אַ שטיף ברודער. בעת די פּאָגראָמען איז ער דערהרגעט געוואָרן אין דאָרף, וואו ער האָט געאַרבעט אַ פּאָר דעסיאַטינעס ערד. באַלד דערנאָך איז די מוטער געשטאָרבן און זי איז אַ קיילעכיקע יתומה. זי האָט געענדיקט די שול און וועט זיכער אָנקומען אין „יעוראַבמאַל״ (אידישע אַרבע־

טער יוגנט), אַ שול, וואו אידישע יונגעלייט און מיידלעך לערנען אַ מלאכה און זעצן פֿאָר זייער אַלגעמיינע בילדונג. זי וויל זיך לערנען שלאָסעריי.

און אָט איז אַ בחור, וואָס פֿאָרט קיין אַדעס אָפּגעבן עקזאַמען אויף אַריינצוטרעטן אין „ארבפאַק" (ארבעטער פֿאַקולטעט), וואו אַר־בעטער באַקומען עלעמענטאַרע בילדונג, כדי נאָכדעם צו קענען אַריינ־טרעטן לערנען אין „וואוז" (הויכשול). ער איז אויך זיכער אַז ער וועט אָנגענומען ווערן. ער האָט זיך די לעצטע פֿאָר חדשים אַביסל צוגע־גרייט און דערצו איז ער אַ מיוחס: זיין טאַטע איז געווען אַן אַלזייַ־טיקער מייסטער; אַ חוץ ארבעטן מיט דער רעשעטע און מיט דער לאָ־פּעטע ביים „אונטערמאַכן" תבואה, האָט ער געקענט מאָלן און גאָלן און שניצן. אונטער אַ יום טוב פֿלעגט ער מאָלן די ווענט אין די באַלעבאַטישע הייזער און אַרויסהעלפֿן שלמה דעם רופֿא אַרומשערן דאָס שטעטל; אויף פּורים פֿלעגט ער שניצן פּורעמעס פֿאַר בלעטלעך צו די פּלאָדנס און זיינע פּורעמעס האָבן איצט זוכה געווען צו ליגן אינעם מענדעלע־מוזיי. ער אַליין איז שוין אַ פּויער, זיין עלטערער ברודער האָט אַ חלק ערד און ער אַרבעט נעבן אים. דערצו איז ער אַן ארבקאָר, ער איז קאָרעספּאָנדענט פֿון „אַדעסער ארבעטער"...

דער עולם דערציילט פֿאַרשידענע מעשיות פֿונעם שטעטל: ווי אַזוי דער פּריץ איז אַנטלאָפֿן און ווי אַזוי שלמה הערשל מיניצקערס האָט אים באַגעגנט אין דובאָסאַר, וואו דער פּריץ איז אַוועק כדי אַריבערצו־כאַפּן זיך איבערן דניעסטער קיין בעסאַראַביע; אַז ער האָט אַ פּנים געהאַט ווי אַ בעטלער, אַן אָפּגעריסענער, אין אַן אַלטן סאָלדאַטסקע שינעל, מיט אַ פֿאַרבונדענער באַק; ער איז געשטאַנען ביי אַ וואָגן און געגריזשעט אַן אַלטן סעכער און שלמה האָט געוואָלט צוגיין צו אים און אים זאָגן: „וואַסילי איוואַנאָוויטש, ניע אוגאָדנאָ לי וואַם פּראָ־קאַטאַטסיאַ סאָ מנאָי וו גראָסולאָווקאָ?" (צי ווילט איר אייך דורכפֿאָרן מיט מיר קיין גראָסעלעס?)... אָ, שלמה איז פֿון שטענדיק אַן געווען אַ קאָמוניסט!...

— זאָלט איר טאַקע ווימן! — מישט זיך אַריין זיין שוויגער, רייזע גיטל, וואָס איר מאַן איז געווען אַ מלמד אין דער פּרעמד און פֿלעגט אַהיימקומען בין הזמנים און זי פֿלעגט טאָפּן אַ וואָגן תבואה אין

מאַרק און נעמען חלק פונעם „חילוף" גלייך מיט אַלע מאַנסבילן — זאָלט איר טאַקע וויסן! — חזרט זי איבער מיט דעם זעלבן טאָן ווי זי פּלעגט אַמאָל פאָדערן חלק רח"ש פון אַ ווענגלע תבואה, וואָס אַן אַנדער „שעפּעטיניק" האָט אויסגעדונגען און אַריינגעפירט צום סוחר אין שפּייכלער, און איך קוק זי אָן: פון וואַנען אָן איז רייזע גיטל אַזוי שטאַלץ אויף איר איידעמס קאָמוניזם? דער טאַטע זיינער, זאָגט זי, הערשל מיניצקער, איז נאָך געווען אַ קאָמוניסט; געווען אַ קלוגער דאָרפס־איד, אַ שטיקל למדן און געלייענט אַ רוסישן בלאַט, פלעגט ער זאָגן: „שע בודע ז איוואַנאַ פּאַן, אַ יאַק נע בודע, טאָ סוויני ז'אידיאַט..." (דער פויער וועט נאָך זיין ווען אַ פּריץ און אַז ניט, וועלן אים די חזירים אויפעסן). פון שמואלן, זיין עלטערן זון, שמועסט מען דאָך נישט. יע־נער איז דאָך געווען אַ שרייבער אין זעמסקע אופּראַווע און האָט גע־קענט אַלע זאַקאָנעס...

— פונדעסטוועגן, — רופט זיך אָן דער קאַנדידאַט אין אַדעסער „אַרבפּאַק", — וועט מען שלמהן אין שטעטלשן ראַט נישט קלייבן...

עס הויבט זיך אָן אַ שפּאַרעניש ווער ס'איז אַ בעסערער קאָמו־ניסט און עס קומט אויס, אַז צווישן די פאַרזאַמלטע זיינען פאַראַן גאַנץ ווייניק, וואָס האָבן נישט קיין פּרעטענזיעס אויף קאָמוניזם.

איך דערמאָן זיך, אַז נאָך אין בוענאָס איירעס האָב איך געלייענט אין „עמעס" אַ קאָרעספּאָנדענץ פונעם שטעטל, וועגן אַ קאַמף אַרום די וואַלן צום שטעטלשן ראַט; עפּעס איינער אַ באַלגוף האָט חשק געהאַט צו ווערן פאָרזיצער און האָט אַריבערגעצויגן אויף זיין זייט די באַל־מלאָכעס... ווער זאָל עס זיין דער דאָזיקער הוצפּהדיקער פּאָליטיקער, וואָס האָט דאָס כשרע סאָוועטישע שטעטל געוואָלט אַרויפירן אויפן וועג פון דער קאָנטררעוואָלוציע?

— ווייסעך, — ענטפערט מיר מיט אַ שמייכל אַ יונגערמאַן, וואָס איך בין אים חושד, אַז ער אַליין איז עס געווען דער פּאָליטיקער — געווען צוויי צדדים, ביידע פון אַלציין פּראָלעטאַרישן יחוס און ביידע אַלציינע „קאָמוניסטן".

— און נחמן וואַקס, וואָס מען האָט ביי אים קאָנפיסקירט אַ מאַגאַזאַן מיט ווייץ און מען האָט אים נאָך איינגעזעצט דערצו און זיין ווייב איז קראַנק געוואָרן? — פרעג איך זיך נאָך, לויט אַ גרוס וואָס

איך האב געהאט פון א שטעטלשן, וואס איז געקומען קיין בוענאס איירעס.

— קאנפיסקירט נישט, נאר צוגענומען אויף דער מארק־פרייז און ער האט אנגעזאלצן די גויים די אמתע פרייזן....

— נו?

— נו, וועט ער שוין מער נישט קויפן.

דער עולם האט זיך געזעגנט, איז זיך פאנאנדערגעגאנגען און איך בין געבליבן ווארטן אויף פארטאג. שלאפן האב איך נישט געקענט. דאס איינגעפאלענע, כמעט אונטערגעגאנגענע שטעטל, וואס צאפלט זיך צווישן אלטן און נייעם און אליין איז עס גארנישט, א מין מת, וואס גייט ארום אויפן עולם התהו, מאכט מיך נערוועז. איך קען נישט פארטראגן קיין האלב אפענע טיר, וואס דער ווינט וויגט זי און סקריפעט מיט איר. און אזוי שמארק איז געווען דער דאזיקער איינדרוק, אז איך בין א פאר מאל צוגעגאנגען צו דער טיר און געפרואווט צי איז זי גוט פארמאכט אויף דער קליאמקע. נישט אהער, נישט אהין אדער אהער אדער אהין, אזוי איז דאס שטעטל. ס'איז פארמשפט אונטערצוגיין און האלט זיך נאך אויף די פיס. עטלעכע און צוואנציק יאר אז איך אליין האב עס פארמשפט, אז איך האב געקוקט דערויף ווי אויף א מת און אט בין איך אין שטעטל און סע זיפעט נאך; עס שטייען נאך ביי זיך אין די קלייטלעך גדליה רעכטער און מאטל פערלאוו און משה מענדל, דער לײדיקגייער, ווערטלט זיך איבער די, וואס האבן געהאט דעם מוט אוועקצוווארפן דאס קלייטל און זיך שטעלן אקערן און זייען און שניידן. און אלע זיינען דא קאמוניסטן, אפילו משה מענדל; ער איז נאר נישט איינשטימיק מיט סטאלינען, ער האלט מיט טראצקין און מיט בוכארינען.. קוקט נישט וואס ער האט נישט קיין וואל־רעכט און וואס „כי לא לעולם חסדו”, דער לאנגער שניידער, וואס גייט „קוצעווייקעס” און אפילו „פאכילעק”, דער וואסערפירער, וואס האט אויך א חלק ערד, האבן יא וואל־רעכט; ער, משה מענדל, איז קליגער פון זיי און העכער פון זיי... פרעגט זיי בחרם צי ווייסן זיי ווער טראצקי איז און ע ר ווייסט: לייבעלע טראצקי, זיין פאטער איז געווען א יאלעסאוועטער פאסעסער... יאלעסאוועט, ווי ווייט איז דען יאלעסאוועט פון אונדז!... און ער ווייסט אויך ווי אזוי טראצקיס פא-

טער, דער פּאָסעסאַר בראַנשטיין, איז געקומען צו זיין זון בעטן אַ טובה פאַר אידן און טראַצקי האָט אפילו נישט געוואָלט הערן, נאָר לענין — אָט דאָס איז געווען אַ מענטש! — האָט דעמאָלט איינגעפירט דעם „נעפּ". — אָך, ווען מיר האָבן איצטער לענינען! זיפצט ער אָפּ.

איך בין אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, וואָס איז אייגנטלעך די גאַס, ווייל דער נידעריקער פּלויט, וואָס איז דאָ אַמאָל געווען, איז שוין איצט נישטאָ. עס נעמט מיך דורך די פרישקייט פון דער שוין גרוי־געוואָרענער נאַכט, און וועלכער עס בלאָנקעט זיך אַרום דעם שכנס קו, וואָס שלעפט נאָך דעם שטריק און דאָרט העכער, וואו עס איז אַמאָל געווען דעם פּריצס „עקאָנאָמיע" און דער ווייגאָרטן, צו וועלבן ער האָט אַראָפּגעבראַכט אַ גאַנצע איטאַליענישע משפחה אויף צו באַאַר־בעטן אים, מערקט זיך דער סקעלעט פון אַ גרויסער געביידע.

— אַ זאַוואָד בויט זיך דאָרט.

אינעם שפּראַץ אויף טאָג האָט אויפגעשפּראָצט ביי מיר אין מוח דאָס נייע שטעטל, וואָס דאַרף פאַרבייטן דאָס אַלטע; דאָס זאַוואָד־שטעטל, וואָס וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם יאריד און קראָם־שטעטל.

אָבער, דערווייל, דערווייל איז דער זאַוואָד נאָך נישטאָ און פון די קראָמען זיינען געבליבן אַ פּאָר, וואָס האַלטן ביים אונטערגיין. אונ־טערן באַרג ציען זיך אידישע פעלדער, אָבער וויפיל זיינען זיי דען! און פרויקע פּיניעס שטרעקט דעם האַלדז צום שעכטן, ווייל מען האָט זיינע פּריצים פאַרטריבן און ער האָט נישט וועמען צו מעקלערן די פערד פון מצרים און משה מענדל לאַכט און חוזקט, ווייל אַלצדינג ווייסט ער און איז קליגער פון דער גאַנצער וועלט...

ווען איך האָב מיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ האָב איך דערפילט אַ מין דערלייכטערונג. פּונקט אַזאַ דערלייכטערונג האָבן באַדאַרפט פילן די שטעטלשע אידן וואָס האָבן אין אַזאַ פרימאָרגן זיך אויפגע־הויבן, אויפגעלאָדן זייער ווייב און קינדער מיט זייערע בעבעבעס אויף אַ פור און זיך אַוועקגעלאָזט פון דאַנען אויף די פעלדער, צו אָט די פעלדער פאַר איך איצט און איך פיר גרוסן מיט מיר צו די שטעטלשע אידן, וואָס האָבן זיך אויף זיי באַזעצט.

34

אין אויטאָמאָביל פאָרט צוזאַמען מיט אונדז אַ בחור'ל פון אַ יאָר צען. די באַלעבאָסטע פון דער אכסניה, וואו חבר אבראם האָט געגעסן, האָט געבעטן ער זאָל מיטנעמען איר אינגל קיין צעבריקאָוואָ, צו קרובים.

— לערנסטו?

— איצט איז קאַניקול, נאָר איך גיי אין חדר.

עס לאָזט זיך אויס, אַז אין גראָסעלעס זיינען נאָך פאַראַן חדרים. הערשל יאָסים, וואָס מוז שוין איצט זיין אַ זקן, נאָר וואָס איך געדענק אים נאָך אַלס אַן איידעם אַ בן תורה אויף קעסט ביי אַ מיוחסדיקן סוחר, מיט קינדער נישט קיין לייט, גנבימלעך, וואָס איינער פון זיי איז אין דער פריער יוגנט אַוועק מיט אַ מחנה שנאָרער און איז אומגעגאַנגען איבער די הייזער; אָט דער הערשל יאָסים וואָס האָט נישט געקענט מדריך זיין זיינע קינדער, איז שוין לאַנגע יאָרן אַ מלמד אין שטעטל און, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, קנעלט ער נאָך איצט.

— וואָס זשע לערנסטו?

— חומש מיט רשי און פסוק...

— און אין דער אַרבעט־שול?

ער ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. אין דער אַרבעט־שול לערנט מען גאָרנישט, דאָ שפּילט מען זיך נאָר, מען זינגט, מען דעקלאַמירט, מע שפּאַצירט, מען מאַכט עקסקורסיעס אויפן פעלד אויף די ווייַנגערטנער, מען העלפט יעטן די גערטנער, מען פלאַנצט ביימלעך, דער לערער שמועסט דערנאָך מיט די קינדער, דערציילט זיי, פרעגט זיי אויס, ער גיט זיי ביכלעך אויף צו לייענען און דעם „פּיאָנער", וואָס מען שרייבט אויס פון כאַרקאָוו.

— וואו געפינט זיך די שטאָט בוענאָס איירעס, ווייסטו? — פרעג איך אים.

צי ער ווייסט? ער ווייסט אַפילו אַזעלכעס וואָס אַ סך בוענאָס איירעסער ווייסן נישט וועגן בוענאָס איירעס. גאַנץ ווייניק ב. איירעסער קינדער וואָלטן מיר געענטפערט, אַז די הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע געפינט זיך אויפן 35־סטן גראַד פון דער ברייט אויפן מערבדיקן האַלב־

פֿיל און אויפֿן 62־סטן גראַד פֿון דער לענג און זי פּאַרמאַגט צוויי מיליאָן איינוואוינער. און וויסן ווייסט ער דאָס נישט פֿון „לערנען" נאָר פֿון שפּילן זיך אין דער אַרבעט־שול. פֿון שפּילן זיך ווייסט ער ווי אַזוי עס וואַקסט ווייץ, וואָס פֿאַר אַ וועטערן זיינען גוט דערצו און ווי אַזוי מען היט די וויינבוימלעך, און פֿון שפּילן זיך ווייסט ער אויס־צורעכענען אין וויפֿיל שעה און אין וויפֿיל מינוט אונדזער אויטאָמאָביל וועט דורכמאַכן דעם וועג פֿון גראָסעלעס ביז צעבריקאָווא. ער ווייסט אפֿילו נישט צי ער לערנט. אָט דאָרט ביי הערשל יאָסים אין חדר, דאָרט לערנט מען, דאָרט האַקט מען אין קאָפּ אַריין און מען חזרט איין: וידבר און ער האָט גערעדט ויאמר און ער האָט געזאָגט... און ער וועט פֿון דאָרטן אַרויסקומען אַ געלערנטער מענטש... ער וועט וויסן וואָס רש"י מאַכט אויפֿן פּסוק שלם תשלם און אפֿשר וועט ער נאָך אַרויסקומען אַזוי געלערנט ווי הערשל יאָסים גופֿא...

גיין, דאָס בין איך זיכער, אַזאַ למדן זיכער נישט און אַזאַ קאַ־ריערע וועט ער אוודאי נישט דורכמאַכן. דער „שפּיל" פֿון דער אַרבעט־שול וועט אים שוין צוגרייטן צו אַ וועלכער עס איז אַרבעט. דעם בחורל ווילט זיך זיין אַן אינזשעניער. דער לערער האָט אים אוודאי דערציילט וועגן דער אינדוסטריאַליזאַציע פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, וועגן די גרויסע פֿאַבריקן וואָס מען בויט און אַז דערביי אַרבעטן אינזשע־ניערן. און וואָס עפּעס דער לערער נאָר? וועגן דער אינדוסטריאַלי־זאַציע ריידן אַלע. גייענדיק אין אַדעם איבער דער גאַס, הער איך ווי אַ אינגעלע פֿון אַ יאָר פֿינף אָדער זעקס, פֿרעגט ביי זיין פֿאָטער, וואָס פֿירט אים ביי דער האַנט: פּאַפּאַ, וואָס הייסט „זאַיאָם אינדוסטריאַ־ליזאַציע" און וואָס הייסט „אָבליגאַציע"? די קינדער אין ראַטנפֿאַר־באַנד שפּילן זיך היינט אין אָט די שפּילן: „ סאָוועט, פּראָפּסאָיוז", אינדוסטריאַליזאַציע, קאָלעקטיוויזאַציע, קאָאָפּעראַציע א. א. וו. פּונקט ווי מען פֿלעגט אַמאָל זיך שפּילן אין סאָלדאַטן און אין פּריסטאַוועס.

איך לאָז אָפּ דעם עקזאַמען פֿונעם אינגל און נעם זיך אויספֿרעגן ביי חבר אַבראַם, אַ געוויקסיקער ברייטביינערדיקער ווייסרוסישער יאַט, אַ געוועזענער בונדאָיועץ, אַן אויסגעפּרואווטער אין דער אַרבעטער באַוועגונג פֿון די צאַרישן צייטן און איצט אַ פּאַרהאַרטעוועטער, אין

האַמף אויסגעשמידטער באָלשעוויק, וואָס שטייט אָן דער שפּיץ פֿון דער אידישער סאָוועטישער אַרבעט אין דער אָדעסטשינע.

אָדעסטשינע רופֿט מען אויך דעם ערד־פֿאָנד, וואָס איז באַשטימט פֿאַר אידישער באַזעצונג אין אָדעסער קרייז. דער דאָזיקער ערד־פֿאָנד איז נישט קיין דורכאויסיקער שטח, ער ציט זיך אָבער ווי אַ קייט, איין ישוב נישט ווייט פֿון צווייטן, אַ קייט פֿון ישובים וואָס ציען זיך פֿון צוויי זייטן ביז זיי קומען זיך צונויף, אַריינגרייכנדיק זיך אין די גרעניצן פֿון דער מאָלדאַווישער אויטאָנאָמישער ראַטנרעפּובליק מיט דער קאָלאָניע סטאַלינאָ, וואָס געבן וואָלעהאָצולאָווקאַ (האַצעלעס). די איבעריקע ערד־אַרבעטער ישובים אין דער מאָלדאַווישער רעפּובליק, נעענטער צום דניעסטער, ביי טשאָברוטש, סלאָבאָדזעא, טיראַספּאָל, פּאַוולאָווקאַ, גריגאָריאָפּאָל, דובאָסאַר, ריבניצע, ראַשקאָוו און קאַמענקאַ און די וואָס זיינען נענטער צו פּאָדאָליע, פֿון אָקנע ביז פּעסטשאַנקע אַרום בירזולע, אַנאַניעוו און באַלטאַ, זיינען מערסטנס בייַשטעטלשע, זיי גייען נישט אַריין אין קיין ספּעציעלער באַדינונגס־סיסטעם, נאָר זיינען אַדמיניסטראַטיוו אַ טייל פֿון די שטעטלשע אָדער דאָרפֿישע ראַטן. עס ווערן אויך נישט אַריינגערעכנט אַהער די אַלטע אידישע קאָלאָניעס פֿון דעם קרייז, ווי בערדינאָווקאַ, גרעקולאָווקאַ, א. א.

די אָדעסטשינע נעמט אַרום 28 ישובים מיט אַ צאָל פֿון 1244 נחלות, פֿון וועלכע עס זיינען ביז אויגוסט געווען באַזעצט בלויז 1221 און 15 זיינען שוין געווען אַזוי צו זאָגן פֿאַרפֿעסטיקט פֿאַר קאַנדידאַטן, וואָס האָבן געדאַרפֿט אַרויפֿגיין נאָכן ווינטער, ווען מען קען זיך נעמען בויען און פֿאַראַקערן פֿרילינגס־תּבֿואה. דער שטח ערד באַטרעפֿט 18.075 דעסיאַטין, אָן ערך פֿון 20.000 העקטאַר.

דער אָנהויב פֿון דער אידישער ערד - באַזעצונג אין דעם קרייז הויבט זיך אָן נאָך אין 1922, מיטן פֿאַרכאַפּן דורך שטעטלדיקע אידן די פּריצישע ערד, ביי טשערנאָוו, זאַכאַריעווקאַ (זאַריווקע) גראָסולאָווקאַ און יאַנאָווקאַ (באַראַנאָווקאַ). אין טשערנאָוו האָבן זיך אַזוי אַרום באַזעצט 42 משפּחות, אין זאַכאַריעווקאַ 38, אין גראָסולאָווקאַ 58, אין יאַנאָווקאַ 15. אחוץ דער דאָזיקער ביישטעטלשער איינאָרדענונג, האָבן זיך אין דעם זעלבן יאָר געגרינדעט די קאָלאָניע טראָצקי נעבן פּעטראָוועראָווקע, וואָס מען האָט איבערגעביטן דערנאָך אויף רייזנפֿעלד און

טראָגט שוין מסתמא איצט אַן אַנדער נאָמען, אַ קאָלאָניע פון 74 הויפן און דער ערד־אַרבעטער אַרטעל „זעלעני האַי" פון 18 משפחות, וואָס טראָגט איצט דעם נאָמען „קאָמינטערן".

שוין אין 1923, ווערט פון דער אוקראַינער סאָוועט רעגירונג אויס־געטיילט אַ שטח ערד פאַר אידישער ערד-איינאָרדענונג און עס גרינדן זיך פאָלגנדיקע אידישע קאָלאָניעס:

„סוועט", מיט 27 נחלות; „פרילינג", מיט 90 נחלות; „פרייהייט", מיט 49 נחלות און „פרייהייט און גלייכהייט", מיט 13 נחלות. די אַלע אַרום דעם שטעטל פעטראָווראָווקע. לעבן דער סטאַנציע מיגאַ־יעווע, אויף אַ גוט וואָס איז פאַרוואַלטעט געוואָרן פון אַ אידישן עקאָ־נאָם, וואו ער האָט אָנגעפירט אַ מוסטערווירטשאַפט פון מילך, ווערן איינגעאָרדנט 37 משפחות; נעבן דער סטאַנציע ראַזדיעלנע גרינדעט זיך די קאָלאָניע „נאָווימיר" (נייוועלט) מיט 50 משפחות; לעבן סטאַנציע פערעקרעסטאָוואָ דער ישוב נייהיים מיט 31 משפחות; לעבן שטעטל בערעזאָווקע די ישובים „פרייערד" מיט 28 משפחות און „ניילעבן" מיט 31 און ביי דעמידאָווקע — די גרעסטע און אויך די שענסט געבויטע קאָלאָניע אין דעם קרייז — קאַטאָווסק, מיט 111 נחלות.

אין 1924 גרינדן זיך: „ניט געדאַגהט", ביי פעטראָווראָווקע, מיט 40 משפחות; „ניילאַנד", ביי ראַזדיעלנע, מיט 31 משפחות; „נייפעלד", ביי בערעזאָווקע, מיט 41 משפחות; „פרייבערג", ביי צע־בריקאָווע, מיט 95 משפחות; „סטאַלינאָ" ביי האַצעלעס, מיט 61 משפ־חות און דער קאָלעקטיוו „סעלכאַזאַר", ביי דער סטאַנציע קרעמידאָוואָ אויף דער אָדעס-באַכמאַטשער ליניע, פון 16 משפחות.

אין 1925 — „זינאָוויעוואָ", מיט 39 משפחות. „קאָמזעטאָווקע" ביי דעמידאָווקע, מיט 74 משפחות; „פעליקסדאָרף", ביי יאַנאָווקע, מיט 58 משפחות און „פערוואָמאַיסק", מיט 19 משפחות.

אין 1926 גרינדן זיך בלויז צוויי אידישע ערדאַרבעטער ישובים, מחמת דער אַסיגנירטער ערד־פאָנד איז שוין אויסגעשעפּט. דאָס זיינען די קאָלאָניע „שטערן" מיט 35 משפחות נעבן דער סטאַנציע יערע־מייעווקע אין שעווטשענקאָווער ראַיאָן און „גרינפעלד", מיט 31 משפ־חות לעבן צעבריקאָווע.

לעבן דער קאָלאָניע „פּרילינג“ געפינט זיך די אידישע אגראַר־שול פון אָדעסער ראַיאָן, איינגעאָרדנט אויף דעם גוט „אַנדרייעווקא“ און לעבן דער סטאַנציע סערבקא געפינט זיך אויך אַ גוט, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון דער מאַכט אין רשות פון קאָמזעט, וואוהין עס וועט אריבערגעפירט ווערן די אַגראַ־שול, כדי אויף דעם גוט, וואו די דאָזיקע שול געפינט זיך איצט, זאָל איינגעאָרדנט ווערן אַ קאָמונע פון יונגעלייט, וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער קורס אין דער אגראַ־שול.

מיט אַט די ידיעות בין איך אַריינגעפאָרן קיין צעבריקאָוואָ, אַן אַלט דייטשיש דאָרף. פון דאַנען האָבן מיר צו פאָרן אַ פּאָר קילאָמעטער ביז דער אידישער קאָלאָניע „פרייבערג“. דער חבר אבראַם האָט דאָ צו דערליידיקן, אייגנטלעך אויסצופאָרשן אַ סכסוך, צווישן דעם סעקרעטאַר פונעם דאָרפס־ראַט און אַ טייל קאָלאָניסטן. דער ענין האָט זיך שוין געלופטערט אין „עמעס“ און אין „אָדעסער אַרבעטער“ און ער איז מיר גראָד באַקאַנט געווען.

אָפּגעשטעלט האָבן מיר זיך ביים הויף, וואו עס וואוינט די לערערקע, וועלכע איז אין דער זעלבער צייט אַ קאָלאָניסטקע. זי איז פונעם צד, וואָס איז קעגן דעם סעקרעטאַר און דערציילט אוים אויף אים אַלראָם בייז; אַז ער האָט געקויפט פערד פאַר דער קאָלאָניע און אויסגעקליבן פאַר זיך און זיין ברודער די בעסטע און בכלל פירט ער זיך מעשה תקיף, טוט אַלצדינג אַליין, פרעגט זיך נישט אָן ביי קיין פאַרזאַמלונג פון די קאָלאָניסטן; אַז אַ דאַנק אים זיינען פאַראַן אין קאָלאָניע צוויי קאָלעקטיוון אנשטאָט איינעם און נישט אַלע ווילן אַריינטרעטן אין קאָלעקטיוו. אין הויף אויף אַן איבערגעקערטער טאַטשקע זעצט זיך אַוועק חבר אבראַם און דער עולם ארום שרייט, איינער העכער פונעם צווייטן. צווישן זיי איינער אַ הויכער, מיט באַקנביינער פון אַ גבור, וואָס לאָזט זיך שטאַרק הערן און מיטאַמאָל גיט ער אַ פּאַל אַראָפּ פונעם טאָן:

— פּיניע!

— ווער זייט איר דאָס?

— איך בין לייבע, לייבע דער רויטער, לייבע בלאָך.

מיר האָבן געלאָזט דעם עולם שרייען און לייבע וויל וויסן אויף איין פוס אַלץ, ווי איך קום אַהער און וואָס טוט מיין ברודער יאָסל,

וואָס האָט געלערנט ביי זיין טאַטן, דעם ליטווישן מלמד, און איז געווען זיינער אַ חבר. זיין טאַטע יענקל בלאַך, אַז ער פלעגט לערנען מיט די אינגלעך תנ"ך פלעגט דאָס גאַנצע געסל קלינגען מיט דעם געשמאַקן ניגון, גלייך ישעיה הנביא אליין וואָלט ערגעץ דאָרט גע־שטאַנען און גערונגען מיט אַן הפטורה־ניגון די שטראָף־רייד און טרייסט־רייד פאַר דעם פאָלק ישראל. מען האָט זיין טאַטן געהרגעט אין די פאָגראָמען און אַז ער דערציילט דאָס מיר, שטעלט זיך מיר פאַר די אויגן דאָס בלוט פונעם נביא זכריה, וואָס וויל זיך נישט איינ־שטילן...

דאָס בלוט פון די הרוגים בעת די פאָגראָמען אין שטעטל האָט ביי מיר ביז איצט געוועקט ווייטיק, פאַרדרוס, געפאָדערט נקמה אפילו און נישט איינמאָל ביי מיר די ציין אין מויל פאַרקלעמט, נאָר, אַז דאָס בלוט זייערס, דורך די הינט אויסגעלעקטע, צעטראָטענע, איינגעזאַפּטע אין דער ערד און פאַרטריקנטע, זאָל זיך אויפזאַמלען אין מיין פאָר־שטעלונג און אַזוי געהייליקט און דערהויבן ווערן, האָט מיר דאָס ער־שטע מאָל דאָ געטראָפן. דאָס האָט דיין געשמאַקער נביאיש פאַטעטי־שער ניגון אויפגעטון, יאַנקל בלאַך, דער ניגון, וואָס איז פאַרבליבן אין מיר איינגעזאַפּט און ווער ווייס צי האָט ער נישט אַ שייכות מיט אַלע מיינע פאַטעטיש פאַטעטישע מאָמענטן און מיט מיין גאַנצן געזעלשאַפט־לעכן טעמפּעראַמענט!

איך בין שפּעטער אַ ווײַלע שוין געזעסן ביים סעקרעטאַר אין שטוב און האָב אויסגעהערט דעם צווייטן צד. דער סעקרעטאַר איז מיר נישט געפעלן. בעת ער האָט גערעדט, האָט ער געציטערט פון כעס צי פון שנאה, כאָטש ער איז אַ פעסטער מוסקולירטער יונג. איינער פון זיינע אַרגומענטן איז געווען: ווערמען וועט איר גלויבן, מיר, אַ פאַר־שטייער, צי זיי, די „קולאַקעס"? און אַז חבר אַבראַם האָט אים גע־פרעגט: פאַרוואָס זשע האָט איר אַלץ געטון אויף אייער אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָן דער פאַרזאַמלונג, און אַז מען האָט געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג און אייך גערופן, זייט איר נישט געקומען? — האָט ער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און ווידער זיך פאַרופן אויף זיין פאַרטייאישקייט.

— איר זענט אַ „קאָמיסאַר"! — האָט אים חבר אַבראַם אַרייַנ־

געזאגט. — זיך געפעלט די צייטן פון קאמיסארעוועז!... מירן דעם ענין נאך אויספארשן...

בעת דער געשפרעך איז געגאנגען, זיינען מיר געזעסן ביים סעקרעטאר אין שטוב און זיין אלטע מאמע, האט אונדז דערלאנגט צו גלעזער מילך און מיר האבן זיך געהייסן דערלאנגען ברויט מיט פוטער. מיר האבן געגעסן מיט אפעטיט ווי אויף צו באצאלן און נישט ווי געסט און דערנאך אז דער סעקרעטאר האט נישט געוואלט קיין געצאלט, איז מיר דאפלט נישט באקומען. ערשטנס געגעסן אומזיסט ביי אן ארימען קאלאניסט, און דערצו נאך ביי א מענטשן, וואס איז מיר נישט סימפאטיש.

ווער פון די צוויי צדדים איז גערעכט?

א צעבריקאווער קאמיוגיסט, וואס האט אפגעווארט צוצופארן מיט אונדז אין שטעטל האט, דוכט מיר, זייער ריכטיק אפגעשאצט דעם ענין.

— איך האב באמערקט, חבר קאץ, — זאגט ער מיר, — אז קאאיר איז אייך נישט געפעלן; ער איז טאקע א פריקרע מענטש, נאר האבן צו טון מיט דעם דאזיקן עולם, איז אויך נישט קיין מאכל. זיי האבן נאך ביז איצט נישט געשניטן, ווייל זיי קענען זיך נישט צוזאמענריידן וועגן דער מאשין. ס'איז א קאלאניע פון גאלע תקיפים. דאס זיינען ס'רוב אזעלכע, וואס האבן מיט זיך געבראכט אהער געלט און אויף אייגן געלט זיך איינגעארדנט. פון אומאן זיינען זיי מערסטנס, גוטע ארבעטער, נאר איינער דעם אנדערן וועט נישט נאכגעבן אויף א נאגל.

— איך מיין פונדעסטוועגן — זאג איך — אז די מאשין, וואס מען מוז זי דאך סוף כל סוף אוועקשטעלן און אנהויבן שניידן די תבואה, וועט זיי אלעמען איבערבעטן.

און כך הוה.

אין צעבריקאווא איז חבר אבראם אפגעטראטן צום פארזיצער פונעם ראיקאם (ראיאן קאמיטעט) און זיך דארט א היפש ביסל געזאמט און ווען ער איז ארויסגעקומען, האט ער מיר געזאגט:

— א טייערע זאך די מאשין. זי פירט אונדז דורך די קאלעקטיוויזאציע אויף אלע הונדערט פראצענט.

35

ווי אַזוי די מאַשין קאָלעקטיוויזירט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, האָב איך באַלד געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען אין דער פּראַקטיק אין דער קאָלאָניע „פֿרילינג״, די צווייטע קאָלאָניע נאָך „פֿרייבערג״, וואוהין מיר זיינען אַריינגעפֿאָרן.

איידער מיר זיינען אַריינגעפֿאָרן, האָבן מיר זיך אָבער אָפּגעשטעלט אין צוויי שטעטלעך, אין צעבריקאָווא און פּעטראָווערָאָווקע און עס וואָלט געווען אַן עוולה קעגן זיי איך זאָל זיי דאָ נישט דערמאָנען מיט אַ פּאָר שטריכן.

צעבריקאָווע איז אַן אַלטע דייטשע קאָלאָניע; די דייטשע קאָלאָניסטן פֿון דעם מקום, ווי פֿון די אַרומיקע, וואָס האָבן געטראָגן נעמען פֿון דייטשע שטעט: שטראַסבורג, קאַסעל, באַדן, מאַנהיים, וואָרמס, שפּייער, זאַלץ, אַ טייל פֿון זיי פּאַרוסישט, פֿון שפּייער אויף ספּעיסק, פֿון זאַלץ אויף סעלצי א. א. וו., זיינען געווען רייך, האָבן געהאַט גרויסע ערד־חלקים, זיינען געווען כמעט פּריצים. בעת דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן צו די ווייסע מחנות און שוין שפּעטער אַפֿילו, ווען די ווייסע זיינען פֿאַרניכטעט געוואָרן, האָבן זיי געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד קעגן דער ראַטנמאַכט, וועלכער איז מיט שטרענגע מיטלען אונטערדריקט געוואָרן. אין צעבריקאָווע פֿלעגן זיך שטעלן גרויסע יארידן, וואוהין עס פֿלעגן זיך צוזאַמענפֿאָרן קרעמער פֿון גאַנץ ווייטלעכע געגנטן. נאָך היינט שטעלט זיך דאָ יעדע צוויי וואָכן אַ יאַריד, נאָר שוין אָן דעם אַמאָליקן פֿאַרנעם. די קאָאָפּעראַטיוועס, וואָס געפֿינען זיך אין די אַרומיקע דערפֿער און קאָלאָניעס, האָבן אָפּגעשאַפֿט די נויטווענדיקייט פֿון יארידן. בעת מיר זיינען אַריינגעפֿאָרן אין שטעטל איז געווען פּאַרמיטיק. זונטיק פּאַרמיטיק. אָפּגעשטעלט האָט זיך דער אויטאָמאָביל פֿאַר דעם הויז פֿונעם ראַיקאָם, נישט ווייט פֿון דער קירכע אויף אַ ברייטן פּלאַץ. פֿון דער קירכע האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג. עס גייט דאָרט איצט אַ גאָטעסדינסט. אויף דער וואַנט פֿון ראַיקאָם און פֿון דעם אידישן קלייטל, וואו איך בין אַריינגעגאַנגען קויפֿן ציגאַרעטן, איז פֿאַנאַנדער-

געקלעפט א מעלדונג אין דייטש וועגן א פארזאמלונג וואס דארף פארקומען נאכמיטיק אין דארפסראט.

— נו אי נאבאזשני! האספאדי טי באזשע מאי! ווי פרום זיי זיינען דאס! גאט דו האר מיינער — באמערקט דער שאפער אונדזערער, וועלכער איז, ווי ער זאגט, א פארטיי־מיטגליד און זיין נאמען איז גארפינקל, און דערנאך גייען זיי אויף דער פארזאמלונג. א, מען האט זיי אויסגעלערנט. איר ווייסט ווי אזוי מען האט זיי איינגעשטילט בעת זיי האבן געמאכט דעם אויפשטאנד? מען האט זיי אויסגעשטעלט אין א שורה און יעדן צענטן געשטעלט צו דער וואנט... איי האט מען זיי געשניטן! היינט זיינען זיי גוטע פרומע סאוועטישע בירגער. זיי גייען אין קירכע נאר די קינדער גייען שוין אין דער סאוועטישער ארבעט־שול. אין שול ווערט געלערנט אויף דייטש. די עלטערע פארן לערנען קיין אדעס, וואו ס'איז פאראן א דייטשער „ארבפאק" און א דייטשע אפטיילונג פון „אינא" (אינסטיטוט פון פאלקס־בילדונג). זיי האבן דא אין צעבריקאווע א ביבליאטעק, א קולטור־הויז, אלץ אין דייטש. די קאאפעראטיווע זייערע איז א מוסטערהאפטע.

קיין פעטראווראווקע זיינען מיר אריינגעפארן כדי אנצוטרינקען דעם אויטאמאביל מיט נאפט. אפגעשטעלט האבן מיר זיך אין מארק, ביי דער פארוואלטונג פון דער קאאפעראטיווע, קעגנאיבער א פאר ליידיקע הייזקעס, וואו פריער זיינען געווען קרעמלעך. וואו נישט וואו אין גאס הויבט זיך ארויס פון אלע איבעריקע הייזער א שטוב מיט א גאניק אויף א פאר ברייטע טרעפ ארויפצוגיין. אויף איינעם אזא גאניק זיצט א מיידל, א באלעבאטיש מיידל, וואס פלעגט אמאל חלומען מיט ראזעווע חלומות וועגן א חתן א גבירישן זון און היינט, אויב זי האט זיך נאך נישט אנטשלאסן צו חלומען וועגן א חתן א קאמוניסט מיט א שטעלע אין דער קאאפעראטיווע, זעט זי אין חלום א פארוואלקנטן הימל, נאר ווי קען זי חלומען וועגן דעם קאמוניסט, אז דאס לוסטיקע, שפרינגענדיקע מיידל, וואס פארקויפט, דא ביי דער זייט טאקע „מאראזשענע", וואס איר טאטע, דער מאראזשענע־קוסטאר פאבריצירט, פלירטעוועט מיט אים און... זי איז דאך פארט א באלעבאטיש מיידל, וואס איר טאטע האט נאך א שטוב מיט דריי זעקס־שויבנדיקע פענצטער אין דער הויפט־גאס און מיט א גאניק. דעם

קוסטאַרס טאַכטער איז מסתמא אויך אַ קאַמיוניסטקע, אַז נאָר זי שפּרינגט און לאַכט, אַז די גאַס ווערט פאַרקלונגען, און זי, די טאַכטער פון דעם באַלעבאַטישן אידן מיטן גאַניק קען עס נישט; זיצט זי און קוקט אויף דער אויפגעראַמטער גאַס, אויפגעראַמט ווי אַ פערדישע שטאַל, וואו מען האָט מיט אַ גראַבליע פאַרשאַרט דאָס גרינע פערדן-מיסט און דער פאַל איז דאָך געבליבן גרין.

געקומען אין קאָאָפּעראַטיווע אַ צעטל אויף נאַפט, דער שאָפער איז מיטן אויטאָמאָביל אוועק צום רעזערוואואַר און מיר, דאָס הייסט, איך, דער חבר אבראַם און דער סעקרעטאַר פון דער קאָאָפּעראַטיווע, האָבן זיך דערווייל אַריינגעכאַפּט אָפּפרישן זיך מיט אַ „מאַראָזשענע" און מיט דעם פרישן געלעכטער פון דעם קוסטאַרישן מיידל, וואָס פאַרקלינגט די שטילע אויפגערוימטע גרין-מיסטיקע גאַס.

איידער מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל אויף אַרויס-צופאָרן פון פּעטראָווראָווקע, האָב איך נאָך באַוויזן צו באַקענען זיך מיט דעם לערער פון דער פּעטראָווראָווקער אַרבעט-שול, אַ לערער מיט אַ סטאַזש פון נאָך פאַר דער רעוואָלוציע. ער איז שוין אַ פאָר מאָל געווען אויף פּעדאַגאָגישע איבערגרייטונגס-קורסן אין אָדעס און איצט דאַרף ער ווידער פאָרן. די צייט פון קאַניקול, נוצן די לערער אויס אויף צו באַקענען זיך מיט די פּעדאַגאָגישע נייסן. מיר האָבן גערירט און איך האָב נישט געקענט פאַרגעסן די פּעטראָווראָווקער מאַרק-גאַס מיט אירע ליידיקע שטיבלעך, וואו עס זיינען אַמאָל געווען קלייטלעך און מיט אירע פאַראומערטע באַלעבאַטישע מיידלעך אויף די גאַניקלעך און איבער דעם דאָס געלעכטער פון דער קוסטאַרישער קאָמיוניסטקע, דעם סעקרעטאַר פון דער קאָאָפּעראַטיווע, וועלכער איז דער נישט דערגרייכבאַרער חלום פון דעם באַלעבאַטישן מיידל און דעם לערער, וועלכער מוז זיך יעדן יאָר פּעדאַגאָגיש און פּאָליטיש איבער-גרייטן, כדי נישט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ מלמד, וואָס לערנט מיט די פּעטראָווראָווקער קינדער אַלטע תורה. אַ לערער, אין סאָוועט-רוסלאַנד, האָט מיר דער פּעטראָווראָווקער לערער געזאָגט, מוז אַלצדינג וויסן, וואָרום די סאָוועטישע קינדער ווילן אויך אַלצדינג וויסן און דער לערער קען נישט יוצא זיין מיט אַ פּאַטש אָדער מיט שטעלן אין ווינקעלע אנשטאָט אַן ענטפער.

— ווי געפעלט אייך אָט דאָס דאָרף — באווייזט מיר חבר אבראַם אויף צוויי לאַנגע שורות הייזער אין אַ טאָל, צו וועלכע מיר לאָזן זיך אַראָפּ פון אַ בארג.

— אַ שיין דאָרף — זאָג איך — ס'מוז זיין אַ דייטשיש דאָרף.

— נישט קיין דייטשיש, נאָר אַ אידיש — ענטפערט מיר דערויף חבר אבראַם. — די הינט אפילו זיינען דאָ אידישע, גייט איר דאָ דורך און רעדט אוקראַיניש, וועלן אייך די הינט באַפאַלן און אז איר וועט ריידן אידיש, וועלן זיי אייך נישט טשעפּען.

— ווי הייסט דאָס דאָרף?

— „פרילינג".

מיר לאָזן זיך אַראָפּ מיטן אויטאָמאָביל און מיר ווערן אויפגענומען מיט אַן אָוואַציע פון אַ צווייטן אויטאָמאָביל, וואָס שטייט נעבן איינער פון די שטיבער. דאָס זיינען אונדזערע חברים פון דער דעלעגאַציע, שלייפער און סאָניע עפּשטיין, און צוזאַמען מיט זיי, אַ פּאָר אָרטיקע. זיי האָבן פאַרענדיקט זייער טור און זיי ווילן נאָר באַזוכן די אַגראָ־שול.

מירן ערשט זיין דאָרט אין אָוונט. איך האָב אַ שטאַרקן אינטערעס צו זען דעם קאָלעקטיוויזירנדיקן כוח פון דער הרעשמאַשין, וואָס אַרבעט איצט אין „פרילינג". דאָ וועט בכלל זיין אַ יום טוב היינט. „פרילינג" וועט היינט פירן דעם ווייץ פון אונטער דער מאַשין דירעקט צום וואָקזאָל, צו סערבקע און פירן וועט מען אים מיט פאָנען און שטאַנדאַרטן. זאָל די וועלט וויסן, אז די פּויערים פירן אריין מיט שמחה זייער ברויט צו דער רעגירונג. ספּעציעל צו היינטיקן יום טוב, האָט דער „אדעסער אַרבעטער" אָפּגעדרוקט אַ „פרילינג"-צייטונג, וואָס חבר אבראַם פירט זי מיט זיך אַ פּעקל פון אַ צוויי הונדערט עקזעמפּליאַרן. אויפן וועג, האָב איך באַוויזן אויסצולייענען די גאַנצע צייטונג און איך בין היימיש געוואָרן מיט אַלע פרילינגער פּראָבלעמען, מיט אירע אינסטיטוציעס און אפילו מיט אירע אַקטיווע פּערזענלעכקייטן און איך פיל זיך דאָ ווי אַן אייגענער.

מערסטנס איז די צייטונג באַשטאַנען פון קאָרעספּאָנדענצן און פון אָפּשאַצונגען.

מיר האָבן אונטערגעלענט דאָס האַרץ אין אַ קאָלאָניסטישער שטוב און שוין נישט אָן געלט, ווי אין „פרייבערג"; מיר האָבן דאָ באַצאָלט שוין אַפילו פאַר יענעם אומזיסטן איבערבייסן. פאַר פּוטער מיט ברויט און אַ גלאָז סמעטענע און אַ גרינער אוגערקע, האָבן מיר באַצאָלט פאַר פיר מענטשן צו צוויי רובל אויף אַ פאַרשוין. אין אַ שפּאַס, וואָס איך האָב געמיינט גאַנץ ערנסט, האָב איך געפרעגט דער באַלעבאָסטע, וויפיל שטייערן זי צאָלט פאַר דעם רעכט אַזוי צו באַ־רייסן; מחמת אין שטאָט באַקומט מען אַזאַ סעודה פאַר פופציק קאָ־פּיקעס.

חבר אַבראַם האָט מיר דערויף געענטפערט, אַז קיין שטייערן צאָלט נישט די קאָלאָניע, נאָר שולדיק בין איך, דער אַמעריקאַנער; מען האָט מיך דאָ אויפגענומען פאַר אַ רייכן פעטער; נאָר ער נעמט אויף זיך גערן אַ האַלב פון מיין שולד...

בעת מיר זיינען אַרויפגעקומען אויפן פעלד, האָט די מאַשין גע־האַלטן אין סאַמע ברען פון דער אַרבעט. כמעט די גאַנצע קאָלאָניע איז דאָ געווען. חבר אַבראַם האָט גענומען פאַנאַנדערטיילן די פּרוי־לינגער צייטונג און דער עולם, סאַי די וואָס האָבן גערוט, סאַי די וואָס האָבן געאַרבעט, האָבן זיך געכאַפּט לייענען. ס'איז דאָך ז י י ע ר צייטונג! ווער שרייבט דאָס?... איך קען שווערן אַז ס'איז יאַנקל... און דאָס? אַבעטעך, חיים שרייבט לידער אויך? די לידער דאָס זיינען אַ פּאַראָדיע, אין וועלכער עס ווערן כאַראַקטעריזירט די שטעטלשע טוער... די מאַשין אָבער לאָזט נישט לאַנג לייענען. זי צווינגט אַר־בעטן. צוויי שעה בסך־הכל קומט אויס אויף יעדן צו אַרבעטן. די מיידלעך טוען אָן די ברילן וואָס פאַרשטעלן פון שטויב אָדער פאַרבינדן זיך די אויגן מיט אַ טיכל, דורך וועלכן מען קען זען, נאָר דער שטויב קומט נישט צו. די בחורים נעמען די ווילעס און מען בייט די טורנע. די וואָס האָבן ביז איצט געאַרבעט און האָבן נישט געקענט מפסיק זײַן, כאַפּן זיך איצט צו דער צייטונג. די אַרבעט גייט שנעל, אַקאָרשט מען זעט נישט שטייען שוין עטלעכע פורן פול געלאָדן מיט זעקלעך ווייץ. עטלעכע מיידלעך זיינען זיך מתעסק ביים באַצירן די וועגענער מיט פאָנען, מיט שטאַנדאַרטן, מיט לאַנגע פּאַפּירענע סטענגעס מיט אויפשריפטן, און אָט רירט זיך דער „אַבאָז", דער רויטער קאַראַוואַן,

וואָס פירט די תבואה פון דער אידישער קאָלאָניע „פרילינג“ אין דעם מלוכה־לאַגער.

— וואַרט! — שרייט אויס אַ נידעריק פּעסט אידל.

— וואָס איז, יאָסל?

יאָסל איז דער „עלצטער אַרבעטער“ פון דער קאָלאָניע. ער איז דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער אַרבעט בײַ דער מאַשין, ער איז דער קענער פון דער מאַשין און ווייסט וואו אַ דרײַ צו טון ווען זי הויבט זיך אָן עקשנען. ער איז אַמאָל געווען אַן עקאָנאָם בײַ אַ פּריץ און ער פירט אויך דאָ די אַרבעט.

— וואָס הייסט מען פאָרט אַרויס אַזוי טרוקן? — שרייט ער. — מיר האָבן דאָך עפּעס געסט!

און ער איז שוין אויף אַ וואָגן מיט זעקלעך. ער הייסט אָפּשטעלן די מאַשין און דער גאַנצער עולם איז שוין אַרום אונדז.

— דער חבר אַבראַם וועט אונדז עפּעס זאָגן.

אַ געפּאַטששערײַ נעמט אויף די ידיעה.

— יאָ, קלײַבט אויס אַ פּאָרזיצער, מען דאַרף זיך פירן „פּאָ פּראַווילאַם“...

דער עולם מערקט אָן אַ פּאָרזיצער, וואָס שטעלט זיך אַוועק אַנשטאָט יאָסלען אויפן וואָגן און אײדער ער גיט דאָס וואָרט, נעמט ער עס פריער זיך און דערציילט וואָס פאַר אַ יום טוב היינט איז פאַר דער קאָלאָניע, וועלכע פירט איצט אַרײַן תבואה דער סאָוועטישער מלוכה, וואָס אַדאַנק איר, זיצן מיר איצט אויף דער ערד, און נאָך אין אַזאַ מאָמענט ווען דער ראַטנפאַרבאַנד איז באַדראָעט פון אַלע זײַטן מיט שונאים.

חבר אַבראַם רעדט ספּעציעל פון דער קאָלעקטיווער אַרבעט און ווײַזט אויף דעם בײַשפּיל, מיט וואָס פאַר אַ לײַכטקייט זיי האָבן היינט אַלע אָפּגעדראָשן, בעת די פריערים אַרום, וואָס האָבן מורא פאַר דער קאָלעקטיווער אַרבעט, מוזן שטייען גאַנצענע טעג אויף דער היץ און טרײַבן די פערד מיט דעם „קאָטאָק“ אָדער קלאַפּן מיט די „ציפּעס“.

עס רופן זיך אַרויס צום ריידן אַ גאַנצע רײַ קאָלאָניסטן. דער ערשטער וועלכער באַקומט דאָס וואָרט, וויל נישט אַנדערש, אַז אַ קאָמונע. אַז אַ קאָלעקטיוו איז גוט, איז אַ קאָמונע נאָך בעסער. — וויפיל

אַרבעט מען קען אויפטון אינאיינעם! — מיר פלעגן זיך אַמאָל שרעקן פאַרן וואָרט בלויז סאָציאַליזם און היינט, זעט איר, אַט איז ער, דער סאָציאַליזם, ער איז געקומען גרינג מאַכן די אַרבעט און מאַכן פון אונדז אַלע, פרעמדע צונויפגעפּאַרעגע מענטשן, איין משפחה, מיט איינע אינטערעסן און עס מוז שוין דעריבער זיין צווישן אונדז ליב-שאַפט פון איינעם צום צווייטן. און אַזוי — זאָגט ער ווייטער — איז אונדזער שייכות מיט דער מלוכה: איינע אינטערעסן ביי אונדז מיט דער מלוכה, ווייל מיר אַליין זיינען די מלוכה און דעריבער זאָל לעבן סאָוועט רוסלאַנד!

— „הורא! הורא! הורא!" — האָט אונטערגעכאַפּט דער גאַנ-צער עולם.

דער איבעריקער פאַרשריבענער עולם האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די ווערטער. דער ערשטער האָט שוין געזאָגט דאָס וואָס זיי האָבן גע-וואָלט זאָגן.

צום סוף האָט חבר אַבראַם געמעלדעט, אַז דער גאַסט בעט דאָס וואָרט. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַרן עולם, דערקלערט וועגן דער אַרבעט פון „פּראָקאָר" און וועגן דעם כאַראַקטער פון „די פּרעסע", וואָס איך פאַרטרעט און אַז איך האָב באַקומען דאָס וואָרט, האָב איך ממש נישט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן; צי זאָל איך אויסדריקן מיין פרייד און מיין יום טובדיקייט ביים אָנבליק פון דאָס געזעענע און געהערטע? אָדער איך זאָל דערציילן וועגן דעם „פּראָקאָר" און די מיטלען, וואָס ער שאַפט ביי די באַדינגונגען אין וועלכע ער אַרבעט. נאָר גערעדט האָב איך וועגן אַלץ און אַז איך האָב פאַרענדיקט, האָב איך זיך ערשט רעכענונג אָפּגעגעבן אויף דער שטילקייט וואָס ס'האָט געהערשט בעת איך האָב גערעדט.

— מיט אַן אמת — זאָגט מיר דערנאָך איינער פון די יונגע יאַטן, וואָס האָט געאַרבעט אויף אַ טראַקטאָר — מיר האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז איר דאָרט אין אַרגענטינע, זאָלט אַזוי פאַרשטיין די באַדייטונג פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע ביי אונדז אין סאָוועט-רוסלאַנד.

דער „רויטער אַבאַז" האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין און מיר זיינען צוריקגעפאָרן אין קאָלאָניע. מיר דאַרפן נאָך זיין אין דער אַגראָ-

שול און אין „ניט געדראגהט", די קאָלאָניע, וואָס לאָקט מיך אזוי מיט איר נאָמען.

36

דעם זעלבן פארנאכט האָבן מיר באזוכט „ניט געדראגהט". מיר האָבן געטראָפן די קליינע קאָלאָניע, וועלכע געפינט זיך עטלעכע קוואר־טאלן פון „פרילינג", גראד אביסל פארדאגהט. מען האָט דאָרט נאָך גישט געדראָשן. אויף די טרעף פון אן איינגעוואלגערטן פריצישן „שאלעט", וואו עס געפינט זיך דער דאָרפס-ראט און די סאָוועטישע' שול, האָט דער עולם, מענער און פרויען, באקלערט די סיטואציע פון דער קאָלאָניע. די קינדער ארום, האָבן זיך געעסקט ארום א טראקטאָר, וואָס איז געשטאנען אין הויף א פונאנדערגענומענער און האָבן געהאט שווארץ די הענט פון דעם שמירעכץ, וואָס זיי האָבן ארומגעווישט פון דעם מעכאניזם. אונדזער אָנקומען, האָט ארייננגעבראכט א נייע שטימונג צווישן עולם.

— „חבר אבראם!" — האָבן זיי זיך דערפרייט.

חבר אבראם האָט זיי באלד גענומען טיילן די „פרילינג" ציימונג, וועלכע האָט געהאט א ספעציעלע אָפטיילונג פאר „נישט געדראגהט", און באלד האָט זיך פארבונדן א שמועס ארום די פראָבלעמען פון דער קאָלאָניע.

מיטן דרעשן זיינען זיי שוין פארזאָרגט. ווי נאָר „פרילינג" וועט אָפדרעשן, גיט זיי דער „סאָווכאָז" (סאָוועטישע ווירטשאפט) „שעור־טשענקאָ" די דרעש־מאשין. נאָר וואָס טוט מען מיט די קינדער?

— אזוינע וואוילע קינדער, — רופט זיך אָן איינע א שווארצע אידענע — האָבן זיך אזוי גוט געלערנט... אָט הערט נאָר ווי זי לייענט די ציימונג און ווי זי באטאָנט יעדער וואָרט.. איז דעם לערער געפעלן געוואָרן מ'זאָל אים איבערפירן ערגעץ אנדערש און מ'האָט אים אי־בערגעפירט. און דער לערער איז דאָ געוועזן מער ווי א לערער, ער איז געוועזן דער גאנצער פירער פון דער קאָלאָניע, ער האָט געלערנט אייך די גרויסע.

— נישט געדאנהט! — טרייסט זי חבר אבראם — מירן אייך צושיקן א גוטן לערער.

מען האט ארויסגעבראכט א פרישן עמער וואסער מיט א קוואַרט. מיר האבן זיך אנגעטרונקען און כ'האב גענומען באקוקן די קאלאניע אדער דעם כוטאר, וואו דאס איינגעוואלגערטע פריצישע הויז, האט זיך מיר געדוכט, שטייט ווי א שטן איבער איר און לאזט איר נישט אויסגלייכן זיך און אויסוואקסן. ווען נישט אט דאס הויז, וואס מען האט זיך „געראדעוועט" דאס אויסצונוצן, וואלט שוין דא זיכער גע־שטאנען א שיינע שול־געביידע, ווי אין „פרילינג" און אירע הייזלעך וואלטן אויך געשטאנען אין א סדר, ווי אין דער שכנותדיקער קאלא-ניע, וואס האט זיך פון אנהויב אן געבויט לויט א פלאן.

דאס אלטע, דאס אלטע... איך זע עס דא אומעטום, אויף מיין גאנצער נסיעה, שטיין אין דערמיט פון דאס נייע ווי א שטערונג, ווי יענער מלאך פון בייז, וואס שטייט איבער דאס יונגע און פרישע און שלאגט דאס מיטן שטעקן עס זאל נישט וואקסן. פון מאסקווע אן טרעף איך דאס דאזיקע געראנגל פונעם נייעם מיטן אלטן, וואוהין איך קום און אויף אלע געביטן; נאר, וואו דאס נייע שטארקט זיך איבער דאס אלטע און וואו דאס אלטע איז נאך גענוג שטארק און האט כוח צו שטערן דאס נייע, וואס ווערט מיט מי אויפגעבויט. די קליינע קא־לאניע „נישט געדאנהט" מיט איר חרובדיקן פריצישן הויז, אן וועלכן די קאלאניע האט זיך אנגעכאפט, האט פאר מיר דורכגעפירט דאס בילד פון גאנץ סאוועט רוסלאנד, וואו עס קומט אן אזוי שווער דער איבערבוי, די איבערדערציאונג, די באנייאונג פון אלטערווירטשאפט, אלטע געוואוינהייטן, פון וועלכע די איבערבויער אליין קענען זיך צו־מאל נישט באפרייען...

אריינקומענדיק פון „נישט געדאנהט" צוריק קיין „פרילינג" קוק איך מיך ע ר ש ט צו צו דער ש י י נ ק י י ט פון דער קאלאניע, וועלכע זעט אויס ווי שוין אלט איינגעוואקסן מיט אירע הייזער און גרינס. און אט זיינען אירע אינסטיטוציעס אין ציגלנע געביידעס: די 7־יאריקע שול, די אמבולאטאריע (דארפישער שפיטאל), דאס קול־טור־הויז. ביים קולטור־הויז שטייט דער עולם און לייענט די וואנט־צייטונג. א פרישע וואנט־צייטונג איז ארויסגעלאזן געווארן אין שיי־

כות מיט דער פעלד־ארבעט. פון דער וואנט־צייטונג דערוויסט איך זיך אויך, אז מען גרייט דא א ספעקטאקל פון אייגענע כוחות.

מיר זעצן זיך אריין אין אויטאמאביל און מיר פארן צו צו דער אגרא-שול, וואס געפינט זיך א פאר קילאמעטער הינטער „פרילינג", אויף דעם גוט אנדרייעווקא. די שול געפינט זיך אין א געוועזענעם פאלאץ, א פאלאץ מיט פארשידענע ארכיטעקטארישע קונצן, אויב נישט א קעניגלעכער איז ער זיכער געווען א פירשטלעכער.

דא האב איך אן אנגענעמע איבערראשונג, ביים ארפשטייגן טרעף איך מיך פנים אל פנים מיט אן אלטן באקאנטן און א גוטן חבר פון ארגענטינע, דער חבר יאנושעווסקי, א געוועזענער סטאליער און פועלי ציוניסט וועלכן מיר האבן מיט א גרויסארטיקן באנקעט געהאט ארויס־באגלייט קיין סאוועט רוסלאנד נאך אין 1921. ער שטייט פאר מיר מיט זיין געגאלטן קאפ, א סאוועטישער פראקטישער טוער, הייסט עס, און כאפט זיך מיט מיר קושן. אויף איין פוס ווער איך געוואויר וועגן זיינע גלגולים. זיין פראפעסיאנעלער פאריין האט אים א פאר מאל ארויסגערוקט אויף געזעלשאפטלעכער ארבעט און צום סוף אים רע־קאמענדירט אין דער פארטיי־שול, וואו ער האט זיך צוויי יאר געלערנט און איצט פארנעמט ער די שטעלע פון א פארוואלטער פון דער אגרא־שול. ער שטעלט מיר פאר זיין משפחה — זיין פרוי איז א לערערן אין דעם אנשטאלט — און באלד טאקע „טשעמבערליינען", א ריזיקן חזיר פון ענגלישער ראסע. ער פירט מיך איבער די גרוימע צימערן פונעם פאלאץ באווייזן די שול. א העלפט תלמידים זיינען איצט אויף דער ארבעט ביים דרעשן; די אנדערע העלפט וועט ארויסגיין איבער־בייטן זייערע חברים אויף ביינאכט, מחמת די ארבעט גייט אויך ביי־נאכט. מ'גרייט צום טיש: שווארץ ברויט, מילך, קעז, אלץ אייגנס. אויך ב. שלייפער און סאניע עפשטיין זיינען דא. זיי רעכענען באלד ארויספארן און אנקומען היינט נאך קיין אדעס. די סעודה איז געווען גאר א היימישע.

איבערגענעכטיקט, האבן מיר זיך ווידער געלאזט אין וועג. מיר פארן איצט קיין יאנאווקע. מיר מוזן זיך האלטן ביי די שטעטלעך, ערשטנס ווייל דער וועג גייט דורך די שטעטלעך און צווייטנס מחמת נאפט געפינט מען נאר אין די שטעטלעך.

אונדזער וועג ליגט דורך דער קאָלאָניע „פּעליקסדאָרף". ס'איז נאָך גאָר פרי, גאָר דער עולם איז שוין ביי דער אַרבעט. אַ פּאָר מייד־לעך, עטלעכע קינדער קומען אַרויס קוקן אויפן אויטאָמאָביל. אין מיטן דער גאַס שטייט אַ קרעניצע. אַ איד איז צוגעריטן אַהין אויף אַ פערד אָנטרינקען עס. מיר פאָרן צו. דער אויטאָמאָביל האָט אַפּנים אַרויס־געבראַכט פון די הייזער די עטלעכע פאַרבליבענע עלטערע לייט און אַרום אונדז האָט זיך געבילדעט אַ רעדל.

צווישן די אַרומגעשטעלטע דערקען איך איינעם אַ גראָסעלער, וועלוול רפאלס, איינער פון די פלינקע יונגעלייטלעך, תבואה אויפ־קויפער, וואָס פלעגן „נעמען אַ גוי אויף דער העצקע", אַ פריילעכער קבצן, וואָס פלעגט שיטן מיט אידישע און אוקראַינישע ווערטלעך און „די גויים פלעגן דעריבער פאַר אים די כפרה ווערן". מיר דערקענען זיך. ער איז פון די ערשטע קאָלאָניסטן אין פעליקסדאָרף. בעת די קאָלאָניע האָט זיך געגרינדעט, האָט ער געוואוינט אין יאַנאָווקע ביי זיינעם אַ זון און זיי זיינען עס געוועזן די גרינדער.

— וואָס זשע הערט זיך ביי אידן? — פרעגט דער חבר אַבראַם.

— וואָס זאָל זיך הערן? מ'אַרבעט, מ'דרעשט — ענטפערט אַן עלטערער איד — ס'זאָל נאָר עפּעס זיין דערפון.

— פאַרוואָס זאָל נישט זיין?

— פאַרוואָס? אַז איר לאָזט איבער יעדן איינעם צו פיר פוד ווייץ אויף אַ נפש אויפן גאַנצן יאָר.

דאָ גייט אָוועק אַ סדרה טענות, טענות וואָס האָבן זיך איבערגע־הזרט אויך אין די אַנדערע קאָלאָניעס, וואָס מיר האָבן באַזוכט. די הויפט טענה איז די שוין דערמאָנטע.

חבר אַבראַם קלערט זיי אויף, אַז די מלוכה שטעלט נישט קיין נאָרמע פאַר דעם געברויך; זי וויל נאָר, אַז דער קאָלאָניסט זאָל אויס־מערן די זריעה, וואָס ער האָט גענומען לויטן קאָנטראַקט און די מותרות יאָל ער נישט פאַרקויפן קיין פריוואַטן סוחר, נאָר דער מלוכה. זיי גלויבן אָבער נישט, מען האָט זיי עמיצער אָנגעסטראַשעט, געווים פריוואַטע סוחרים, און אין אייניקע ערטער, זיינען קאָלאָניסטן גע־פאַלן אויף אַ שכל. זיי האָבן די תבואה זייערע אָפּגעמאָלן אין אַ

פּריוואַטער טיל, כּדי מ'זאָל בײַ זיי קיין תּבואה נישט געפֿינען. אָבער ערשט דערמאָלט האָט די מלוכה קאָנפֿיסקירט דאָס גאַנצע מעל...

איך האָב מיר גאָרנישט געגלייבט, אַז אַלס פּאַרטיידיקער פֿון דער מלוכה, זאָל זיך אָפּרופֿן גראָד מײַן לאַנדסמאַן, דער אַמאָליקער פֿלינקער תּבואה־אויפֿקויפֿער בײַ די פּויערים, דער דאָזיקער פֿלינקער ווערטל־זאָגער:

— איך פֿאַרשטיי באמת נישט — רופֿט ער זיך אָן — וואָס איר האָט דאָ אַזוי מורא; וואָס זשע, די מלוכה האָט אונדז שוין ביז איצט געלאָזט שטאַרבן פֿון הונגער?...

איך האָב דערוואַרט ער זאָל אַרויס מיט זײַנעם אַ ווערטל: „נע בולאָ או מיקיטע הראָשי אי נע בודע"; נאָר וועלוול רפֿאלס איז שוין נישט דאָס וואָרפֿנדיקע יונגערמאַנטשיקל און וואַרפֿט זיך שוין אויך נישט מיט קיין ווערטלעך; ער איז דער גרינדער פֿון דער קאָלאָניע „פּעליקסדאָרף" און טראָגט אָן אחריות פֿאַר איר קיום. ער ווייסט, אַז אויב די קאָלאָניע וועט נישט אָפּגעבן די תּבואה דער מלוכה, וועט דאָס זײַן אַ קלאַפּ פֿאַר איר, פֿאַר דער מלוכה, וואָס האָט די קאָלאָניסטן געגעבן ערד און זריעה און ברויט אין דער צײַט פֿון ניט גערעטעניש.

יאַנאָווקע איז אַ גאַנץ לעבעדיק שטעטל. פֿון דאַנען איז נישט ווײַט דער סאָווכאָז „שעווטשענקאָ" און דאָס שטעטל איז דעריבער פֿול מיט פֿעלד־אַרבעטער, מיט פֿאַרוואַלטונגס־מיטגלידער; עס פֿילט זיך דאָ סאָוועטיש. מיר גייען אַרײַן פֿרישטיקן אין דער קאָאָפּעראַטיווער „סטאָלאָווע" (רעסטאָראַן) און איך ווער נתפּעל פֿון דער ביליקייט; אַ ביפֿשטעקס, אייער, סמעטענע מיט ברויט, האַלב־שוואַרצן און מיט אַ קריגל קוואַס פֿון ברויט אָדער פֿון „קליוקווע", פֿאַר 50 קאָפּיקעס. ס'איז אַלץ פּראָדוקטן פֿונעם „סאָווכאָז".

פֿון יאַנאָווקע פֿאָרן מיר אויפֿן וועג צו בערעזאָווקע, מיט בענדערער וועג. ווי קומט אַהער אַ בענדערער וועג, אַז בסך־הכּל איז גאָר ביזנדער פֿון דער אַנדערער זײַט דניעסטער? בלײַבט אַ שאלה. נאָר דער וועג שנײַדט איבער די בערג, די קליינע קאַרפּאַטן, צווישן וועלכע ס'ציט זיך דער באַלטער וועג, דער ברייטער שליאַך פֿון באַלטע קיין אָדעס, פּאַראַלעל מיטן קויאַלניק. פֿונדעסטוועגן, איז דער דניעסטער נישט אינגאַנצן פֿרעמד צו אַט דער געגנט. פֿאַראַן אַ פּלאַן — אַזוי

זאָגט מען מיר — אָפּצוציען דאָס וואַסער פונעם דניעסטער אויף צו באַוואַסערן די גאַנצע סטעפּ־געגנט. און אַז איר הערט וועגן אַזעלכע פּלענער אין סאָוועט רוסלאַנד, מעגט איר זיי נעמען גאַנץ ערנסט. וואָס איז דען פריער געווען דער „וואָלכאָווסטרוי", דער „דניעפּראָסטרוי", אַז נישט פּלענער? און די סאָווכאָזן, אָט די גרויסע סאָוועטישע אַגרי־קולטור' ווירטשאַפטן?

מיטן וועג ציען זיך ברייטע פעלדער, פון איין זייט מיט ווייץ, פון דער אַנדערער זייט מיט מאַיס. מיר פאָרן און פאָרן מיטן אויטאָ־מאָביל און מיר זעען קיין ברעג נישט. אָפּפאָרנדיק אַ האַלבע שעה מיטן אויטאָמאָביל, בייט זיך דאָס בילד, עס ציט זיך אַוועק מיט דער לענג פונעם וועג פון איין זייט אַ שוואַרץ פעלד, אויסגעאַקערט און אויסגעבראָ־נעוועט אַזוי ציכטיג. דאָס איז „שוואַרצער פּאַר" צוגעגרייט אויף צו פאַרזייען ווינטער־תבואה. פון דער אַנדערער זייט ציט זיך אַן ענדלאָז פעלד מיט געלע זון־רויזן.

— דאָס זיינען די פעלדער פונעם סאָווכאָז „שעווטשענקאָ", וועל־כער באַדינט אויך מיט זיינע מאַשינען, מיט זיינע טראַקטאָרן, די אַרומיקע אידישע קאָלאָניעס.

חבר אַבראַם דערציילט מיר די געשיכטע פון דעם „סאָווכאָז"; אַ געשיכטע, וואָס קלינגט ווי אַ לעגענדע; אָבער מיט אַזעלכע לעגענדעס איז פול די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין סאָוועט רוסלאַנד און איר האָט נישט קיין שום מאָטיוו נישט צו גלויבן דאָס וואָס מען דערציילט אייך:

דער געדאַנק פון גרינדן די „סאָווכאָזן" איז איינגעפאַלן דעם פּראָפעסאָר מאַרקעוויטש, אַן אינזשעניער אַגראָנאָם, אַ איד. געקומען איז ער מיט דעם געדאַנק צו די פּויערים פון דער געגנט און זיי פאָר־געשלאָגן: היות ביי זיי איז שוין צוויי יאָר נישט געראָטן, זאָלן זיי אים איבערגעבן זייערע פעלדער אויף איין יאָר צו באַאַרבעטן מיט מאַשינעס און פון דעם גערעטעניש וועלן זיי באַקומען אַ העלפט, אָן שום אַרבעט פון זייער זייט. די פּויערים האָבן דערזען דערין עפּעס אַ סאָוועטיש שפּיצל, וואָס איז אויסן צוצונעמען ביי זיי די פעלדער און זיי האָבן אים אָפּגעזאָגט. געקומען איז ער דעמאָלט מיט זיין פּלאַן, אָדער ווי זאָגן אידן, מיט זיין תורה, פּונקט ווי משה רבנו, צו

די אידן. באזעצט האבן זיך אויף די שטרעקעס אידן און האבן אויך קיין גערעטעניש נישט געהאט. די אידן האבן זיך גראד נישט געבאפט דאס מאל מיט „נעשה ונשמע", נאר זיי האבן זיך אויף אן אמת דערשראקן: עפעס אן אנטיסעמיט איז געקומען, וואס וויל ארויסרייסן ביי די אידן די ערד, וואס זיי האבן באקומען... און אזוי האבן זיי טאקע אוועקגעשריבן קיין אדעס צום קאמזעט. אין אדעסער קאמזעט האט מען נישט געוואוסט פון קיין פראפעסאר מארקעוויטש מיט זיינע פלענער און זיי האבן זיך דערשראקן פאר דעם „אנטיסעמיטישן שפיצל" נישט ווייניקער ווי די ערשט באזעצטע קאלאניסטן. פון אדעס איז די אומרואיקע ידיעה אוועק קיין מאסקווע, צום קאמזעט און אזעט (קאמערד און געזערד) און אויך דארט אוועקגעשטעלט די טוער פאר א פראגעצייכן. דער קאמערד מיטן געזערד האבן אראפגעשיקט א דעלעגאציע, אויפגעזוכט דעם אנטיסעמיטישן פראפעסאר און גענומען מיט אים קנעלן. דערפילט אז ער איז א איד, איז זיי גרינגער געווארן אויף דער נשמה, נאר אסימילאנטן — האבן זיי זיך ווידער געטראכט — זיינען טויזנט מאל ערגער פון נישט אידן, אפילו ווען זיי זיינען אנטיסעמיטן. צום סוף, אז מ'האט זיך גוט דורכגעשמועסט, האבן די טוער פון געזערד, אפילו נישט מיט דער גאנצער זיכערקייט, מסכים געווען, פארזיכערנדיק זיך דערביי מיט דאקומענטן איבער דאקומענטן און אז דער געזערד האט מסכים געווען, האבן די אידן אויך מסכים געווען.

— וואס איז געווען דער סוף?

— דער סוף איז געווען אז די פעלדער פון די אידן, וואס זיינען פארארבעט געווען מיט מאשינען און מיט דעם פראפעסארס אנווייזונגען, האבן געגעבן אזא גערעטעניש, וואס איז אין דער געגנט נאך נישט געהערט געווארן און די ארומיקע פויערישע פעלדער האבן ווידער געליטן פון אומגערעטעניש. די אידן האבן, ערשטנס געהאט ברויט און צווייטנס, איז זיי דאס עסק געפעלן און זיי זיינען פארבליבן מיטגלידער און ארבעטער פון דעם „סאווכאז".

און אט מיט דעם „סאווכאז", וואס ער האט א נאמען געגעבן „שעווטשענקא", מחמת ער געפינט זיך אין ראיאן, וואס טראגט דעם זעלבן נאמען, איז דער פראפעסאר מארקעוויטש געקומען צו סטאלי־

נען און אים אָנגעגעבן אַלס מוסטער פון דאָס וואָס ער וויל מאַכן פון דער סאָוועטישער אַגריקולטור.

און איצט, ווי באַקאַנט, זיינען שוין פאַראַן אַזעלכע „סאָווכאָזן" (סאָוועטישע אַגראַר־ווירטשאַפט) איבערן גאַנצן לאַנד, איבער אַלע רעפּובליקן פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

אין אַ טאָל באַווייזט זיך פאַר אונדז אַ דאָרף, אַן אַלט אוקראַי־ניש דאָרף, מיט שטיבלעך אונטערגעפּירטע מיט בלויען און מיט רויטן ארום די קליינינקע פענצטערלעך, איינגעהילט אין גרינס פון סעדער און גערטנער און אין די הויפן „אַרמאַנעוועט" מען. אויף דער ערד אין אַ קרייז זיינען אויסגעלייגט די זאַנגען און אין מיטן שטייט דער פויער מיט אַ בייטש און טרייבט ארום זיך די פערד, איינגעשפּאַנטע צו אַ קיילעכדיקן שטיין, וואָס דרעשט די זאַנגען.

ווילאַנג נאָך וועט דער פויער, צוזעענדיק ארום זיך די גרויסע דערפאָלגן פון דער טעכניק, פון דער קאָלעקטיווער ארבעט, פאַרבלייבן ביי זיינע פּרימיטיווע ארבעטס־מיטלען און לעבנס־שטייגער?...

— אין סאָוועט רוסלאַנד — זאָגט מיר חבר אבראַם — קען מען קיין טערמינען נישט שטעלן. אַלץ גייט דאָ שנעלער ווי מ'רעכנט.

37

מיר פאָרן קיין קאָמזעטאָווקע. מיר פאָרן פאַרביי אַ פעלד מיט מאַיס, זייער נישט קיין גרעסטענעם; אַ טייל שטאַמען זיינען ראַכי־טישע, נידעריקע. איך בין פאַר דער צייט פון מיין נסיעה איבער די אידישע קאָלאָניעס געוואָרן אַ גאַנצן מבין אויף תבואה און אויף אַר־בעט און איך דערקען באַלד פון וואָס דאָס נעמט זיך: דער באָדן צווישן די מאַיס־שטאַמען איז פאַרוואַקסן מיט ווילד גראָז, נישט אויס־געיעט, נעמט צו די יניקה ביי דער תבואה.

אין קאָלאָניע טרעפן מיר אין שאָטן פון אַ שטיבל זיצן אויף דער ערד מיט די פּלייצעס צו דער וואַנט אָנגעשפּאַרט און די קעפּ כמעט צווישן די פיס, עטלעכע באַרוועסע קאָלאָניסטן. די פּנימער, אַזעלכע נישט גערנדיקע. דאָס מוז זיין די באַאַרבעטער פון אָט די קאָמזעטאָוו־קער פעלדער, וואָס מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן. — האָב איך מיר גע־

טראַכט. — אויך די פעלדער זיינען באַאַרבעט נישט גערנדיק. און זיי, וואָס זיצן זיי אַזוי, ווי פאַריאושטע באַלעגאַלעס מיט די אַראָפּהענגענדיקע בייטשלעך אין די אַראָפּגעלאָזטע הענט צווישן די פיס ביי אַ שווערן באַרג אַרויף?

איך שטעל אַ פּאָר פראַגן: פון וואַנען קומען זיי? ווי לאַנג זיינען זיי דאָ? ווי אַזוי האָבן זיי זיך באַזעצט?

נישט אַזוי גיך ווערט איר דאָס פון זיי געוואויר. זיי ווילן פריער וויסן ווער איך בין און פון וואַנען איך קום און וואָס בין איך דאָ אויסן און אַז איך בין פון אַמעריקע, זאָל זיין פון אַרגענטינע, ס'איז אַלציינס, פאַרוואָס שווייגט מען ביי אונדז, פאַרוואָס העלפט מען זיי נישט? אַמעריקע האָט אַ סך דאָלאַרן, נישקשה... אַלצדינג שטופן זיי אַריין קיין ארץ ישראל, צו די ארץ ישראל אידעלעך. וואָס טוט מען דאָרט מיט אַזוי פיל געלד! פּתּום מיט רעמסס וואָלט מען דאָרט געקענט אויפשטעלן פאַר דעם געלט! און דאָ איז גאָרנישט. בעט ביים „אָרט" אַ קרעדיט אויף אַ קו, אויף אַ פערד, איז נישטאָ. אַ זאָקן־פאַבריק, זאָגן זיי, וועלן זיי שטעלן אין „קאָמזעטעווקע", אַזאַ ווי אין „פרילינג".

דאָס מוז מען אויפקלערן:

אין אָדעסער ראַיאָן איז די באַזעצונג געגאַנגען אויף אַ באַזונדער אופן. דאָ האָבן זיך באַזעצט אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אייגענע מיטלען און ערשט ווען זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט און עס האָט זיי אויסגעפעלט אַ קרעדיט, איז אונטערגעקומען די „אָרט" געזעלשאַפט מיט אַן הלוואה אויף אַ פערד, אויף אַ קו, אויף צו פאַרענדיקן בויען דאָס שטיבל וכדומה הלוואות, וואָס שטייגן נישט איבער די סומע פון 500 רובל אין קיין פאַל. לעצטנס האָט די געזעלשאַפט „אָרט" געענדערט איר קרעדיט־טעטיקייט. אָנשטאָט צו קרעדיטירן די איבערוואַנדערער אויף דער ערד, האָט זי גענומען העלפן דער אינדוסטריאַליזאַציע פון די דעקלאַסירטע אידישע מאַסן. זי העלפט איינאָרדענען אין די שטעטלעך און אין די אידישע קאָלאָניעס אַרטעלן פון טריקאָטאַזש (שטריקעריי), אין וועלכע עס זיינען באַשעפטיקט די מיידלעך ביים אויסאַרבעטן זאָקן, סוועטערס א. אַז. וו. אַרויסהעלפנדיק דערמיט זייערע פאַמיליעס. די ווייטערדיקע פּלענער פון דער געזעלשאַפט,

לויט א שמועס, וואס איך האב שפעטער געהאט מיט דעם „ארט"־פארטרעטער אין אדעס, י. וויינשטיין, זיינען גאנץ ברייטע: „ארט" שטעלט זיך פאר א ציל צו העלפן אין אברייטן מאסשטאב דער אינדוסטריאליזאציע פונעם שטעטל; איינארדענען אינעם שטעטל אונטערנעמונגען אויף אויסצוארבעטן און איבערצוארבעטן די רויע שטאפן און אגראר־פראדוקטן, וואס דער באדן ארום זיי גיט ארויס; דערווייל אבער, זיינען די אידישע קאלאניסטן פון אדעסער געגנט געבליבן אן דעם דאזיקן מקור פאר קרעדיט און עס ליידן דערפון די פריש באזעצטע.

איך האב דערביי א געלעגנהייט צו דערציילן זיי וועגן דער הילפס ארבעט אין ארגענטינע, ווער עס זיינען אירע טוער, אז די רייכע אידן אונדזערע ווילן אפילו נישט הערן וועגן דער אידישער קאלאניזאציע אין רוסלאנד און די ארימע העלפן וויפיל זיי קענען און די געמיטער ביי די דאזיקע פעסימיסטן ווערן פרייער. זיי דערציילן מיר:

זיי זיינען אליין פון פאדאליע, גרויסע קבצנים געווען, נאר וויפיל מען האט געהאט פונעם פארקויפטן ירושה־שטיבל אדער פונעם ליקווידירטן קלייטל האט מען ארייגעבראכט אהער. קיין קרעדיט איז נישטא און דא איז נאך א צרה: די פריערדיקע, וואס זיינען אהער געקומען, וואס האבן באקומען קרעדיט און זיך גוט איינגעארדנט, זיינען גאנצע קנאקערס, תקיפים, האלטן זיך גרויס ביי זיך און פאראן אפעלו אזעלכע, וואס זיינען בעלנים צו מאכן געשעפט; גיבן הלוואות און צונעמען דאס ברויט דערפאר אדער נעמען ביי זיי זייערע חלקים ערד אין ארענדע און זיי זאלן זיך גיין זוכן חיונה אין שטאט צי אין שטעטל... דער פארזיצער פונעם דארפסראט איז א זייעריקער, פון די פעסטערע; דארף מען איצט דרעשן, ווייל דער פארזיצער קיין מאשין נישט נעמען. וואס איז? זיי האבן פערד, זיי קענען דאס ברויט „ארמאנעווען"; די ארימע וועלן נישט קענען דרעשן מיט דער מאשין און אנקומען צו זיי נאך פערד און זיי צאלן דערפאר... מען האט אונדז דא פיינט — שטרייכט אונטער איינער פון די זיצנדיקע און מיר ווערט קלאר די אפהענגיקייט זייערע, וואס איז זיכער אויך די סיבה פון די ניט אויסגעיעטע קוקורוזע, זונרויזן און ריצין־פלאנצן.

— וואס זשע זאגט לאזאר אבראמאוויטש?

— ווייסעך, לאזאר אבראמאוויטש. נישט בעסער פון זיי...

— ווער איז דער לאזאר אבראמאָוויטש? פרעג איך, און איך ווער געוואויר, אַז דאָס איז דער אזוי געררופענער „עלצטער ארבעטער" פון קאָמזעטעווקע, דער אינסטרוקטאָר.

מיר פאָרן פון דאָרט צו צום דאָרפסראט. דאָרט טרעפן מיר דעם פאָרשטייער פון נאצמען אין דער גרופע קאָלאָניעס, די פרוי באַגאַראַז; אַ „בויקע", ווי מען זאָגט אין דער געגנט, אַ קעמפערישע פרוי אין די מיטעלע יאָרן. נאָר איר גאַנצע קעמפערישקייט גייט לאיבוד אין דער דאָזיקער סיטואַציע. זי איז פון דעם מין פאָרשטייער, וואָס מען רופט איצט אין סאָוועט רוסלאַנד מיט אַ איראָניע: „קאָמיסאַרן"; זי שרייט, זי באַפעלט, זי סטראַשעט; אָבער צו דער פּאַריאַושטער שטי־מונג פון די פאָדאָליער קבצנים, העלפט דאָס נישט. פון לאזאר אב־ראמאָוויטשן האַלט זי גראָד עולם ומלואה. און ווי זאָל מען נישט האַלטן פון אים, אַז ער איז אַ ווירט, איינער אויף דער געגנט; אַ ווירט און אַן אָרגאַניזאַטאָר; לאזאר אבראמאָוויטש וועט שוין מסתמא ארויסהעלפן.

און אָט זיינען מיר שוין צוזאַמען מיט דער חברטע באַגאַראַז, ביי לאזאר אבראמאָוויטשן.

עס קומט צו צום אויטאָמאָביל אַ הויכער, שווארצער, אַ פאָר וואָכן נישט גערזירטער פאַרפויערטער איד. איך קוק מיך איין אין אים און פרעג אים.

— זאָגט מיר, זייט איר נישט לייזער אברהם מאצקעלערס? ליי־זער זיצער?

— יאָ, און ווער זייט איר? — פרעגט ער מיט זיין כאראקטע־ריסטישן צוגעלעגערטן, לאַנגזאַמען לשון פון אַ דאָרפס אידן.

איך רוף אָן מיין נאָמען מיט מיין יחוס און דערמאָן אים, אַז ער האָט געלערנט אין חדר ביי אונדז אין שטעטל, ער און זיין ברודער לייבל. דאכט זיך, אַז מיר האָבן גאָר אַ שטיקל משפחה שייכות. ער רופט צו לייבלען, וועלכער איז באַשעפטיקט ביי אַ וואָגן איבערגע־פּוילטע מיסט. דער איז הויך ווי זיין ברודער, נאָר יונגער און נישט אַזוי שוואַרץ. איך בין גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט און זיי פירן אונדז ווייזן זייער „באַשטאַן" (גרינסגאָרטן) און זייער פּרוכט־גאָרטן.

זיי ברענגען דאָ אַרויס אַזעלכע גרינסן, וואָס קיינער האָט נאָך דאָ נישט אַרויסגעבראַכט אין דער געגנט.

— אַז מען וויל עפּעס מאַכן, דאַרף מען זיך אָפּגעבן דערצו, אַז נישט טויג עס נישט. — זאָגט מיר לאַזאַר אַבראַמאָוויטש, וועלכן איך קען אַלס דער דאָרפס בחור לייזער אברהם מאַצקעלערס.

— איר זענט דער אינסטרוקטאָר דאָ, פאַרוואָס זשע האָט איר נישט געזען, אַז די קוקורוזע ביי די פּאָדאָליער זאָל זיין אויסגעפּראַשעוועט? — זאָג איך דערויף.

— איר מיינט — ענטפערט ער מיר — זיי גייען נישט אַרויף אויפן פעלד פּראַשעווען? נאָר אַנשטאָט צו פּראַשעווען, שטייען זיי און דערציילן זיך אויס זייערע צרות. און צרות האָבן זיי גענוג.

— און וואָס איז מכוח דעם דרעשן? האָבן זיי טאַקע אַזאַ כוח, יענער צד, אַז זיי זאָלן צווינגען די אָרימע קאָלאָניסטן צו דינגען ביי זיי פערד?...

— דאָס האָט ער שוין איינגעלאַדיעט... ער האָט גענומען אַ מאַשין — מען דאַרף זי מאָרגן ברענגען — אויף צו דרעשן דעם ווייץ ביי די פּאָדאָליער און יענע, די תקיפים, זאָלן זיי דרעשן מיט פערד!...

און באַלד איז טאַקע אָנגעלאָפן אויף אַ וועגעלע אַ איד מיט אַ פאַרשטויבטער באָרד, האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַראָפּגעשפּרונגען מיטן בייטשל אין דער האַנט:

— וואָס הייסט, לאַזאַר אַבראַמאָוויטש, איר נעמט אַ מאַשין נאָר פאַר אַ טייל פון דער קאָלאָניע און מיר זאָלן בלייבן אַזוי, נישט געדראָשן!

— פונוואַנען ווייסט איר עס? — פרעגט לייזער.

— וואָס הייסט פון וואַנען? איך קום איצט פונעם „סאָווכאָז".

— אַזוי? פאַר וועמענס זשע וועגן האָט איר געוואָלט נעמען די מאַשין, אין נאָמען פונעם דאָרפסראַט?

דער איד האָט נישט געענטפערט, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וועגעלע און איז אַוועק.

— און איך בין געגאַנגען אָנקוקן די מאַשין — זאָגט צו אונדז לייזער — פאַר דער גאַנצער קאָלאָניע; נאָר, אַז מען דערציילט מיר דאָרט וועגן אַ מעשה מיט צוויי קאָלעקטיוון און אַז דער פּאָרזיצער

פון איין קאָלעקטיוו איז געקומען נאָך אַ מאַשין, האָב איך שוין פאַר־שטאַנען וואָס מען סטרויעט דאָ...

— איר האָט זיך געהאַט געווייצלט אויף דעם דאָרפישן קלאַסן־קאַמף, נו? — זאָגט צו מיר דער חבר אבראַם, וועלכער איז ביז איצט געשטאַנען אָן אַ זייט און איינגעטענהט מיט דער חברטע באַגאַראַז אין איז צוגעקומען ווען דער איד מיט דער באָרד איז אוועק, — נאָר אַלץ די מאַשין. די תקיפים וועלן זיך נאָך קומען בעטן. אויף אַלע הונדערט פּראָצענט קאָלעקטיוויזירט זי. און אַרבעטן לערנט זי זיך אויס, די מאַשין. ביי דער מאַשין קען מען זיך נישט פוילן. מען מוז איר נאָכלויפן. צום באַדויערן פאַרשטייט מען נאָך נישט אינגאַנצן ביי אונדז דעם גאַנצן ווערט פון דער מאַשין. נאָר פאַראַן ביי אונדז אַפילו אַגראָנאָמען, אינסטרוקטאָרן, וואָס ווערן נתפּעל פאַר אַ גוט איינגע־אָרדנטערווירטשאַפט און זיינען גרייט מוחל צו זיין די באַלעבאַטים פון אַזעלכע ווירטשאַפטן אַלע זייערע „קולאַקישע" מעשים, פאַרזעענ־דיק די לאַגע פון די אָרעמע. די מאַשין אָבער אַרבעט פאַר אַלעמען גלייך און ציט אַלעמען גלייך אריין אין דער אַרבעט און זי וועט אויך אויסגלייכן די צוויי צדדים וואָס האָבן זיך געשאַפן אין קאַמזעטאָווקע.

פון קאַמזעטאָווקע פאָרן מיר אריין קיין קאַטאָווסק. אַ קאָלאָניע פון הונדערט מיט עלף הויפן. איך האָב אַ ספּעציעלן אינטערעס צו זיין אין דער קאָלאָניע. דאָ וואוינט מיינער אַ לאַנדסמאַן אַ „שם דבר", אַ טאַלנער חסידס אַ זון, פאַר וועלכן מען האָט געציטערט אין שטעטל און אַפילו די דאָרפישע שקצים האָבן פאַר אים מורא געהאַט. גערופן האָט מען אים „משה פופיק". דערציילט האָט מען מיר וועגן אים, אַז פאַר דעם ווי ער האָט זיך קאָלאָניזירט, איז ער ארומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך אַלס גבאי פון עפּעס אַ טאַלנער „אייניקל" און גלאַט אויפגעטון מעשים תעתועים.

מיר איז אָבער נישט באַשערט געווען צו זען אים. איך האָב אים אין דער היים נישט געטראָפן. ער איז געווען ביי דער אַרבעט. נאָר אָפּגעשילדערט האָט מען מיר אים אַזוי, אַז איך האָב אים דערקענט, כאָטש ער איז שוין נישט קיין טאַלנער חסיד, ווי די קאַטאָווסקער קאָ־לאָניסטן האָבן זיך געווייצלט, נאָר אַ קאַטאָווסקער און זעט אויס נישט ווי אַ גבאי פון אַ טאַלנער „אייניקל", נאָר ווי טאַראַס בולבאַ און

פירט זיך דאָ גאַנץ „סטאַטעטשנע”. פונדעסטוועגן, האָט ער ערשט פאַראיאָרן דאָ אָפּגעטון אַ שטיקל אַרבעט — דערציילן מיר די קאָטאָווסקער קאָלאָניסטן: — ער וואוינט אין עק פון דער קאָלאָניע ביים שליאַך. פאָרט דאָרט דורך אַ קאַצאַפּ מיט אַ פּאַס ווייץ אויפן וואָגן, איז ער נישט פויל, שטעלט אָפּ דעם וואָגן, בינדט צו דעם קאַצאַפּ און נעמט זיך זויפן. — נישט קיין שלעכטער ווייץ געווען — גיבן זיי צו.

— ער האָט מכבד געווען אַלעמען, ווער נאָר ס'איז צוגעקומען.

— מירן שוין באַלד האָבן אייגענעם ווייץ. — זאָגט מיר איינער פון דעם עולם אין דאָרפּפּראַט, וואוהין מיר זיינען צוגעפאָרן — כשרן אידישן ווייץ, — ווייצלט ער זיך, — נישט קיין נסך.

קאָטאָווסק האָט אויסגעטיילט פון זיך אַ צוויי הונדערט העקטאַר אויף וויינגאָרטן, וועלכער ווערט באַארבעט אונטער דער אויפזיכט פון דעם גרעסטן ספּעציאַליסט אין רוסלאַנד אין וויינגערטנעריי, פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער אַבראַמאָוויטש קיפּען, אַ ברודער פון דעם דאָ באַקאַנטן קאָלאָניסטישן טוער מיגעל קיפּען פון דאָמינגעז. דעם פּראָפעסאָר קיפּען האָבן מיר טאַקע געטראָפן אויפן וויינגאָרטן, וואָס ער איז געקומען אינספּעקציאָנירן. ער האָט אונדז דערקלערט, אַז דאָס פּלאַץ איז זייער גינסטיק פאַר וויינגאָרטן, גינסטיקער ווי אַ סך אַנדערע ערטער, וואָס האָבן אַ שם פאַר גאָר גוטע. די קאָלאָניסטן רעכענען טאַקע דעריבער אויסצוטיילן דערויף נאָך מער העקטאַרן, באַזונדערס נאָך די אומגערעטענישן אויף דער ווינטער-תבואה, וואָס די קאָלאָניע האָט געליטן. דאָס יאָר האָט שוין די קאָלניע קיין ווינטער־תבואה נישט געזייעט און זיי גיבן אָפּ זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דעם גאָרטן, וועלכער וועט איבעראיאָר געבן פרוכט.

די גאַנצע קאָלאָניע, וועלכע שטייט אויף אַ הויך אָרט, ווי אויף אַ טיש, מאַכט דעם איינדרוק פון ציכטיקייט און אויפגערוימטקייט. די צוויי גלייכע גאַסן, די לענין גאַס און שלום עליכם גאַס, פאַרענדיקן זיך און עס הויבט זיך אָן דער וויינגאָרטן, וועלכער איז אויך אַזוי ציכטיק אויפגערוימט און באַזוימט מיט שוץ־ביימלעך, כדי דער שטויב זאָל אים נישט פאַרשיטן.

דער גרעסטער רום פון דער קאָלאָניע, איז איר ברונעם. קאָטאָווסק האָט געליטן פון וואַסער־מאַנגל און מען האָט וועגן דעם ענין אַ שיין

ביסל פּאַפּיר פאַרשריבן, ביז מען האָט דאָ אויסגעבויט אַן אַרטיזאַנישן ברונעם אויף חידושים, אַ קיילעכיקע געביידע מיט אַ מעכאַניזם אַ גאַנצן, וואָס מען דאַרף נאָר צוגיין אונטערשטעלן דעם עמער און אַ קוועטש טון און עס גייט וואַסער. אַהער קומען די רבקהס שעפּן וואַסער און זייערע טאַטעס קומען אַהער אָנטרינקען די פערד און אַהער זיינען מיר אויך צוגעקומען זיך ארומוואַשן אַביסל און זיך אָפּפרישן פון דער היץ, וואָס האָט אונדז געברענט דעם גאַנצן טאָג.

מיט דער ברכה פון אַ יונג בליענדיק קאָלאָניסטיש מיידל און אונטער איר חנעוודיקן בליק, וואָס האָט אונדז באַגלייט, האָבן מיר זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג.

38

פון „קאַטאָווסק" וואָלטן מיר געקענט אַריינפאָרן קיין „ניי-לעבן", קיין „פריייערד", זייער וואוילע קאָלאָניעס, ווי חבר אַבראַם שטעלט זיי מיר פאָר, נאָר ער מוז היינט זיין אין „נייפעלד" און פון דאָרט וועלן מיר שוין צופאָרן קיין בערעזאָווקע, וואו מיר וועלן נעכטיקן. „נייפעלד" שטייט ביי דער באַן־סטאַנציע ראַוכאָווקע און דעם אריינפאָר אין קאָלאָניע מאַכן מיר איבער אַ גלאַטן מאַקאַדאַנירטן וועג צווישן בוימער. און אַזוי ווי די זון האַלט שוין ביים זעצן זיך, פאַלט דער לאַנגער שאָטן פון די בוימער אויפן וועג. מיין אָנגעגליטער פּנים און די הענט זיינען זיך מחיה מיט דער פרישקייט...

חבר אַבראַם, וועלכער דערציילט מיר ביים אַריינפאָרן אין יעדער קאָלאָניע איר געשיכטע און אירע פּראָבלעמען, דערציילט מיר וועגן „נייפעלד", אַז איר פּראָבלעם איז וואַסער. בעת זי האָט זיך געגרינ־דעט, האָט מען געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט דער סטאַנציע, זי זאָל געבן דער קאָלאָניע וואַסער, וועלכע ווערט אַהין געטריבן דורך רערן פון אַ צענדליק ווערסט ווייטער. איז אָבער עפּעס געשען מיט דער „וואַסער־לייטונג" און די סטאַנציע האָט נישט געקענט האַלטן דעם קאָנטראַקט. איצט האָט מען דעם קאָנפליקט דערליידיקט און „נייפעלד" נוצט ווייטער די וואַסערלייטונג.

אונדזער אויטאמאביל האט זיך אפגעשטעלט אויף דער ברייטער גלאטער גאס צווישן די צוויי רייען הייזער, וואס שטעלן מיט זיך פאר „נייפעלד” און דאס ערשטע, וואס מיר האבן געטון, איז אפגעפרישט זיך מיט אייזקרעם, וואס ווערט ארומגעפירט פונקט ווי אין שטאט און ווערט צוגעפירט אפילו אין פעלד אויף צו דערקוויקן די ארבעטער.

און זייער גוט האבן מיר געטון, ווארום מיט א טרוקענעם האלדז, וואלט אונדז זיכער נישט באקוועם געווען צו ענטפערן אויף אזוי פיל שאלות, מיט וועלכע מיר זיינען פארוואָרפן געוואָרן פון דעם ריידל ווייבער, וואס האט אונדז ארומגערינגלט. די מענער זיינען ביי דער ארבעט, מען שטעלט איצט די מאשין, און די ווייבער זיינען איינע אין איינער אזעלכע „באיקע” קעמפערישע.

די הויפט טענה איז אלץ די זעלבע: וואס הייסט מען לאזט אי־בער בלויז צו פיר פוד ווייץ אויף א נפש!...

עס ווייזט זיך ארויס, אז ס'איז נישט קיין פוסטער קלאנג. אזוי האט דערקלערט דער אויפגעמער פונעם „כליעבסאיוז” (ארגאניזאציע פון מלוכהשער ברויט־פארגרייטונג), איינער א דייטש.

— סקאנדאל! — שרייט אוים חבר אבראם. — ווי אזוי הייסט ער? שיקט אים רופן! מיר פארן צו צום שייער, וואו מען שטעלט די מאשין. זאל ער קומען אהין!

מיר זיינען צוגעפארן צום שייער.

— וואס הערט זיך? ווי גייט עס?

חבר אבראם זעצט זיך אוועק אויף א הויפן סנאפעס, די קאלא־ניסטן ארום אים און עס ווערט געפירט א שמועס ארום אט דער פראגע.

געקומען איז דער שליח, וואס איז געגאנגען רופן דעם דייטש, נאר אן אים; ער האט אים נישט געטראפן.

דער שמועס איז צוגעפירט געווארן צו פאלגנדע שלוסן:

צי ווילן מיר אויספילן די קאנטראקטאציע? (אפגעבן די זריעה און פופציק פראצענט א חוץ אויף די מלוכה־פרייזן) פארוואס נישט? וואס זשע, מיר וועלן זיין אייביק קעסט־קינדער?

צי וועלן מיר דעם מותרות פון דער תבואה פארקויפן דער מלוכה? אווראי, וועמען דען וועלן מיר פארקויפן?

נאָר דעם נארישן דייטש דארף מען אָנזאָגן ער זאָל נישט קומען צו אונדז קאָנפיסקירן, גלייך מיר וואָלטן געווען בונטאָווטשטשיקעס...

— ס'עט זיין רעכט! — געזעגנט זיך מיט זיי חבר אבראם און אז מיר גייען אוועק זיך אריינזעצן אין אויטאָמאָביל, זאָגט ער מיר:

— אן אומגליק מיט אונדזערע ברויט־פארגרייטער; זיי ווייסן נישט ווי אזוי צו ווענען צוצוגיין; טשינאָווניקעס... ווילן מאכן וואָס בעסער און מאכן נאָך ערגער...

ס'איז שוין געווען טונקל ווען מיר זיינען אוועק מיטן וועג קיין בערעזאָווקע.

— ס'איז דאָך א גאנצע שטאָט, נישט קיין שטעטל — רוף איך מיך אָן, דערזעענדיק דעם ישוב, וועלכער איז צעלייגט אויפן בארג.

— נישט קיין שטאָט, נאָר א הויפט־שטאָט — ענטפערט מיר דערויף חבר אבראם — די שטאָט „יוזשני גראד", וואָס ער געדענקט שוין נישט וועלכער באנדיטן־אטאמאן האָט זי געמאכט פאר זיין הויפט־שטאָט.

דאָס בריקל, פונדעסטוועגן, איבער וועלכן מיר פאָרן אריין אין דער „הויפטשטאָט" בערעזאָווקע, ראָט אונדז גאנץ שטעטלדיק מיר זאָלן זיין פאָרזיכטיק מיטן אויטאָמאָביל און נישט פאָרן דערויף צו האסטיק.

מיר בלייבן שטיין אין מארק. איידער מיר גייען זוכן אן אכסניה, ווילן מיר זיך ארומראַזירן. און אין בערעזאָווקע דארף מען קיין ראזי־רער מיט קיין ליכט נישט זוכן. פונקט ווי אין אלע שטעטלעך, וואָס מיר זיינען דורכגעפאָרן, אזוי איז אויך בערעזאָווקע רייך מיט ראזיר־הייזער. איינס נעבן אנדערן שטייען זיי אין מארק־גאס און קוקן ארויס אויף מאָרדעס און קעפ צום שאָבן.

איך קום אריין אין ערשטן, וואָס שטייט מיר פאר די אויגן. א קעראָסין־לאָמפ מיט א פארויכערט גלעזל צאנקט קוים אויפן סופיט און א יונג ווייבל באשפריצט מיט וואסער דעם פאָל אויף צו פארקערן. דערזעענדיק דעם קונה, רופט זי אריין דעם מאן, וועלכער נעמט זיך מאכן אביסל גרעסער דאָס פייער פונעם לאָמפ. ער זעצט מיך אוועק אויף א בענקל, פארשטעקט מיר א קויטיקן האנטוך ארום האלדז און נעמט מיך... מאטערן.

א גאַנצע ריי מיט פראַגן ווילט זיך מיר פרעגן ביי מיין ראַזירער. אַ שטייגער: „מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפטיקט ביז איצט?" די וויפלטע באָרד ראַזירט איר שוין אויף אייער לעבן? נאָר איך וויל נישט זיין קיין לועג לרש און איך לייד אין דער שטיל. איך שטעל מיר בלויז פאָר, אַז דער יונגערמאַן האָט זיך נישט לאַנג ערשט „פּראָדוקטיווי־זירט", געהאַלטן מסתמא אַ קלייטל און איצט זיך גענומען צו אַן אַר־בעט, צו אַ „מלאכה נקיה וקלה", צו אַ לייכטער און ריינער פרנסה... און איך בין מסתמא נישט דער ערשטער, וואָס גיט דעם יונגענמאַן די באָרד, ער זאָל זיך אויף איר לערנען ראַזירן. איך האָב אויסגעהאַלטן ביזן סוף און אים גאַרנישט באַמערקט. געגוג שפיכת דמים האָט אים פאַרשאַפט אונדזער „שאַפער"; ער איז אַריינגעקומען און געזען ווי אַזוי ער דרייט זיך אַרום מיר פון אַלע זייטן, איז ער באַלד אַרויס.

ווען דער שאַפער איז דערנאָך אַרויסגעקומען פון אַ צווייטן ראַ־זיר־הויז אַן אַרומגעראַזירטער און איך האָב אים געפרעגט ווי עס איז אים געגאַנגען, האָט ער מיר געענטפערט:

— נאָך ערגער ווי אייך.

וואָס זאָל מען טאָן? בערעזאָווקער יונגעלייט זוכן פרנסה. נישט אַלע קענען דאָך ווערן ערד־אַרבעטער און נישט אַלע קענען זיך נעמען שטריקן זאָקן, מאַכן זעלצער־וואַסער מיט „סיטראָ", קוואַס אָדער מאַ־ראָזשענע. און איר מעגט זיין זיכער, אַז דער יונגערמאַן האָט געגוג צער און בושה געליטן ביז ער האָט זיך צוגעוואוינט צו זיין נייער פרנסה.

ווער האָט דאָס געזאָגט, אַז איך פיל נישט דעם צער פון די „נעפלייט"? נעמט און ליידט וויפיל אייער האַרץ גלוסט, מיינע ליבע לעזער און לעזערנס!...

איך וואָלט אייך נאָך געקענט צוליב טאָן און אָפּמאָלן פאַר אייך דעם צער פון דער באַלעבאָסטע, וואָס האַלט די אכסניה, אַ אידענע, נעבעך, אַן אלמנה, וואָס האָט צוויי שיינע מיידלעך, און זי דאַרף צוגרייטן פאַר אונדז עפעס עסן, וואָס מיר באַשטעלן; מוזן נעבעך די שיינע מיידלעך גיין אין קלייטל איינקויפן, און דאָרט שטייט אַ בחור, וואָס נאָר ער „טשעפעט" זיך צו זיי... און מיר מוזן דאָס אַלץ אויס־הערן און אַפילו הנאה האָבן פון דער הנאה, וואָס סיי די מיידלעך, סיי

די מוטער האָבן בעת די מיידלעך קלאָגן זיך דער מוטער אויף דעם בחור.

איך ווייס, איר האָט ליב צער, אָבער דער דאָזיקער צער איז דאָך נישט קיין נייער, און אַפילו דער צער פון פאַרוואַנדלען זיך פון אַ קרעמער אין אַ ראַזירער, איז נישט אַזוי ניי פאַר אונדז אַרגענטינער, וואו נישט איין קרעמער פון דער היים איז דאָ געוואָרן אַ קאַסטן־קלאַפּער און מיט נאָך מער צער איז דאָ געוואָרן פון באַלמעלאָכעס — קוענטעניקעס.

און איצט, אַז איך האָב אייך אָפּגעגעבן אייער פּאָרציע צער, גייען מיר אַרויס שפּאַצירן אין דער נאַכט איבער דעם שטעטל בערעזאָווקע אָדער, ווי עס איז נאָך ביז היינט ליב די בערעזאָווקער „באַרישניעס" צו זאָגן יוזשני גראַד. מיר גייען לענג אויס דעם בולוואַר, אַ נאָך נישט פאַרוואַקסענער אַרומגעצוימטער פּלאַץ, מיט לענינס דענקמאָל אין דער מיט, און פאַר אונדז, ווי אַ מחנה גענדז, געפלאַכטן איינע אין דער אַנדערער, אַ שורה מיידלעך אין ווייסן, מיט בלויז אַ פּאָר בחורים אין טונקעלן איבערגעשניטן און דער געשפּרעך זייערער, דרייט זיך אַרום קאָמסאָמאָל, „אַרבפאַק" און „יעווראַבמאָל" און אַרום אַ שטעלע אין „איספּאָלקאָם".

מיר גייען אַריין אין „איספּאָלקאָם", אַ געביידע וואו עס איז אַמאָל געווען אַ „טראַקטיר" מיט אַ שענק. אין גרויסן זאַל, דער זאַל פונעם פּראָפּעסיאָנעלן פאַריין, זאָגט מען אונדז, אַז ס'איז איצט אַ זיצונג פון איספּאָלקאָם. מיר באַקוקן דערווייל די אַנדערע צימערן, אַ לייען־צימער, אַ ביבליאָטעק און אַלץ מיט בילדער פון די סאָוועטישע מלוכה־מענער, מיט רויטע לייווענטער און לאָזונגען: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַרייניקט אייך!" „פּראָלעטאַריער פון די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער, פאַרוואַנדלט די מלחמה אין אַ בירגער־קריג!" אויפ־שריפטן וועגן סאָציאַליסטישער בויאונג, וועגן דער רויטער אַרמיי, וועגן זעלבסט־קריטיק. און אָט איז די וואַנט־צייטונג: שיין געמאָלן און געשריבן. מען דערקענט, אַז דאָ האָט זיך אָפּגעגעבן איינער מיט זיין גאַנצער קענטעניש.

מיר זיינען ווידער אונטן. ביי דער זייט אין אַ „טיר", דאָס הייסט, מען שיסט אין ציל. ביים טישבאַנק איז פול מיט יונגעלייט און מייד־

לער, וואָס צילעווען און שיסן אַראָפּ די מישענעס. מיר פאַרווילט זיך פּרואוון מיינע פעאיקייטן צום שיסן, אָבער ניין; דאָס מיידל וואָס שטייט ביי דער קאַסע, פרעגט מיך אויף אַ קאַרנעט פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

אָט האָסטו דיר בערעזאָווקע!

פאַר פאַרדרוס קויפן מיר אַ פונט באַרן ביי דער בודקע, וואו אַ יונג ווייבל פאַרקויפט זעלצערוואַסער און פרוכט און פלירטעוועט מיט די קונדן. און דאָ קומט צו אַן אח לצרה, דער אַגראָנאָם לייקאַך. ער איז נאָך פון ביי טאָג דאָ און ער נעכטיקט טאָקע אויף דער זעלבער אכסניה, ווי מיר. מיר פאַרבינדן שוין אַ שמועס אַרום די קאָלאָניסטישע פּראָבלעמען.

— גוט, זאָגט ער — וואָס ער האָט אונדז דאָ געטראָפן. ער האָט אָנגעשריבן אַ באַריכט מכוח זיין לעצטער נסיעה איבער די אָדעסער קאָלאָניעס אין שייכות מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע, וואָלט ער געוואָלט הערן חבר אבראַמס מיינונג, איידער ער שטעלט אים צו.

איך דערוויס מיך דערווייל, אַז דער אַגראָנאָם לייקאַך האָט זייער אַ באַרימטן טאַטן. געווען איז אין אַדעס אַ „בופעט", וואו יונגעלייט מיט מיידלעך פלעגן אַריינקומען טרינקען זעלצער־וואַסער און עסן „פיראָזשנעס" (טשאַסטעס). לייקאַכס בופעט. געווען איז דער בופעט קעגנאיבער דעם אוספענסקע סאָבאָר, אַ באַרימטער קלויסטער. פלעגט אַמאָל איינער פרעגן אויפן אוספענסקע סאָבאָר, פלעגט מען אים ענטפערן: וואָס הייסט, איר ווייסט נישט? אַקעגן לייקאַכן...

מיר מאַכן אונדזער וויזיט אין איספּאָלקאָם און ווידער זיינען מיר אויף אונדזער אכסניה.

אַגראָנאָם לייקאַכס באַריכט איז אַביסל צו לאַנג, דאַכט זיך מיר, און איך ביך אַביסל צו מיד, דאָס איז זיכער. און אונדזערע געלעגערס זיינען געבעט און וואַרטן אויף אונדז. פונדעסטוועגן ווערט מיר קלאָר פונעם באַריכט, אַז דער אַגראָנאָם האָט פריער אַביסל צוגעזינדיקט אין דעם ענין פון קאָלעקטיוויזאַציע און וויל מיט דעם באַריכט פאַריכטן זיינע פריערדיקע טעותים. צו אָפט איז דאָרט געווען דער מין ווענדונג: „ביים צוגיין צו דער פראַגע, האָט מען, געוויינלעך, פאַרזען"...

די אָרימע אלמנה נעבעך פון דער בערעזאָווקער אכסניה, האָט ביי אונדז גענומען פאר איבערנעכטיקן פונקט אזוי פיל ווי אין א גוטן מאָסקווער האָטעל, נאָר גיי האָב טענות צו איר, אז „ווי איז צו איר אויף וואָס זי איז איבערגעקומען" און ווי זאָגט איר „מענטשן פון צער" ווי קען נישט דערביי צעגאַנגען ווערן דאָס האַרץ און א כפּרה נאָך א פּאָר קאָרבן, נאָר זאָל זי נישט פאַרווינען דעם קאָפּ.

פון בערעזאָווקע קיין אדעס איז דער וועג א גלייכער, איבערן קויאַלניק אָדער, ווי זאָגן די פּויערים, מיט דער „באַלקע", ד. ה. גלייך מיט דער קאַרפּאַטן-קייט וואָס ציט זיך פון ביידע זייטן. חבר אבראַם דערמאָנט זיך אַלעמאָל א נייעם ניגון פון „מסעות בנימין השלישי", פון „צוויי הונדערט טויזנט" אָדער פון די „דריי פינטעלעך", די זאַכן וואָס ווערן געשפּילט אין מאָסקווער אידישן קאַמער-טעאַטער, ציטירט מאָנאָלאָגן און באַשרייבט גאַנצע סצענעס פון די דערמאָנטע טעאַטער-שטיק, פון וועלכן עס נעמט אָן א חשק צו זען זיי אויף דער בינע און איך רעכן דערווייל וויפל צייט מיר איז נאָך פאַרבליבן און קום צום טרויעריקן שלום, אז ווען דער מאָסקווער אידישער קאַמער-טעאַטער וועט אָנהויבן שפּילן, וועל איך שוין זיין אויסער רוסלאַנד.

אויפן וועג דערמאָנען מיר זיך, אז מיר דאַרפן נאָך נאָפּט און מיר פאַרנעמען זיך צו דער באַן-סטאַנציע בויאַליק. מיר באַגעגענען אַן אַלטיטשקן, א וויים, ווייך אַלט פויערל, וואָס גייט מיט דעם וועג. מיר פרעגן אים דעם וועג און ער ווייזט אונדז אָן. אגב גייט ער אויך מיט דעם וועג אין א נאָענטן דאָרף. מיר בעטן אים אריין אין אויטאָמאָביל און זיינען אים מזכה מיט ציוויליזאַציע. ס'איז דעם ערשטן מאָל אויף זיין לעבן, אז ער פאָרט אין א וואָגן אָן פערד. דער אַלטער קוועלט גאָר אָן, כאָטש ס'איז אים אביסל נישט באַקוועם. ער וויל בשום אופן נישט אוועקזעצן זיך אויפן זיץ באַגלייך מיט אונדז. דאָס וואָלט שוין געווען צופיל תענוג אָנגעטון זיך אויף דער וועלט און טאַקע צופיל חוצפּה אַקעגן די „פּריצים"...

דערפאַר אָבער טרעפן מיר אָן ווייטער, נאָכדעם ווי דער אַלטער האָט זיך מיט אונדז געזעגנט, צוויי „כלאָפּצעס" (פּויערשע בחורים), וואָס גייען צופוס קיין בלאַגאָיעווקאַ (א באָלגאַריש דאָרף, וואָס האָט פריער געטראָגן דעם נאָמען בויאַליק און האָט איבערגעביטן דעם נאָמען

אויף בלאַגאָיעוואָ, אין אָנדענק פון דעם באָלגאַרישן רעוואָלוציאָנער בלאַגאָיעוו, וואָס איז פון דער באַלגאַרישער רעגירונג דערשאָסן געוואָרן. און די בלאָפּצעס, באַטראַקעס, וואָס זיינען פון הינטער אַנאַניעוו, בעטן זיך שוין מיר זאָלן זיי ארויפנעמען:

— טאָוואַרישטשי. בודטע לאַסקאַווי, פּידוועדיט נאַס טראַשקע מאַשינאַי. — חברים, הייסט עס, זייט אַזוי גוט, פירט אונדז אַביסל אונטער מיט דער מאַשין.

די „בלאָפּצעס" זיינען אַראָפּ ביים שייד־וועג און מיר האָבן אַ נייעם פּאַסאַזשיר: אַ יונג פּויעריש ווייבל. זי טרעט צו גלייך:

— טאָוואַרישטשי, איך בין נאָך אויף מיין לעבן נישט געפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל, נעמט מיך מיט ביזן נאָענטן דאָרף. און, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר אונז, דערציילט זי, אַז זי איילט זיך טאַקע, אירע אַ חברטע אין יענעם דאָרף ליגט אין קינפּעט און זי גייט פאַרקנעטן ברויט פאַר איר...

נישט ווייט פון דער סטאַנציע בויאַליק ליגט דאָס אָרט, וואו די אַגראָשול אָרדנט זיך איין, כדי איבערצולאָזן דאָס גוט אַנדרייעווקע, וואו זי געפינט זיך איצט, פאַר אַ קאָמונע, טאַקע פון שילער, וואָס האָבן דאָרט פאַרענדיקט זייערע לימודים. מיר שטייגן דאָ אָפּ. דאָ קריגט מען אַ קאַלטן טרונק וואַסער. זיי האָבן דאָ אַ „ליאַדניק" (אייזקעלער). אַ טייל תּלמידים וואוינען שוין דאָ און ברענגען אין אָרדענונג די וואוינונגען. פאַראַן דאָ אויך אַ פאַמיליע „דאַטשניקעס" (געקומענע אויף זומער־וואוינונג) פון אָדעס.

אָנגעטרונקען זיך און אָפּגערוט אין שאָטן, זעצן מיר פאָר אונדזער רייזע. מיר שטעלן זיך אָפּ אין „סעלכאָזאר", אַ אידישער קאָלעקטיוו, וואָס פאַרנעמט זיך מערסטנס מיט מילכיקס. אויך דאָ טרעף איך אָן אויף היימישע און משפּחה. די הינט דאָ זיינען אפנים נישט קיין אידישיסטן, ווי אין די אַנדערע אידישע קאָלאָניעס, און מען האָט אונדז געוואָרנט מיר זאָלן זיך היטן פאַר זיי, באַזונדערס ווען מיר זיינען געגאַנגען באַקוקן די שטאַלן, וואו מען מעלקט די קי. זיי ווייסן, אפנים, די הינט, אַז די קי גיבן דעם „סעלכאָזאר" זיין גאַנצע חיונה און מען דאַרף זיי היטן. אַז מיר האָבן באַקוקט די שטאַלן, האָט מען פאַר אונדז געבראַכט צום באַטראַכטן דעם שטאָלץ פונעם קאָלעקטיוו,

דעם בוהיי, וועלכער האָט אויף דער לעצטער אַגריקולטור־אויסשטעלונג אין אדעס גענומען די ערשטע פּרעמיע.

מיר האָבן זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פונעם כיבוד, בפרט אַז דער אָנפירער פונעם קאָלעקטיוו, מיינער אַ גלידשוועסטערקינד, האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז סעלכאָזאַרער מילך איז איינע אין דער וועלט און צו־זאַמען מיט דער מילך, האָט ער מיר שוין אונטערגעטראָגן דעם אַקטן־בוך, וואו עס זיינען געווען מיינונגען פון באַזוכער, צווישן זיי פון פּרץ הירשביין, פון זלמן רייזן. און אַז די שטאַלן זיינען טאַקע ריין און היגיעניש איינגעאָרדנט און דער עולם צאַצקעט זיך מיט זיין קאָלעק־טיוון פאַרמעגן, מיט זיין בוהיי ווי מיט זיין קעלער, האָב איך מיט פּיאַלעטעווער טינט אריינגעשריבן אין דעם בוך, אַז איך וועל וועגן דער דאָזיקער ווירטשאַפטלעכער איבערגעבנקייט דערציילן די אַרגענטינישע פריינט פון דער אידישער באַזעצונג אויף ערד אינעם ראַטנפאַרבאַנד. איך האַלט מיין וואָרט און גיב נאָך צו, אַז אַזעלכע קאָלעקטיוון קענען געגרינדעט ווערן זייער אַ סך, ווייל קיין גרויסע שטחים ערד באַדאַרפן זיי נישט.

מיט דעם באַזוך אין „סעלכאָזאַר" האָב איך פאַרענדיקט מיין נסיעה איבער די אידישע קאָלאָניעס אַרום אדעס. איצט טראָגט זיך אונדזער אויטאָמאָביל איבערן וועג מיט קוויאַלניק קיין אַדעס און לאָזט הינטער זיך אַ שטויב, אַז מיר באַקומען מער ווי איין קללה פון די פורלעך, וואָס בלייבן הינטער אונדז. און מיר אַליין זיינען אַזוי פאַר־שטויבט, אַז איך אַנטזאָג מיך אַריינצופאָרן קיין אַדעס, איידער איך באָד מיך אָפּ אינעם לימאַן אָדער אינעם ים.

ווען איך בין צוגעפאָרן מיטן אויטאָמאָביל צו מיין ברודערס וואוינונג, האָב איך דאָ געטראָפן וואַרטן אויף מיר די חברים ב. שלייפער און סאָניע עפּשטיין. איך בין געווען רויט פאַרברענט און בין ענלעך געווען צו אַ רויטהויטיקן אינדיאַנער, לויט חברטע סאָניע עפּ־שטיין און לויט חבר שלייפער — צו אַ מאַזעסווילער קאָלאָניסט, וואָס איז קאַסטשע־צייט געקומען אין שטאָט אריין.

39

ווידער בין איך אין אדעס. אינעם אַלטן אדעס, אויף וועלכן מען האָט אָנגעטון פּראָלעטאַרישע, סאָוועטישע מלבושים און עס האָט זיך נאָך אין זיי נישט איינגעלעבט. וואו נישט וואו, א שטיק ניי סאָוועטיש לעבן, גייער סאָוועטישער שטייגער און דאָס איבעריקע איז אַלט, ווי אַן אַלטע אידענע אין אַ קורצן מאָדע־קליידל.

איך זיץ אויפן באַלקאָן, וואָס גייט אריין אין הויף, און קוק מיך צו צום הויף־לעבן.

קינדער שפּילן זיך אין פּאַרזאַמלונג, מיט אַ פּאָרזיצער און אַ גלעקל, ווי זיי זעען דאָס ביי די גרויסע, ווען זיי קומען זיך צונויף אויף אַ פּאַרזאַמלונג פון „זשילקאָאָפּ" (וואוינונגס־קאָאָפּעראַטיוו). דער עלטערער פון אַלע, אַ יאָר זיבן אַלט, טיילט ווערטער: חבר פישמאַן האָט דאָס וואָרט! נאָר חבר פישמאַן, אַ האַלב נאַקעטער, אַ בּאָרוועסער, מיט אַ סטרעמפּל, קוים פינף יאָר אַלט, שווייגט, ער ווייסט נישט וואָס צו זאָגן און עס כאַפּט זיך אַ צווייטער און הויבט די האַנט. ער וויל זאָגן: „זאַיאָם אינדוסטריאַליזאַציע" דאַרף מען...

פונעם שפּיל רייסט מיך אָפּ אַ באַס־שטימע:

— „סטאַרי וויעשטשי פּאַ־קור־פּאַ־יו".

אַן אַלטוואַרג־הענדלער איז עס, מיט אַ ליידיקן זאַק אויף דער האַנט. „אַלטע זאַכן קויף איך".

ער חזרט זיין פּזמון און קוקט אין די אָפענע פענצטער אַרום און אַרום.

דער אַלטוואַרג־הענדלער האָט נאָך נישט באַוויזן ארויסצוגיין און עס קומען אריין צוויי מאַנאַשקעס, שטעלן זיך אינמיטן הויף און הויבן אָן זינגען אַ קלויסטער־ניגון, איינע מיט אַ פּישטשענדיגער שטימע, אַן איידעלע שטימע, ווי געלבלעך ווייסע סטעאַרינאָווע קלויסטער־ליכט, און די צווייטע מיט אַ גראָבער מאַנסבילשער שטימע. זיי זינגען אָפּ, שטייען און וואַרטן אַ פּאָר מינוט, נאָר אַז קיינער וואַרפט זיי גאָרנישט אַראָפּ, גייען זיי זיך אַוועק.

עס קומט אריין אַ אידענע, וואָס פאַרקויפט „סקאָמבריעס" (מאַקראָ, קאַבאַליאַ).

— פרישע סקאמבריעס! — קווטשעט זי אוים איר סחורה, וואס זי טראגט אונטערן פארמוך.

ווייבער קויפן ביי איר. עס קויפן אפילו ווייבער פון ארבעטער, וואס קענען קויפן די סקאמבריעס פאר ביליקער אין זייער „צעראב־קאאפ״ (צענטראלע ארבעטער קאאפעראטיווע), נאר זיי קויפן ביי איר פאר רחמנות, ווארום זאל זי זיך אוועקשטעלן מיט די סקאמבריעס אין גאס, וועט דער מיליציאנער ביי איר צונעמען די סחורה און אוועקטראגן אין דער מיליץ־סטאנציע. און אז זי וועט זיך שטעלן, וועט ער זי נאך ארעסטירן אויך.

איך האב שוין באוויזן צו זען ווי דאס קומט פאר. אין א פרי־מארגן, שטעלן זיי זיך אוים די אידענעס און פויערטעס לענג אוים דער גאס מיט קוישלעך פאמידארן און אוגערקעס און מיט די קעסט־לעך פרישע סקאמבריעס און ווי נאר עס באווייזט זיך דער מיליציא־נער צעלויפן זיי זיך. אנדערע לאזן זיך גיין מיטן קוישל סחורה, בלומרשט האבן זיי דאס איינגעקויפט פאר זיך אלס באלעבאסטעס.

מיין שווענערן גיט מיר אפ א גרוס, אז א שכנה האט מיך געזען ווי איך בין געשטאנען ווי אן איינגעגראבענער אויף דער גאס און צוגעקוקט אזא סצענע. איך דערמאן מיך ווי דאס איז געווען. א מי־ליציאנער איז אנגעלאפן און ביי א אינגל פון א יאר צוועלף צוגעכאפט זיין קוישל מיט סחורה. ווען דאס אינגל וואלט אים דערזען באצייטנס, וואלט ער אנטלאפן, נאר גראד האט ער געהאט קונדן, באלעבאסטעס, און אז די באלעבאסטעס האבן געזען ווי דאס אינגל לאזט זיך לויפן נאך זיין קוישל סחורה, וואס דער מיליציאנער האט צוגענומען, זיינען זיי אוועק און נישט באצאלט. איז דאס אינגל געבליבן אן דעם קוישל פאמידארן און אן דעם פדיון און אז ער ווייסט נישט וואס ער זאל פריער טון, לויפן נאכן מיליציאנער אדער זוכן די ווייבער, וואס האבן אים נישט באצאלט, צעוויינט ער זיך. אן אדעסער אינגל, אן אויס־געפרואווטער און אויסגעוואלגערטער „בעזפריזארנע״ (אן אויפזיכט) מסתמא, וואס האט זיך גענומען צו האנדל, האט זיך צעוויינט. און ביי מיר, אזא פארשאלטענע טבע האב איך, האט פארקלעמט ביים הארצן און איך בין געבליבן שטיין ווי אן איינגעגראבענער. און ערשט ווען איך האב מיך אפגעריסן פונעם פלאץ, האב איך א טראכט געטון:

און אפשר איז דער מיליציאָנער גאָרנישט אַזאַ גזלן? וואָרום אַ אינגל פון צוועלף יאָר דאַרף נישט האַנדלען מיט אַ קוישל פּאָמידאָרן, נאָר זיך לערנען אין שול, וואו מען גיט עסן און קליידונג און זיך לערנען אַ פאַך'... נאָר מיין שווער ערן געפעלט דאָס, איך בין נישט קיין „הארצ־לאָזער באָלשעוויק"... אגב, קומט זי ערשט פונעם „אָטשערעד" און איז בייז אויף די באָלשעוויקעס. ווען ווערט מען שוין פּטור פון די „אָטשערעדן"? — טענהט זי.

— ווער הייסט אייך שטיין אין „אָטשערעד"? — טענה איך זיך אוים מיט איר — גייט מען נאָך ברויט, נאָך פלייש, פריער אַביסל, שפּעטער אַביסל. ס'האָט זיך שוין דען געמאַכט, אַז עס זאָל פאַר עמיצן נישט קלעקן קיין ברויט אין אַדעס? מען באַקט דאָך מסתמא לויט אַ חשבון! פאַרקערט, ערשט איצט ווייסן דאָך די בעקערייען וויפל זיי דאַרפן באַקן, לויט דער צאָל ביכלעך און לויט דעם סכום ברויט, וואָס סע קומט אויף יעדן ביכל לויט דער צאָל עסערס.

— כ'ווייס — זאָגט זי — מען האָט זיך אַזוי איינגעוואוינט. געווען אַ צייט, וואָס סע פלעגט טאַקע נישט קלעקן און אַז מען האָט זיך נישט געשטופּט און אַז מען פלעגט נישט אויפשטיין פּאַרפּרי צו פאַרכאַפּן אַ פאָדערשט פלאַץ אין „אָטשערעד", פלעגט מען אַהיימגיין אָן ברויט. און אונדזערע אַרבעטער — זאָגט זי — סע זאָל זיי צו קיין בושה נישט זיין, פלעגן נעמען ברויט אויפן ביכל פונעם „פּראָפ־סאָיוז" (פּראָפעסיאָנעלער פאַריין) וויפל זיי האָבן געוואָלט און דער־נאָך פאַרקויפן פאַר די וואָס ס'האָט פאַר זיי נישט געקלעקט.

דער „אָטשערעד" איז אַן אמתע פּלאָג, וואָס איז פאַרבליבן פון די מאַנגל־צייטן און איצט איז אים שוין שווער אויסצואוואָרצלען. אַן אינסטיטוציע אַזאַ, איז ער געוואָרן, דער „אָטשערעד". דאָרט טרעפן זיך די ווייבער און ריידן זיך אוים די ביטערע הערצער, ריידן רכילות און פאַרבינדן קאָנטשאַפט. און פאַראַן אַ סך, וואָס האָבן זיך דאָס געמאַכט פאַר אַ פּרנסה. פאַראַן גאַנצע פאַמיליעס, וואָס שטייען אין אָטשערעד פון דעם אָדער יענעם סוחרס וועגן. טרעפט אַ סחורה, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין די קראָמען, ווייסט מען שוין, אַז דאָס האָט עפּעס אַ „נעפּמאַן" אָנגעשטעלט די „אָטשערעד"־שטייער, וואָס אַרבעטן פון זיינעטוועגן, זיי זאָלן דאָס אַרטיקל אויסקויפן און ער פאַרקויפט

שוין דעמאָלט ווי טייער ער וויל און אַפילו די קאָאָפּעראַטיוועס מוזן אָנקומען צו אים נאָך דעם אַרטיקל און צאָלן אַ דאָפּלטע פּרייז.

אַנדערע גיבן עס אָן פאַר אַ פּסיכאָז אַזאַ. מען דערציילט וועגן דעם געוואַלטיקע קוריאָזן. דערציילט מיר מיינער אַ קוזין. ער האָט זיך אַמאָל אָפּגעשטעלט ביי אַ טיר, וואו ער האָט געדאַרפט אַריינגיין. אָנגעקלונגען און וואַרט מען זאָל אים עפענען. קומט דערווייל צו אַ פּאַרשוין און שטעלט זיך אַוועק הינטער אים און נאָך דעם צווייטן, איז שוין צוגעקומען אַ דריטער. און אַלע שטעלן זיך איינער הינטערן צווייטן. און אַז מען איז אַרויסגעקומען און געעפנט די טיר, איז שוין געשטאַנען אַ לאַנגער עק און איינער האָט געפרעגט דעם אַנדערן: „וואָס גיט מען דאָ?” דאָס הייסט, וואָס פאַר אַ פּראָדוקט אַזעלכער, וואָס האָט אויסגעפעלט אין שטאָדט איז אָנגעקומען און מען גיט אים אַרויס.

עס פאַרשטייט זיך אויך, אַז ווען מען פלעגט אַרויסגעבן אַזאַ דעפיציטן פּראָדוקט, פלעגט מען שוין קויפן מער וויפל מען האָט געדאַרפט, באַוואָרענען זיך אויף שפּעטער, און אַזוי אַרום איז ווידער געשאַפן געוואָרן אַ מאַנגל.

ווי איך זיץ און הער די מעשיות וועגן אָטשערעד, דערהערט זיך פון הויף אַ פעסטע מיט ים־זאַלץ אָנגעזאַפּטע טאָלטשאָק־שטימע, וואָס האַלט אַ גאַנצע בעטלערישע דרשה. איך קוק אַראָפּ און זע אַ יונג אַ גבר, איינער פון די אָדעסער יונגען, וואָס זיינען פון אינגלווייז גע־וואַקסן אין מאַרק אַלס קעשענע־גנבים און אין די רייפע יאָרן „גע־גאַנגען אויף כוח” אָדער געוואָרן אַ „סופּניק” (אַן אַלפאָנס) צו אַ קאַטערינשטשיק. זיין דרשה האָט ער אָפּנים גוט איינגעחזרט, כאָטש די צונג לייגט זיך אים נישט צו די ווערטער:

„ליבע אידן, אידן בעניי ראַכמונעס, איך זאָלט מיר הובן אַ גיט יור מיט אייערע סעמייסטוועס, אַזוי ווי סע גייט דער כוידעש עלעל, זאָלן אַלע אידן הובן אַן אויסגעבעטן יור מען זאָל שוין נישט וויסן פון קיין שלעכטס. שענקט אַ נעדוואָווע, איר וועט מעכאַיע זאַן מאַן וואַב מיט מאַנע קינדערלעך. גאָט זאָל אַך גיבן געזינט אין פאַרנוסע”...

פאַר דער צייט, וואָס איך בין געוועזן אין אָדעס, דריי וואָכן צייט, האָב איך עטלעכע מאָל אויסגעהערט אָט דעם פּזמון, וואָרט אין וואָרט, פון דעם דאָזיקן יונג מיט זיין פעסטער שטימע, וואָס איז פול מיט

ים־זאַלץ און מיט „טאַלטשאָק". און אַזוי טאַלעראַנט זיינען די אָדע־סער, אַז זיי טרייבן אים נישט אַרויס און פאַראַן אויך אפּנים מענטשן מיט רחמנות, וואָס וואַרפן אים אַריין אין היטל, ווי מען וואַרפט אַראָפּ פאַר אַ קאַטערינשטשיק.

מיין ברודער איז געקומען פון דער אַרבעט און מיר גייען זיך באָדן. צום לאַנזשעראָן גייען מיר. איבער דער געוועזענער מאַראַזלי־גאַס. אין שאָטן פון אַ הויז, אויף אַ גרין באַוואַקסענעם טראָטואַר, זיצן פיר אָדער פינף אידן, קענטיק, אַלטע באַלמעלאָכעס, וואָס קענען מאַכן אַ „שעהאַקל", מיט אַלטער פּראַקטיק פון „מאָהאָריטשן" (אָפּמאַך־בראָנפן) און פון „רעמעסליענע־אופּראַווע"־קערמעשלעך און מען טיילט זיך מיט אַ האַלב־קוואָרט־פלעשל, צובייסנדיק מיט אַ „סקאָמבריע" אָדער מיט אַ זויערער אוגערקע. דאָס כאַפּן זיי איבער נאָכן באָדן זיך.

גייענדיק מיט דער גאַס, וואָס פירט צום ים, ווייזט מיר מיין ברודער:

— געדענקסט, דאָס איז געווען דער פּאַלאַץ פונעם פּערסישן „פּאָ־סאָל" (אַמבאַסאַדאָר), היינט איז עס אַן אָפּרו־הויז פאַר אַרבעטער. דאָס ערשטע אָפּרו־הויז, וואָס מען האָט געגרינדעט אין אָדעס.

קעגנאיבער איז אַ שיינער שפּאַציר־פּלאַץ, מיט בלומען וואָס פאַר־שמעקן די געגנט, מיט בענק צום זיצן.

— געדענקסט דעם אַלעקסאַנדראָווסקע פּאַרק? אין די הונגער־יאָרן איז פון אים קיין איין בוים נישט געבליבן, מען האָט אַלץ אויסגעהאַקט און אויסגעהייצט. איצט, מאַכט מען דאָ אַזעלכעס, וואָס אָדעס האָט נאָך נישט געזען.

מיר זעען טאַקע ווייטער צווישן די יונגע בוימער צעגראָבענע ערד. עס אַרבעטן דאָ כמעט נאַקעטע, אין באָד־קאָסטיומען און נאָך ווייניקער צוגעדעקט זייערע בראָנזענע לייבער, מיט וועלכע זיי שטאָלצירן, מע־נער און פרויען. אויפן וועג אַראָפּ צום ים, ווערט אָפּגעגראָבן אַ באַרג מיט אַ משופּע, כדי ער זאָל נישט אָפּוואַלגערן און עס ווערט אויסגע־גלייכט דער וועג צום ים. דאָ אַרבעטן נאָך מער מענער און פרויען, וואָס ברענען אויף דער זון זייער געגוג שוין ברוינעם קערפּער.

— דאָס זיינען אַרבעטלאָזע, וואָס מען גיט זיי געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

א פארברוינטע שלאנקע מויד, קוים צוגעדעקט דאָס לייב מיט א פּאָר באָד־הויזלעך, מיט אַ „ליפטשיק" אויף די בריסט, און מיט אַ רויט טיכל אויפן קאָפּ, יאָגט מיט איר טאַטשקע ערד און שרייט אויף אָדע־סער וואוילערישן לשון: „היט זעך, נעם צו די פיס!"

אויף צוזוקומען צו דער פּליאַזש מוז מען באַצאָלן. זיינט איר א מיטגליד פון פּראָפעסיאָנעלן פאריין קאָסט דאָס אייך פינף קאָפּיקעס און אַז איר זיינט נישט קיין מיטגליד מוזט איר באַצאָלן גאַנצע צען קאָפּיקעס.

אויב איר ווילט אייער אָנטון נישט געטרויען דעם דרויסן, זיינע דאָ פאראַן קעסטלעך, וואו איר גיט עס אָפּ צום פארשליסן און איר באַצאָלט דערפאר ווידער אַ „פּיעטאַקל" (פינף קאָפּיקעס). די קעסט־לעך ווערן אָפּגעגעבן פונעם שטאָטראַט אין אַרענדע און איצט האַלט זיי בשותפות מיט אַ צווייטן, איציק.

דער דאָזיקער „שומר בגדים" איז ווי געבוירן צו אָט דער אַרבעט. ערשטנס, שוין זיין ריידן איז אַזוי פּוטערדיק ווייך, כאָטש זיין קול פּאַרמאָגט אין זיך געגנוג ים־זאַלץ, און ער גיט אייך אַלץ נאָך. זיינט איר נישט צופרידן מיט די באָלשעוויקעס, דערציילט ער אייך מעשיות ווי אַזוי זיי פירן שלעכט. אָט האָבן זיי געמאַכט פון „אָדעסקיאַ איז־וועסטיאַ", וואָס איז געווען אין רוסיש, גאָר „טשערנאָמאָרסקאַיאַ קאָ־מונאַ" אין אוקראַיניש: ס'איז דען נישט קיין „פּראַיזוואָל" (אַ געוואַלט־טאַט)? אָט וויל איך לייענען אַ צייטונג, קען איך נישט. — קלאָגט ער זיך, נאָכדעם ווי איינער פון זיינע קונדן גיט זיך אַ זידל אויס: — אַזאַ יאָר אויף „זיי"!...

— לייענט מען אַ אידישע — רופט זיך אָן אַ יונגערמאַן, וואָס איז שוין אויסגעטון און הייסט זיך צושליסן דאָס קעסטל. דאָ מוז זיך שוין דער שומר בגדים פאַרענטפערן:

— אָט זאָגט מען דאָך גאָר, אַז זיי האָבן געמאַכט פון אידיש אַזוי, אַז מן קען עס גאַרנישט לייענען.

זיין קול מישט זיך ביי מיר אויס מיטן קול פונעם געוועזענעם גנב אָדער קאַטערינשטשיק, וואָס בעט אַ נדבה אין נאָמען פון ראש־חודש אלול!

ביים פּליאַזש שלים איך קאַנטשאַפּט: קולטור־טוער, געזעלשאַפט־לעכע טוער, אַרטיקע און אורלויב פון דער פּראָווינץ, פון פּאַ־דאָליע; לערער וואָס זיינען געקומען אויף איבערגרייטונג.

ווען איך האָב מיך שוין אָנגעטון אויף אַהיימצוגיין, גייט צו צו מיר אַ דריבנע מענטשל, וועלכער איז ביים פּליאַזש געזעסן אָן אַ זייט און זיך צוגעהערט צום שמועס:

— איך האָב געהערט איר זיינט אַ רעדאַקטאָר פון אַ אידישער צייטונג פון אויסלאַנד, וויל איך אייך טאַקע פרעגן: היתכן, אַט בין איך אַ לערער, איך האָב פריער געלערנט העברעאיש מיט קינדער, מען האָט עס געפּאַדערט. איצט וויל איך זיין אַ לערער אַ סאָוועטישער, איז ניין, לאָזט מען מיך נישט צו. איך בין עפּעס אַ פּאַרצייטיקער מענטש? איך קען לערנען אַלע למודים וואָס מען לערנט אין די סאָ־וועטישע שולן. ביז דאָ נישט לאַנג האָב איך נאָך געהאַט אַ פּאָר פּרי־וואַטע לעקציעס, איצט האָב איך זיי אָנגעוואוירן. ווער דאַרף היינט האָבן העברעאיש? איר זעט? — ווייזט ער מיר אויף זיינע שיך, פון וועלכע עס זעען זיך אַרויס די פינגער — גוט ס'איז היינט זומער... מילא, עסן, וויפל באַדאַרף איך? נאָר טאַקע, ווייל ס'איז זומער, מען זעט אַ פּרוכט, אַ פּשאָנקע, גייען איבער די דמים... פרעג איך אייך, איז גוט?

— ניין, — זאָג איך אים — ס'איז נישט גוט און קויף דערווייל אַ פונט פלוימען ביים שטעלכל און בין אים מכבד מיט אַ פּאָר. — ניין, ס'איז נישט גוט. די רעוואָלוציע — רייסט זיך ביי מיר פון מויל, נאָר איך זאָג דאָס נישט, ווייל איך וויל אים נישט ווי טאָן — די רעוואָ־לוציע האָט אַ היפּש ביסל מענטשן צעריבן אונטער אירע רעדער און אייך אויך. קענט איר זיך ארויפכאַפּן אויפן וואָגן, כאַפּט זיך וואָס שנעלער, אַז נישט ווערט איר צעריבן. אמת, איר ליידט פאַר פרעמדע זינד, פאַר די זינד פון די רייכע. איר זיינט נישט מער ווי אַן אָרימאַן, וואָס האָט געזוכט פרנסה און געלערנט זייער תורה, נאָר די רעוואָלו־ציע האָט איר תורה און נעמט אירע לערער פון צווישן די, וואָס האָבן זי, די רעוואָלוציע, מיט איר תורה, געהאָלפן שאַפן...

ווי געזאָגט, האָב איך אים דאָס אַלצדינג נישט געזאָגט. איך בין בענאַנגען, געגעסן פלוימען און מכבד געווען דעם העברעאישן לערער,

וואס די פינגער פון די פיס האבן ביי אים ארויסגעקוקט פון די צע־ריסענע שיך און האב געשווינג.

ווען מיר האבן זיך געזעגנט, האט ער, דוכט מיר, קיין שלעכטס וועגן מיר נישט געטראכט. ער האט מיר אפשר בלויז מקנא געווען, וואס איך וואוין אין אזא לאנד, וואו עס גילט נאך די אלטע לערעריי, וואו ער וואלט זיך נאך געקענט צושלאגן פאר א לערער אין א תלמוד תורה אדער אין א תרבות־שול, און זיינע באלעבאטים וואלטן פון אים אנ־געקוואלן.

נאך א שטיק ספעציפיש אדעסער אלטקייט איז מיר באשערט געווען אנצוטרעפן נאך דעם זעלבן טאג. בעסער געזאגט, דיזעלבע נאכט. איך בין געזעסן ביז שפעט ביינאכט, ביז איינס אזייגער אוודאי, אויף „קוליקאווא פאליע", א פלאץ נעבן אדעסער וואקזאל. און ווי ספעציעל פון מיינעטוועגן, דעם גאסט, דעם אדעסיט, וואס האט שוין באלד פיר און צוואנציק יאר אדעם נישט געזען, האט א חברה וואוילע יונגען אויסגעזונגען דעם גאנצן אמאליקן אדעסער געזאנגס־רעפערטואר, אנהויבנדיק פון „מארוסיא", ביז „וואגיא פארען ביל פריגאזשי" אויס־מישנדיק דאס ליד וועגן סטענקא ראזין מיט די האלב רוסישע האלב אידישע גנבים־לידער, וואס זייערע ניגונים זיינען אויך האלב רוסיש און האלב אידיש, מיט די אלטע „באלגארישן" פון די אמאליקע אדע־סער שאנד־הייזער, וואס זיי האבן אוסגעזונגען און אויך אויסגעטאנצט.

ווען איך האב שפעטער וועגן דעם דערציילט די חברים פון אדע־סער „געזערד" און פון „אידישן ארבעטער", האבן זיי מיר נישט געוואלט גלויבן. וואויגען אין אדעס און קענען עס נישט.

און אז דער „קאנצערט" איז געווען נישט ספעציעל פון מיין כבוד וועגן, האב איך געהאט א סימן שפעטער מיט א פאר טעג, ווען איך בין געגאנגען אויף א באזוך אין א פאבריק אויף א הינטערשטער גאס און האב געהערט א אינגל פון א יאר פערצן „אויסזינגען" מיט דעם זעלבן קנאק אן אלטן הפקרדיק אויסגעלאסענעם „באלגאריש".

40

היינט פרי האָב איך געמאַכט אַ באַזוך אין דער גרויסער שיך־פאַבריק אויף טראַיצקע (זינאָוויעוו גאַס) 13. די פאַבריק טראָגט דעם נאָמען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און איר געשיכטע איז די גע־שיכטע פון אַ סך גרויסע שיך־פאַבריקן. איינצלנע שוסטער, קאַמאַשנ־מאַכער און קאַמאַשנשטעפּער האָבן זיך צוזאַמענגענומען און געשאַפן אַן אַרטעל, אַ שותפותדיקע ווערקשטוב און פון דער דאָזיקער וועדק־שטוב איז געוואָרן די פאַבריק, מיט די מאַשינעס, וואָס פאַרנעמען אַ קאַרפּוס פון עטלעכע גאָרנס, וואו מען אַרבעט מיט אַ קאָנווייער סיס־טעם.

קיין נייעס איז שוין פאַר מיר די אײַנאָרדענונג נישט געווען, מחמת איך האָב שוין אַזאַ געזען אין כאַרקאָוו. נאָר די סביבה איז פאַר מיר אַזאַ היימישע. פאַראַן דאָ אַ פּאָר באַקאַנטע: לייב יאַכנאָוויטש, דער געוועזענער קאָרעספּאָנדענט פון „די פּרעסע", וועלכער האָט זיך אויף דער עלטער גענומען פּראָלעטאַריזירן און זיך אוועקגעשטעלט ביי אַ מאַשין, וואָס קלאַפּט־צו פּאָדעשוועס; פאַראַן דאָ טענענבוים, אַ קאַ־מאַשנמאַכער, וואָס איז אין בוענאָס איירעס געווען אַ מיטגליד אין דער גרופּע „אַרבעטער פריינט" און היינט איז ער אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי; פאַראַן דאָ אַלעקסאַנדער גוטקין, וועלכער איז ערשט מיט אַ דריי־פיר יאָר צוריק אָפּגעפאָרן פון אַרגענטינע. און דערצו זיינען דאָ פאַראַן אַלטע אָדעסער קאַמאַשנמאַכער, אָרגאַניזאַטאָרס און אָנטיילנעמער אינעם ערשטן אָדעסער קאַמאַשנמאַכער־שטרייק, די קאַ־מאַשנמאַכער, וואָס געדענקען נאָך שאַפּיראָס טראַקטיר, וואו זיי האָבן געהאַט די בירזשע און וואו עס האָבן אין יענע יאָרן פון 1901 ביז 1906, איינמאָל אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג די גנבים, וואָס האָבן אַרויסגעטראָגן אַ רעזאָלוציע פון סימפּאַטיע צו דער רעוואָלוציע, וואָס וועט זיי אויסלייזן פון דעם נישט שיינעם ברויט זייערן. טשיקאַווע פאַסירונגען, וואָס מיר געדענקען צוזאַמען, דערגעענטערן אונדז.

זיי שטייען, אָט די עלטערע קאַמאַשנמאַכער, ביי די צושניידער־טישן, אַ קוואַליפיצירטע אַרבעט, דאָס צושניידן און אַרויסנעמען פון אַ פעלכל לעדער וואָס מער און מען קען עס נאָך מיט קיין מאַשינעס נישט

פארבייטן. און זיי זיינען מיוחסים. ארום און ארום מיוחסים. עס קומט אפילו אויף דעם געביט צו סכסוכים; וואס ווייסן זיי, די יונגע, די קאמסאמאלצעס? וואס האבן זיי דען דורכגעמאכט? אט מיר, אלטע קעמפער... און די יונגע, דאס אייגענע פארקערט: אלטע שקראבעס, זיינען שטעקן געבליבן אין שאפיראס טראקטיר און ביים שטרייק... ביים „בונד"... און דאס ווארט „בונד" ווערט דא ארויסגערעדט מיט אזא פאראכטונג, אז די אלטע מוזן זיך נעמען פארטיידיקן: „ווען מיר זיינען געוועזן אין „בונד", איז דער „בונד" געווען א רעוואלוציאנערע ארגאניזאציע, הירש לעקערט איז געווען אין „בונד". פאר לעקערטן האבן די יונגע דרך־ארץ און עס ווערט שלום, נאר נישט אויף לאנג. צווישן די יונגע מיט די אלטע קומט עס צו אפטע סכסוכים.

ווי רעוואלוציאנער זיי זיינען אמאל געווען, די אלטע קאמאשנ־מאכער, זיינען זיי איצט קאנסערוואטיוו, שטעלן זיך קעגן די נייע איינפירונגען. און ס'איז קיין חידוש נישט, זיי זיינען, מיט זייער גאנ־צער פראלעטארישקייט, געווען נישט מער ווי באלמעלאכעס, קאנדי־דאטן אויף אן אייגן ווארשטאטל און קענען נישט האבן דיזעלבע פסי־כאלאגיע פון דעם אלטן פאבריק־ארבעטער און בפרט פונעם יונגן, וועלכער נעמט אלץ אויף איןברייטן סאוועטישן מאסשטאב. דער עלטערער אדעסער ארבעטער פון די קליינע ווארשטאטלעך איז גע־בליבן מערסטנס באגרעניצט אין זיין קוק אויף זאכן און איז זייער נישט צופרידן מיט דעם נייעם טעמפ פון דער ארבעט און מיט דעם פארנעם בכלל; ער געוואוינט זיך שווער צו צו דער פינקטלעכקייט און גענויקייט פון דער פאבריק. נאר ערשט, אז ער באטראכט וואס דאס נייע גיט אים עקאנאמיש און געזעלשאפטלעך, שליסט ער שלום דער־מיט.

איך האב אט די אלטע שפעטער געטראפן אין אפרו־הויז אין א גרויסארטיקער ווילע פון א געוועזענעם גענעראל אויפן פראנצויזישן בולוואר; זיי האבן זיך בארימט פאר מיר מיט זייערע דערגרייכונגען: אט וועלן זיי איינגיבן האבן אן אייגן הויז, טאקע אויף לעקערט־גאס און... וואס זאגט איר אויף אט דעם גארטן?... איין גענעראל האט דא געוואוינט, מיט זיין פאמיליע, מיט א בינטל דינער, לאמיר זאגן, און היינט... מיר האבן דא גימנאסטיק, טעאטער, מוזיק אייגענע.

— וויפיל זיינט איר דאָ?

— אַ פינף הונדערט. די ווילע וואָס אָקעגן איז נאָך אַ גרעסערע. אין די אַלע ווילעס, וואָס ציען זיך מיט דעם פראַנצויזישן בולוואַר ביז אַרקאַדיע און נאָך ווייטער, זיינען אַלץ אָפּגעגעבן אויף אָפּרו־הייזער.

— וויפיל ביזטו צוגעקומען פאַר די פאָר וואָכן? — פרעגט מיין באַגלייטער איינעם פון די אַלטע.

— איך וואָלט נאָך מער צוגעקומען, ווען נישט דאָס באַלעווען זיך. צווישן יונגע ווערט מען אויך יונג און עס גלוסט זיך באַלעווען.

מיר שפּאַצירן זיך דורך איבער דעם גאָרטן, צווישן זיינע אַלייען און ביימער, צו דער מוזיק־עסטראַדע, מיר באַקוקן די מענער־וואַוינונגען, די פרויען־וואַוינונגען, דאָס טעאַטער־פּלאַץ, מיט דעקאָראַציעס אויפגעשטעלטע, צוגעגרייט, ווי עס ווייזט אויס, צו אַ פאָרשטעלונג און עס גלוסט זיך נישט אַוועקגיין פון דאַנען. און איך וואָלט נאָך דאָ פאַרבראַכט גאַנץ שפּעט, ווען איך זאָג נישט צו דעם חבר פּאָזאָמניק, דעם פאָרזיצער פונעם „פאַבקאָם" (פאַבריק־קאָמיטעט), אַ זייער טיכטיקער חבר פון פּוילן, אַז איך וועל קומען אין קלוב פון דער פאַבריק, וואו ער וועט וואַרטן אויף מיר.

דער קלוב פון דער שיך־פאַבריק רופט זיך אויפן נאָמען פון ראָזע לוקסעמבורג און פאַרנעמט די געביידע פון דער באַרימטער בראָדער שיל, אויף דעם עק פון די גאַסן פּושקין און זינאָוויעוו.

דאָס איז די איינציקע שיל אין אָדעס, וואָס מען האָט אַוועקגענומען. געדאַוונט האָבן דאָ די גרעסטע אָדעסער גבירים, וואָס זיינען זיך צעלאָפן בעת דער רעוואָלוציע. מען האָט די שיל, פאַרשטייט זיך, עטוואָס איבערגעבויט, אָבער גאָר באַקוועם פאַר אַ קלוב איז זי נישט. דאָס איינציקע באַקוועמע אין איר, איז דער זאַל פאַר פאָרשטעלונגען, וואָס נעמט אַריין אַ צוויי טויזנט מאַן. דער לייען־זאַל, מוז זיך געפינען אין אַ לאַנגן דורכגאַנג, וואָס האָט פריער פאַרגעשטעלט מיט זיך די ווייבערשע גאַלעריע.

חבר פּאָזאָמניק האָט מיך אַרומגעפירט איבער אַלע איינגעריכטעטע צימערן פונעם קלוב און האָט מיר אויך באַוויזן דעם אָרגל: אַ גאַנצע מאַשין, וואָס מען באַדאַרף צו איר האָבן אַ ספּעציעלן מענטשן אויף צו ברענגען איר אין באַוועגונג, בעת דער שפּילער שפּילט. איצט

ווערט דער אָרגל מער נישט באַנוצט, מחמת דער איינציקער וואָס האָט געקענט שפּילן אויף דעם אינסטרומענט, אַ פּוילישער קריסט, איז איצט אָפּגעפאָרן און שפּילט ערגיץ אין אַ באַרימטן קאַטעדראַל־קלויסטער. חבר פּאָזאָמניק האָט מיך פונדעסטוועגן מהנה געווען מיט אַ פּאָר קלאַנגען פון דעם אָרגל, ציענדיק אַליין דעם שטריק, וואָס איז דערצו נויטיק געווען. צווישן די פאַרשידענע זייטיקע צימערלעך, האָט חבר פּאָזאָמניק נישט פאַרגעסן צו באַווייזן מיר דאָס צימער, וואו דער חזן מיט די משוררים פלעגן יום־כיפּור עפּעס איבערכאַפּן צווישן איין תפילה און דער צווייטער.

אין אָוונט בין איך געווען אין דעם קלוב אויף אַ פאָרשטעלונג. געשפּילט האָבן אוקראַינער. זיי האָבן אויפגעפירט דריי רעווי־אַקטן. די טעמע פון די רעווי־אַקטן איז זעלבסט־קריטיק: צוויי רעפּאָרטערס, למשל, מאַכן אַ באַזוך אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס און די בינע שטעלט פאָר וואָס זיי טרעפן דאָרט: אַ מאַשין־מיידל, וואָס פּוידערט זיך און הערט נישט אויף קוקן אין שפּיגעלע; אַן אָנגעשטעלטער, אַ פוסטער פּראַנט, וואָס האַלט זיך פאַר אַן אינטעליגענט און ווייסט פון זיין חיות נישט, פּלאַפּלט וועגן אַלץ און פאַרשטייט גאָרנישט; אַן אַלטן פאַבריק־אַרבעטער, וואָס קען זיך נישט אָפּגעוואוינען פון נעמען אַ טרונק בראָנפן; וואוילע יונגען, וואָס באַפאַלן די רעפּאָרטערס און זיי ראַדעווען זיך דערמיט וואָס זיי שטעלן אָן אויף זיי די פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און עס טוט זיי הנאה, וואָס זיי וועלן פיגורירן אין די גאַזעטן. אַן אַנדער רעווי באַשעפטיקט זיך מיטן פאַמיליען־לעבן: דער פאָטער איז אַ גאַנצער קאָמוניסט, ער האָט זיך אָנגעהערט מיט לעקציעס וועגן די נייע באַציאונגען אין דער פאַמיליע, וואו דער פאָטער איז נישט קיין הערשער און באַפעלער, ער האָט אַפילו אויפגעהאַנגען אַ פּלאַקאַט מיט אַזאַ לאָזונג אויף דער וואַנט. נאָר אָט קומט ער פון דער אַרבעט און עס פאַלט אויף דער שטוב אַ פּחד; מיט דעם זעלבן דעקלאַמאַטאָרישן טאָן, וואָס ער חזרט איבער די לעקציעס וועגן די נייע באַציאונגען אין דער פאַמיליע, דערגייט ער די יאָרן דעם ווייב מיט די קינדער, פאַרוואָס מען פאָלגט אים נישט, פאַרוואָס מען האָט פאַר אים קיין דרך-ארץ נישט. ביז די קינדער, פּיאָנערן, פאַלן אויף אַ שפּיצל און סאַמע דעמאָלט ווען ער צעכעסט זיך, טראָגט מען אים אונ־

טער דעם פּלאַקאַט, וואָס ער האָט אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט און ער לאָזט אַראָפּ די הענט ווי אַ באַזיגטער.

צווישן, קומען טאַנץ־נומערן, באַלעט. דער עולם זיצט און גענישט. נאָר בעת די אַנטראַקטן שמועסט מען צווישן זיך און מען האָט טענות, למאַי די פאַרוואַלטונג פונעם קלוב האָט דערלאָזט אַזאַ פּראָגראַם, ווי טענץ גאָר, וואָס ברענגט קיין שום נוצן נישט דער סאָציאַליסטישער בויאונג. „יעדער ספּעקטאַקל וואָס ווערט ביי אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד געשטעלט, דאַרף האָבן אַ קלאָרע און באַשטימטע אויפגאַבע, העלפן דער סאָציאַליסטישער בויאונג”. די דאָזיקע פראַזע פון אַן אָנגעזעענעם מאָסקווער רעזשיסער איז שנעל געוואָרן די אַלגעמיינע מיינונג אין טעאַטער און אין די קלובן.

— איך האָב גראָד געזען ווי איר האָט געקוקט און הנאה געהאַט פונעם טאַנץ — רוף איך מיך אָן צו איינעם, וואָס האָט אַמשטאַרקסטן געטאַדלט די פאַרוואַלטונג פאַר די טאַנץ־נומערן.

— איך האָב בפירוש הנאה געהאַט — ענטפערט ער מיר דערויף — נאָר מאַלע פון וואָס אַ מענטש קען האָבן הנאה! פאַראַן הנאות, וואָס קאָסטן דעם מענטשן זיין געזונט און זיין לעבן. האָט דען נישט אַ שיכור הנאה פון טרינקען? און געשלעכטלעכע פאַרדאָרבענע פילן דען נישט דעם העכסטן תענוג און מאָרפיום איז דען קיין פאַרגעניגן נישט? און רעליגיעזע מענטשן פילן זיך דען נישט גליקלעך און געטרייסט אין שויס פון גאָט און פונעם גלח, ווי אַ קינד אין שויס פון דער מוטער? און דאָך פירט מען ביי אונדז אַ קאַמף קעגן אָט די אַלע פאַרגעניגנס, ווייל זיי פאַרסמען דעם אַרבעטער, מאַכן פון אים אַ שקלאַף, אַ קינד, אַ לונאַטיקער, אַ טויגעניכטס און מיר דאַרפן האָבן געזונטע, ניכטערע אַרבעטער... איך האָב הנאה געהאַט, אָבער איך קען מיך קאָנטראָלירן. וואָס טוט מען אָבער מיט די וואָס קענען זיך נישט קאָנטראָלירן?...

ווען דער טעמע פלעגט מיר אויסקומען אָפט צו ריידן מיט חברים פון דעם „ראָזע לוקסעמבורג” קלוב, וואָס אין דער געוועזענער בראָדער שיל, ווי אין קלוב פון די דרוק־אַרבעטער.

אין דעם קלוב בין איך אויך געגאַנגען מיט אַ היימישן, מיט אַן אַלטן חבר פון בוענאָס איירעס. אַ סך פון אונדז, עלטערע קולטור־

טוער, מוזן אים געדענקען, דעם אנארכיסט סאמבורסקי, וועלכער איז ארויסגעשיקט קעווארן אלס אומגעוואונטשענער פון ארגענטינע, צוזא־מען מיט א גרופע טוער פון אנדערע פארטייען, ווי לעאן כאזאנאוויטש, זלמן סארקין, מאשעוויטש, א. א.

איך האב אים ביים באגעגענען דערמאנט אן עפיזאד, ווי אזוי ביי א פארשטעלונג אין אידישן טעאטער, ווען מען האט אויף דער בינע גע־שריגן יחי המלך, האט ער אויסגעשריגן: דאלאי סאמאדערזשאוויע.

געטראפן האב איך אים און באלד דערקענט בעת איך בין געגאנ־גען מאכן א באזוך אין דער ערשטער מלוכה־טיפאגראפיע, געוועזענע „יוזשנא־רוסקאיע אבשטשעסטווא פעטשאטנאהא דיעלא", וואו איך האב אמאל א קורץ שטיקל צייט געארבעט אלס איינבינדער. די דאזיקע טיפאגראפיע דרוקט היינט די אדעסער צייטונגען און איז אינגאנצן רעפארמירט אלס ערשטקלאסיקע דרוקעריי מיט די מאדערנסטע מא־שינען און סאמבורסקי ארבעט דארט. ער האט דורכגעמאכט אביסל גלגולים זינט מען האט אים ארויסגעשיקט פון ארגענטינע. ער איז געווען אין פאריז, אין ניו־יארק און באלד נאכן אויסברוך פון דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע געקומען קיין לענינגראד, אריינגעטראטן אין דער קאמוניסטישער פארטיי, חתונה געהאט מיט א חברטע און ארבעט איצט אין דעם „קליינבירגערלעכן און עם־הארצותדיקן" אדעס, וואס ער קען עס נישט פארטראגן.

דער קלוב פון די דרוקער געפינט זיך אויף דער גאס ראזא לוק־סעמבורג (געוועזענע פאליצייסקע) אין דער געביידע פון דעם אמאל בארימטן טראקטיר „מעדוועד" (דער בער). דער טראקטיר איז מיר איינגעקריצט אין זכרון צוליב א מעשה שהיה. מיר זיינען אמאל געזעסן עטלעכע „חברים פערעפליאטשיקעס", ווי מען פלעגט אונדז רופן, אין „מעדוועד", ווי עס לויפט אריין א צייטונגס־פארקויפער און שרייט אוים די צייטונג „רוסקאיא רעטש", וועלכע האט דאן אנגעהויבן דער־שיינען — א רעאקציאנערע און אנטיסעמיטישע צייטונג, ארויסגעגעבן פון דער אדעסער כוליגאנישער ארגאניזאציע „סאיוז פראוואוואהא פאריאדקא" (פאריין פון געזעצלעכער ארדענונג). — איך האב געקויפט א פאר צייטונגען ביים אינגל און האב זיי דעמאנסטראטיוו צעריסן. מיין גליק איז דעמאלט געווען וואס איך בין געזעסן ביים טישל נישט

איינער, מחמת פון הינטער אַ צווייטן טישל לעבן אונדז, האָט זיך אויפגעהויבן אַ כוליגאַן מיט אַ פּאָר פאַרגאָסענע בלוטיקע אויגן און האָט זיך פאַרמאָסטן צו מיר מיט אַ פויסט און גענומען שרייען: „זשידיוגאַ"! „קראַמאָלניק!" איך געדענק, אַז בעת מעשה, האָט מיר גראָד עפּעס הנאה געטון. ס'האָט מיר הנאה געטון וואָס אין אַדעם האָט געמוזט אָנהויבן דערשיינען אַזאַ צייטונג, אַ באַווייז, אַז „מיר דערגייען זיי גוט די יאָרן" און אויך דאָס, וואָס דער כוליגאַן האָט זיך גענומען זידלען אויפן קול; די באַוועגונג, הייסט עס, הויבט אָן אַרויס־קריכן אויף דער ליכטיקער שיין און מען פאַרשפּאָרט צו זען אין יעדן איינעם אַ פאַרדעכטיקן פּאַרשוין, אַ מסור.

די דרוקער האָבן געכאַפּט אַ פיל גרעסערע מציאה ווי די שוסטער. זיי האָבן דאָ אַ געוואַלטיק גרויסן הויף, וואו עס איז איינגעאָרדנט אַ פּלאַץ פאַר פאַרזאַמלונגען, קינאָ און טעאַטער, אונטערן פרייען הימל. ביי דער זייט, ווידער אַזאַ פּלאַץ מיט טישלעך, וואו מען זיצט ביי אַ פלעשל קוואַס, „סיטראָ", „נאַרזאַן" אָדער „באַרזשאָם". אין דער געביידע האָבן זיי אַ גרויסן זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען און טעאַטער, אַ זאַל פאַר ביליאַרד, פאַר שאַך־שפּיל א. א. אין אויבערשטן גאָרן האָבן זיי אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט אַ לייען־זאַל, אַן אָפּרו־זאַל מיט געבעטע פּליושענע שטולן, זיצונגס־צימערן פאַר פאַרשידענע קלוב־קאָמיטעטן.

דאָס אינטערעסאַנטסטע זיינען די צימערן פאַר קינדער, פאַר עלטערע און פאַר יונגערע, און פאַר זויג־קינדער. די קינדער־צימערן זיינען ספּעציעל דעקאָרירט מיט קינדער־צייכענונגען און באַזעצן מיט פאַרשידענע שפּילערייען, שפּילצייג, מכשירים צום צייכענען, קינדער־ליטעראַטור אאז"וו. פאַר די גאָר קליינע זיינען פאַראַן בעטעלעך אויף צו לייגן זיי שלאָפן, כדי די מאַמעס זאָלן נישט דאַרפן בלייבן אין דער היים, ווען די טאַטעס גייען אין קלוב אריין... אַזוי אַרום האָט מען דאָ געלייזט אַ זייער שאַרף פּראָבלעם, וואָס האָט שיר נישט פאַרפירט אַ מלחמה צווישן די פרויען מיט די מענער און געשטעלט די פרויען־פּראָגע־דיבאָס.

„וואָס הייסט — האָבן די פרויען געטענהט — די מענער גייען אַוועק אין קלוב און די פרויען מוזן בלייבן צוליב די קינדער אין דער

היים, פארשקלאפט! וואו איז דא די גלייכבארעכטיקונג פון די פרויען, וואס די רעוואלוציע האט געבראכט?"

זיינען טאקע די פרויען פון די אדעסער דרוקער גלייכבארעכטיקטער ווי די פרויען פון די אדעסער שיסטער און פון די אדעסער קוסטארן, למשל, וואס אויך זייער קלוב האט נישט געזארגט פאר די קינדער. מוז דעריבער אן אדעסער ווייבל פון א שוסטער אדער פון א קוסטאר, מיטנעמען אין קלוב צו א קינא אדער טעאטער דאס קליינוואַרג, וואס שטערט, לויפט איבערן זאל אדער צעוויינט זיך, פונקט ווי ביי אונדז אין ארגענטינער אידישן טעאטער, אדער זי מוז בלייבן אין דער היים און פארשעלטן איר ווייבעריש מזל.

די פרויען־פראגע אין סאוועט־רוסלאנד, ווי איר זעט, איז א פראגע נישט פון רעכטן, וואס זיי דארפן פאר זיך אויסקעמפן, נאר פון איינארדענען דאס לעבן אזוי, אז די פרוי זאל נישט זיין צוגעבונדן צום וויגל, ווי צו דער קיך.

ווען איך בין אריינגעקומען אין דרוקער־קלוב, איז דארט פארגעקומען א פארזאמלונג אין הויף אונטערן פרייען הימל. א פראדוקציעפארזאמלונג איז עס געווען. די ארבעטער פון א געוויסן טיפאגראפישן אנשטאלט, האבן אויסגעזעצט פעלערן און אנגעוויזן אופנים ווי צו פארבעסערן דעם גאנג פון דער ארבעט, אויסהערנדיק דערקלערונגען פון דעם דירעקטאר און פון די קאמיטעט־מיטגלידער. די פארזאמלונג איז איבערגעריסן געווארן פאר א רעדע וועגן דער אינדוסטריאליזאציעהלוואה, וואס איז דעמאלט געווען אין פולן ברען און אויף צו מעלדן וועגן מיינעם א רעפעראט איבער דעם איבערגאנג פון די אידן אויף ערד און די הילפסארבעט פון אויסלאנד.

בעת מעשה האב איך מיך שוין באקענט מיט א טייל מיטארבעטער פון די אדעסער צייטונגען, וואס זיינען אויך מיטגלידער פון דרוקער־קלוב. בין אינטערוויואירט געווארן, איינגעלאדן געווארן צו באזוכן די רעדאקציעס. נאר וועגן די אדעסער רעדאקציעס א באזונדער קאפיטל.

41

אין קלוב פון די קוסטאַרן (באַלמעלאָכעס) אויף דער פּושקין גאַס גייט אַ „רייניקונג". מען רייניקט די פּאַרטיי־מיטגלידער, וואָס זיינען אָנגעשטעלט אַלס קאָנטראָל און אַלס אָנפירער פון די אַרטעלן און פון די באַלמעלאָכישע ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס.

דער לאָקאַל, וואו די רייניקונג קומט פאָר, וואָס נעמט אריין אַ טויזנט מענטשן, איז פול. דער עולם, קוסטאַרן און זייערע פרויען, ווי אויך אַרבעטער און פּאַרטיי־מיטגלידער, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אינעם אַקט, זיינען אויסגעזעצט אויף לאַנגע ווייסע בענק.

פאָרזיצער פונעם רייניקונגס קאָמיטעט, איז חבר גערעסימאָוו, סעקרעטאַר איז אַ אידישער אַרבעטער, וואָס זיין פאַמיליע־נאָמען איז מיר אַרויס פון זכרון, אַ פעסטגעבויטער אַרבעטער, זעט אויס, לויטן גאַנג, אַ סטאָליער אָדער אַ בעקער. צווישן די בייזיצער איינע אַ פרוי, אַן אוקראַאינישע, וואָס איז זייער אַקטיוו ביים שטעלן פראַגן די גערייניקטע.

די פּראָצעדורע פון דער רייניקונג, איז דאָ אַביסל אַן אַנדערע, ווי די וואָס איך האָב געזען אין מעליטאָפּאָל. דער אַרויסגערופענער דערציילט נישט זיין ביאָגראַפיע, נאָר דער סעקרעטאַר גיט איבער זיינע אַ כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם מיטגליד, ווי לאַנג ער איז אין דער פּאַרטיי, וואָס פאַר אַן אַמטן ער האָט און וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכע פונקציעס ער פילט אויס. די מיטגלידער פונעם רייניקונגס־קאָמיטעט שטעלן אים פראַגן אין שייכות מיט זיינע אַמטן און מיט זיין טעטיקייט, ווי אויך מכוח זיין טעאָרעטישן באַגאַזש. דערנאָך קומען די אָנפראַגן און אָנקלאַגן מצד דעם עולם. דער אַקט ווערט געפירט אויף רוסיש, נאָר אַז מען דערמאָנט זיך וועגן אוקראַאיניזאַציע, נעמט מען ריידן אוקראַאיניש. אָבער באַלד גייט מען ווידער איבער אויף רוסיש, אויף אָדעסער אידיש אָדער גאָר אויף מינסקער אָדער באַרדיטשעווער רוסיש. אויף אידיש רעדט מען נאָך וויניקער און דערמאָלט ווערט דאָס פאַרן עולם איבערגעזעצט, כאָטש ס'איז גאָרנישט נויטיק, מחמת די עלטערע ניט־אידן, וואָס געפינען זיך דאָ, צוזאַמען מיטן פאָרזיצער דעם רוס און מיט דער בייזיצערן די אוקראַאינקע, פאַר־

שטייען אידיש און בפרט אדעסער אידיש, וואָס במעט בלויז די פאַר־בונדונגס־ווערטער אין דעם לשון זיינען אידישע.

בעת איך בין אָנגעקומען האָט מען געהאלטן אינמיטן רייניקן אַן אויפזעער פון אַן ארטעל. אַ בלאָנדער יונגערמאַן, וואָס זעט אויס ווי אַ „באַקאַליינע פריקאַזטשיק". באַשולדיקונגען האָבן זיך געשאָטן אויף אים פון אַלע זייטן, נייע און אַלטע חטאים, פון זיין איצטיקן אמט און פון פריערדיקע, מיסברויכן, אויף וועלכע דער פּאָרזיצער אָדער דער סעקרעטאַר ענטפערט, אַז דער קאָמיסיע איז וועגן דעם באַ־קאַנט אָדער אַז דאָס געפינט זיך אויף אַ ספּעציעלער געריכטלעכער אויספאָרשונג. דאָס כאַראַקטעריסטישע ביי דעם דאָזיקן אַרטעל־אויפ־זעער איז זיין מיסברויכן מיט „קאָמאַנדיראָווקעס". צו אָפט פאָרט ער צוליב געשעפט קיין מאָסקווע, קיין קיעוו און פאַרברייינגט דאָרט צו לאַנג. זאָגט דעריבער איינער פון דעם עולם, אַז ער איז זיכער און האָט פאַקטן, וואָס באַשטעטיקן דאָס, אַז די „קאָמאַנדיראָווקעס" נעמט ער זיך, כדי נישט צו זיין דערביי, ווי עס ווערן אָפּגעטון אין אַרטעל אומ־געזעצלעכע מעשים, פעלשונגען א. א. וו. פון וועלכע ער נעמט חלק. ער פאַרענטפערט זיך, ווייזט אָן אויף דעם כאַראַקטער פון די פּראָדוק־טן, וואָס דער אַרטעל אַרבעט אויס, וועלכע נויטיקן זיך אין אָפּזאַץ אין פאַרשידענע ערטער און אויף די פאַרשלעפּענישן אין די צענטערן מיט וועלכע עס קומט אויס צו האַנדלען. ער פאָדערט ביים אָנקלאָגער די פאַקטן, אָבער דער אָנקלאָגער וויל זיי נישט אָנגעבן, ער וועט זיי צושטעלן, זאָגט ער, דער קאָמיסיע. און ביים עולם בלייבט דער איינ־דרוק, אַז דער קאָמוניסט איז אַ דורכגעטריבענער בחור.

דער צווייטער נאָך אים גייט אַן אוקראַינער. ער איז אַ פורמאַן, און איז געשטעלט געוואָרן אויף אַן אַמט צווישן דעם אַרטעל פון די פורלייט. דער סעקרעטאַר לייענט זיין כאַראַקטעריסטיק. ער איז גע־ווען אַ רויטאַרמייער, אָנגענומען געוואָרן אין דער פּאַרטיי אין 1923, לויט די ידיעות וועגן אים, טרינקט ער, שלאָגט דאָס ווייב, קומט נישט אויף די פאַרזאַמלונגען, שוין אַ יאָר צייט ווי ער צאָלט נישט דעם מיטגלידס אָפּצאָל אין זיין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. אַ צווייטער מיט־גליד פון דער פּאַרטיי, אַ איד, וואָס איז אָנגעשטעלט אויף אידישער אַרבעט, צווישן די פורלייט, האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיין

נישט פונקטלעכקייט און אים חבריש געבעטן ער זאָל זיך פאַריכטן, האָט ער אים פאַרלייגט תירוצים...

דער באַשולדיקטער נעמט עפּעס זאָגן, אָבער אַזוי שטיל, אַז מען הערט אים קוים. דער עולם פאָדערט אים אויף ער זאָל ריידן העכער, ער זאָל ריידן אין מעגאַפאָן. דער פאָרזיצער קוקט אויף אים מיט באַדויערונג, ווי ער וואָלט געזאָגט: ווער ס'איז דאָס אַ פּאַרטיי־מיטגליד! דער באַשולדיקטער באַקומט באַלד לשון, ער נעמט אָפּוועגדן די דערקלערונגען פון זיין אידישן חבר, אַז... ער האָט אים קיינמאָל גאַרנישט געזאָגט, אַז נאָר ער רעדט מיט די אידישע חברים אויף אידיש און...

— ...די ניט-אידישע חברים טרינקען מיט דיר צוזאַמען!... — רייסט זיך אַריין אַ באַמערקונג פון צווישן עולם.

דאָ נעמט שוין דער באַשולדיקטער גאָר אַ הויכן טאָן, אַז מע טראַכט אויף אים אוים ליגנס.

— אָהאָ! ווי דו קענסט שרייען, חבר, און איך האָב געמיינט דו קענסט דעם מויל נישט עפענען! — באַמערקט אים דערויף דער פאָרזיצער.

פון צווישן עולם געפינט זיך אַ פאַרטיידיקער:

— דער חבר איז אַ פּשוטער אַרבעטער, ער האָט אָרנטלעך פאַרטיידיקט די זאַך פון די אַרבעטער און פּויערים אַלס רויטער אַרמייער, ער האָט שטענדיק געקעמפט קעגן אומגערעכטיקייט, פאַר דער רעוואָלוציע, אָנטייל גענומען אין די שטרייקן פון זיין פאַך, וואָס קען מען פון אים פאָדערן?...

דער פאָרזיצער זיצט ווי אויף קוילן בעת דער פאַרטיידיקער רעדט און אַז יענער ענדיקט, הויבט ער זיך אויף:

— קיינער, חברים, פאָדערט נישט פון אַ פּשוטן אַרבעטער ער זאָל זיין אַ טעאָרעטיקער, נאָר אויב ער איז אַ פּאַרטיי־מיטגליד און ער פילט אוים אַ פונקציע, דאַרף ער פילן אויף זיך פאַראַנטוואָרטלעכקייט. וואָס פאַר אַ ביישפּיל איז פאַר די אַרבעטער אַ קאָמוניסט, וואָס האָט נישט איינגעצאָלט אַ יאָר צייט דעם חודשלעכן מיטגליד־אָפּצאָל אין זיין פראָפעסיאָנאַלן פאַריין, ווי דאָס באַווייזט זיין מיטגלידס־ביכל — דונערט איבערן גרויסן לאָקאַל די שטימע פונעם פאָרזיצער און ער שטרעקט דאָס ביכל צום עולם. — וואָס פאַר אַ ביישפּיל פאַר

די אַרבעטער איז אַ קאָמוניסט, וואָס קומט נישט צו די פאַרזאַמלונגען פון זײַן פאַך און רופט נישט קײן פאַרזאַמלונגען פון די, איבער וועלכע ער איז געשטעלט אַלס פירער און וואָס פאַר אַ בײַשפּיל איז אַ קאָמוניסט, וואָס טרינקט בראָנפן און שלאָגט דאָס ווײַב!

ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דעם גערײַניקטן איבער זײַנע ברילן מיט אַ בליק פון באַדויערן און פאָרוואורף און אים געהייסן אַראָפּגײן.

— פּיפּטער! — רופט זיך אָן אַ איד אַ קוסטאַר, וואָס איז געזעסן הינטער מיר.

אין דער ריי קומט אַ דיקלעכער איד, אַ טונקעלער, מיט קוים באַזילבערטע שוואַרצע האָר. פון די אַלטע קאַמאַשנמאַכער איז ער. אַ געוועזענער בונדאָוועץ. ער איז נאָך נישט קײן מיטגליד אין דער פּאַרטײ, נאָר אַ קאַנדידאַט, נאָך פון יאָר 1926 ער האָט אָבער אויף זיך פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטײ־אַרבעט, ער איז דער פירער פון דער קוסטאַרן־אָרגאַניזאַציע.

נאָכדעם ווי דער סעקרעטאַר לייענט פאָר זײַן כאַראַקטעריסטיק, זײַן טעטיקייטס סטאַזש, נעמען זיך שיטן באַשולדיקונגען און פראַגן. ער ווערט באַשולדיקט אין צופיל ליבעראַליטעט צו די קוסטאַרן, אין דער אָרגאַניזאַציע געפינען זיך באַלעבאַטים, וואָס האָבן צו אַכט אַרבעטער און זײ געניסן פון די פּריווילעגיעס, וואָס נאָר קוסטאַרן „אָדינאָטשיקעס” (אַזעלכע וואָס אַרבעטן אַלײן, אָן אַרבעטער) און די וואָס אַרבעטן מיט נישט מער ווי צווײ לערנאינגלעך, קענען פון זײ געניסן; אײנער אַ קוסטאַר באַשולדיקט אים, פאַרקערט, אַז ער פאַרטײדיקט נישט גענוג די יורידישע סכסוכים וואָס די קוסטאַרן האָבן מיט די דירה-באַלעבאַטים. די פראַגן, וואָס ווערן אים געשטעלט, באַציִען זיך צו זײַן פריערדיקער פּאַרטײ־אָנגעהעריקייט. ווען איז ער אַרויס פון „בונד”?, וואָס פאַר אַ פּאָזיציע האָט דער „בונד” פאַרנומען בנוגע דער ראַטנמאַכט אין די לעצטע יאָרן, ווען ער האָט נאָך אַקטואירט אין דער דאָזיקער פּאַרטײ? פאַרוואָס האָט ער אַזוי שפּעט, ערשט אין 1926, אָנגעגעבן אַ בקשה אויפגענומען צו ווערן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ? וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ שליחות אין וועלכער ער איז געפאָרן אין 1918 קײן ליטע און פאַרוואָס האָט ער

זיך אָפּגעזאָגט פון אַ שליחות פון זײַן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין אין 1923? וואָס פאַר אַ פּאָזיציע פאַרנעמט דער „בונד" איצט בנוגע דער ראַטנמאַכט? וואָס פאַר אַ חלוק איז פון דער בונדישער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם ביז דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק? וואָס איז זײַן מיינונג בנוגע דעם טראָצקיזם? צווישן די אַלע פראַגן, האָט זיך אויך אַרײַנגעריסן איינע אַ פּריוואַטע, מכוח אַ פרוי, וואָס ער האָט געהאַט מיט איר אינטימע באַציאונגען א. א. וו.

צוערשט האָט דער גערייניקטער אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונגען מכוח די רײַכע קוסטאַרן, וואָס געפינען זיך אין דער אָרגאַניזאַציע. אמת, זיי זײַנען געווען, אָבער דאָס איז געווען פון אָנהויב, ווען די באַציאונג צו די קוסטאַרן איז בכלל נישט געווען קיין אויסגעקריסטאַליזירטע און ביי אים האָט זיך געשאַפן אַ באַגריף, אַז ס'איז אינעם אינטערעס פון דער ראַטנמאַכט צו האָבן אויף איר זייט די סימפּאַטיע פון אַלע קוסטאַרן, איינגעשלאָסן אויך די רײַכע. בנוגע די יורידישע סכסוכים — זאָגט ער — איז פאַראַן אַ יורידישע קאָמיסיע ביי דער אָרגאַניזאַציע. בנוגע דער באַשולדיקונג וועגן דער פרוי, בעט ער די קאָמיסיע זי זאָל אים אויסהערן פּריוואַט און נישט אין דער עפנטלעכקייט. דער טעאָרעטישער טייל פון זײַן ענטפער איז געווען אַ גאַנץ מאָגערער, אַ בונדישער, ווי עס האָט אים כאַראַקטעריזירט דער חבר ליקוואָרניק, אַן עסטרייכישער געוועזענער פּועלי ציוניסט און איצטיקער מיטגליד פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מיט וועלכן איך האָב מיך דאָרטן טאַקע באַקאַנט, זיצנדיק מיט אים אין שכנות אויף דער באַנק. דערפאַר איז אינטערעסאַנט געווען דאָס געשיכטלעכע אין זײַן ענטפערן. אין 1918 איז ער פאַרוואָרפן געווען אין ווילנע, וואו עס האָט זיך געגרינדעט אַ בונדישער הילפס־קאָמיטעט, פון וועלכן ער איז געווען אַ מיטגליד. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט אַרויסגעוויזן זײַן סימפּאַטיע צו דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. שפּעטער, ווען דער „בונד" האָט זיך געשפּאָלטן און עס איז אַנטשטאַנען דער „קאָמבונד", איז דער קאָמיטעט אַריבער קיין קאָוונע און ווען דער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן אַרויסווײַזן אַנטיסאָוועטישע נייגונגען, איז ער פון אים אַרויסגעטראָטן און האָט זיך דורך פאַרשידענע וועגן דערשלאָגן צוריק קיין אדעס. פון דעמאָלט אָן, האָט ער איבערהויפּט קיין

שום געזעלשאפטלעכע ארבעט נישט געטון, מחמת ער איז געווען קראנק און דעזאָריענטירט.

אן אוקראאינער מיט א לאפעטע־באָרד און אן אויסגעגייט העמדל, שטעלט זיך אויף און פרעגט:

— נו, און ווי איז ביי אייך מכוח אוקראאיניזאציע?

— ביי אונדז — ענטפערט דער רעדנער — איז נישטאָ קיין אוקראיניזאציע, ביי אונדז איז פאַראַן יעווריזאציע. מיין אינסטיטוציע איז א אידישע. אויף אונדזערע פארזאמלונגען ריידן מיר אידיש און אונדזער קולטור־ארבעט איז דורכוים א אידישע.

דער חבר ליקוואָרניק איז א שטיק קוועקזילבער. איר האָט באַדאַרפט הערן, זאָגט ער צו מיר, וואָס פאַר א פראַגע מע האָט מ י ר געשטעלט בעת דער „טשיסטקע"... א געוועזענעם פועלי ציוניסט, אז מען פאַקט, דערגייט מען אים די יאָר, טעאָריע גיב זיי... און ווער, מיינט איר, פרעגט? — געוועזענע פועלי ציוניסטן...

אז די פרעגער זיינען געוועזענע פועלי ציוניסטן, האָב איך מיך באלד איבערציינגט.

מען האָט אויסגערופן איינעם א יאַט, וואָס איז צוריק מיט עטלעכע יאָר געקומען פון פאַלעסטינע, איינער פון די אזוי גערופענע „מפסן", א יאַט מיט א זייער שטורמישער פאליטישער פארגאנגענהייט. פון פאלעסטינע האָט מען אים ארויסגעשיקט אדמיניסטראטיוו, האָט ער געארבעט א שטיקל צייט אין דער באוועגונג אין דייטשלאנד, פון דאָרט איז ער אריבערגעקומען קיין רוסלאנד, האָט געארבעט אין דניעפּראָפּעטראָווסק, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט אוקראאיניש און איז געוואָרן א פליסיקער אוקראאינישער אָראַמאָר, געקומען קיין אדעס, איבערגעפירט געוואָרן קיין כערסאָן, דאָרט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון דער טראָצקיסטישער באוועגונג, באצייטנס זיך צוריקגעצויגן און איצט איז ער ווידער אין אדעס. ער איז אן אינסטרוקטאָר פון דער קולטור־ארבעט אין די קוסטארנע ארטעלן.

צוערשט גייען באשולדיקונגען. איינער א בחור באשולדיקט אים, אז ער סאבאטירט אין זיין ארטעל די וואנט־צייטונג, ער לאָזט נישט קומען צום וואָרט די וואָס האָבן עפּעס צו זאָגן. א צווייטער באשול־

דיקט אים, אַז ער האָט געשטערט דער גרינדונג פון אַ ביבליאָטעק ביי זיי אין אָרטעל, מען האָט בכלל וויניק קולטור־אַרבעט געטון.

די טעאָרעטישע פראַגן הויבט גראָד אָן נישט קיין געוועזענער פּועלי ציוניסט, וואָרום אַזעלכער וואָלט אַ „מאָפּס" נישט געשטעלט, למשל, אַזאַ פראַגע: „פאַרוואָס האָט איר זיך אַנטווישט אין פּאַלעסטינע?" נאָר דאָס טאַקע הויבט נאָך מער פונעם אָרט דעם חבר ליקוואָרניק און אַ צווייטן, וואָס זיצט לעבן מיר, דעם חבר בלום, אויך אַ געוועזענער פּועלי ציוניסט, מיט וועלכן איך בין געקומען אין קלוב אַריין. עס הייבט זיי, ווי אַלטע מלחמה־פערד, בעת זיי דערשמעקן פּולווער. זיי פאַרוואַרפן דעם יאַט מיט פראַגן וועגן לענינס באַציאונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועגן דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם, וועגן דער ראָל פונעם ציוניזם אין דער פּאָליטיק פונעם נאָענטן מזרח, די אינדוסטריאַליזאַציע לויט טראָצקין. טראָצקיס פּערמאַנענטע רעוואָלוציע און מענשעוויזם. דער עקזאַמענירטער האָט אויך מיט אַ באַזונדער חשק פאַרצייכנט די פראַגן, ווי איינער וואָס איז אין זיין עלעמענט.

נישט אַנגענעם איז אים געוואָרן אויפן קרייז־פאַרהער וועגן זיין טראָצקיזם, וואו די ראָל פון פראַגער האָבן שוין גענומען אויף זיך מיט־גלידער פון דער רייניקונגס־קאָמיסיע און באַזונדערס די פרוי, וואָס איז געזעסן אין פּרעזידיום. לויט פאַרשידענע עדות און לויט איינעם, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער פאַרזאַמלונג, האָט די כערסאָנער טראָצקיסטישע גרופּע געגרייט געווער צו אַן אויפשטאַנד און מען האָט נישט געהערט, אַז ער, דער אָנפירער פון דער גרופּע, זאָל וועגן דעם געווען מעלדן, בעת ער האָט זיך צוריקגעצויגן פונעם טראָצקיזם...

דער עולם ווערט אַנגעצויגן, נאָר דער עקזאַמענירטער שמייכלט. ער פאַרצייכנט עס ביי זיך אויפן פּאַפּיר.

אַז ער באַקומט דאָס וואָרט צו ענטפערן אויף די באַשולדיקונגען און אויף די פראַגן, ווערט שטיל, ווי מען וואָלט דעם אָטעם איינגעהאַלטן. ס'איז אַ יאַט מיט אַ פּיסק, אַז ער רעדט, שיטן זיך אים פּערל פונעם מויל. ער ענטפערט על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. אַזוי זאָגט ער טאַקע, כאָטש ער זאָגט דאָס אין רוסיש און ער באַהערשט פון אַנהויב אָן דעם עולם מיט דעם אידישן חן פון זיין רוסישער רעדע, וועלכע ער פאַרענדיקט אין אוקראַיניש.

ער נעמט צוערשט אויפקלערן וואס אזעלכעס הייסט א וואנט־צייטונג. דאס איז א צייטונג, זאגט ער, וואו די ארבעטער פון דער אונטערנעמונג זאגן ארויס זייער מיינונג וועגן אלץ, וואס האט א שייכות מיט דער ארבעט אויף דער אונטערנעמונג, מיט די באדערפעגישן פון די ארבעטער, מיט זייערע אויפפירונגען און פאראנטווארטלעכקייטן. אבער אז איינעם פארגלוסט זיך שרייבן אן ארטיקל וועגן דעם רוסיש-כינעזישן קאנפליקט, איז אויף דער וואנט־צייטונג פאר אים קיין פלאץ נישט. און דער חבר, זאגט ער, האט גראד געוואלט אויף דער וואנט־צייטונג ארויסווייזן זיינע זשורנאליסטישע פעאיקייטן און הויך־דיפלאמאטישע קענטענישן.

דער געטראפענער פראטעסטירט, נאר דער עולם איז שוין דעם רעדנערס און אפלאדירט.

וועגן דער קולטור־ארבעט איז ער נאך שניידיקער.

„פאראן צוליב דער קולטור־ארבעט אין די ארטעלן א קולטור־קאמיסיע און די קולטור-קאמיסיע — דאס בין איך. איך האב געפאדערט מען זאל מיר צוגעבן נאך חברים, נאר די חברים זיינען אלע פארנומען ביי אנדערע געזעלשאפטלעכע ארבעטן, נייטיקערע, אפנים. די קוסטארן אונדזערע זיינען קולטור־דורשטיק, גאנץ פארשטענדלעך, מיט קיין געזעלשאפטלעכער ארבעט, מיט געזעלשאפטלעכער קולטור, זיינען זיי נישט באשעפטיקט, דארפן זיי האבן ביכער-קולטור, ווילן זיי ביבליאטעקן. פאראן גענוג ביבליאטעקן אין אדעס. אלס קולטור־ארבעט פארשטיי איך געזעלשאפטלעכע אויפקלערונג, אז דער קוסטאר זאל פארשטיין וואס ארום אים טוט זיך, און איך — די קולטור־קאמיסיע — קען איינער אליין גאר ווייניק אויפטון. איך האב שוין וועגן דעם גערעדט אין מיינע באריכטן".

ער גייט איבער צו דער טעארעטישער טייל, פאקט ווידער ארייַן דעם עולם מיט א געלונגענעם אויסדרוק וועגן פאלעסטינע און ציט אים מיט זיך פון איין ענטפער צום צווייטן.

מיינע שכנים, די געוועזענע פועלי ציון, קנייטשן מיטן מויל, ס'איז אזוי ווי ער זאגט און נישט אזוי, אבער שיין! ער קען — נאר ווי קומט דאס צו די פראגן, וואס מען האט מיר געשטעלט! —

קומט ווידער אַרויף אויפן זעלבן דער חבר ליקוואַרניק. דער חבר בלום שרעקט זיך אַביסל פאַר דער טשיסטקע. אַ סטאַזש האָט ער אַ גוטן. געווען אַלע זיינע יאָרן אַן אַרבעטער, אַ מאַלער. דערנאָך אַ לערער. דאָס איז שוין נישט אַזוי פויגלדיק, מען פאָדערט שוין ביי אַזעלכן גרעסערע טעאָרעטישע קענטענישן. איצט איז ער אַן אָנגעשטעלטער אין דער קוסטאַרישער קרעדיט־אינסט־טוציע און לערנט אין „אינאָ„. דאָס איז שוין גאָר אַן אומגליק ביי אַ „טשיסטקע”. אַ סטודענט טרייבערט מען ביזן סוף, בפרט נאָך אַ געוועזענעם פועלי ציוניסט. „ביזט געווען אַ באָרוכאָוועץ — זאָגט מען אים — אַ מאַרקסיסט פון אַ הויכער פּראָבע, באַווייז־זשע וואָס דו קענסט!”

דער עולם סיסקעט צו אונדזער זייט, דער פאָרזיצער וואַרפט צו אונדז אַ בייזן בליק, פאַרוואָס מיר שטערן. דער רעדנער איז אַריין אין סאַמע אינטערעסאַנטסטן, אין דער טראָצקי־אַפּערע.

ער דערציילט, אַז ער האָט זיך געכאַפּט באַצייטנס. ער איז געווען באַווירקט פון טראָצקיס טעאָרעטישע הנחות צוליב זיין ראַדיקאַלן צוגאַנג צו די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער רוסישער ווירטשאַפט און צוליב זיין קוק אויף דער וועלט־פּאָליטיק. און דעמאָלט האָט זיך די פּאַרטיי אין דער אמתן צופיל סומך געווען אויף דער אייראָפּעאישער סטאַביליזאַציע און דערפון געצויגן שלוסן פאַר דער אויסערלעכער און אינערלעכער פּאָליטיק פונעם ראַטנפאַרבאַנד. באַלד אָבער נאָכן 15־טן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, אויף וועלכער עס איז אויפן שאַרפסטן אופן באַקעמפט געוואָרן דער בוכאַרינישער טאָלק וועגן אָרגאַניזירטן וועלט-קאַפּיטאַליזם און די שלוסן וואָס ער האָט געצויגן דערפון פאַר הנחות דער אַנטוויקלונג פון פּריוואַטן רייכטום, האָב איך איבערגעריסן מיט דעם טראָצקיזם. וועגן דעם ווייטערדיקן וועג פון דער גרופּע איז מיר אומבאַקאַנט, נאָר — שמייכלט ער — וועגן דעם עדות פון כבֿער־סאָן, איז מיר שוין גראָד גוט באַקאַנט. איך וועל אייך דערציילן — זאָגט ער — ווער ער איז און איר וועט שוין אַליין זאָגן, אויב מען קען זיך אויף אים שטיצן.

פונעם עולם הויבט זיך אויף אַ הויכער אוקראַינער, כאָטש דער רעדנער האָט זיין נאָמען נישט אָנגערופן און ווענדעט זיך צו אים.

— זאָג, זאָג ווער בין איך!

— אויב דער פרעזידיום וועט מיר דערלויבן, וועל איך דערציילן.

אָבער דער פרעזידיום האָט נישט דערלויבט, ווייל עס איז שוין געווען זייער שפעט און האָט אויך קיין חשק נישט געהאַט צו פאַרווילן אַן עולם מיט נייע סענסאַציעס.

אין הויף איז געזעסן אַמכאַ מיט ווייב און קינדער און געטרונקען טיי, געשפּילט אין דאָמינאָ און אין טיש־קריקעט, אָדער ווי מען רופט עס, ווייל איך האָב ביז איצט דאָס מין שפּיל מיט אַ באַלעם אויף אַ טיש נישט געזען און האָב נישט געפרעגט ווי זי רופט זיך אין אידיש אָדער אין רוסיש. פאַר דער טיר צום אריינגאַנג אין אַ גרויסן זאַל אויף טרעפּ אַרויפצוגיין, האָט אַ שטייענדיקער פּלאַקאַט אַנאָנסירט אויף אַ נאָענטן טאָג דאָס קינאָ־בילד „מאָטעלע" און אַ קאָנצערט פון אידישע פאָלקס־לידער.

ווייבער פון קוסטאַרן זיינען געשטאַנען אין אַ רעדל און אָפּגע־רעדט זיך ווען זיי זאָלן זיך צוזאַמענקומען. זיי האָבן אַ פרויען־אָפּטיי־לונג אין קלוב.

אַט די ווייבער וואָלטן אַן אַנדערש מאָל אין אַדעם אויך געווען געזעלשאַפטלעך, זיי וואָלטן אַרומגעגאַנגען מיט אַ פּאַטשיילע מאַכן אַ נדבה פאַר אַן אָרימער פאַמיליע. היינט איז דאָ ווער סע זאָל זאָרגן פאַר די אָרימע פאַמיליעס, דער „סאָבעז", און די ווייבער גיבן אַוועק זייער געזעלשאַפטלעכע נטיה אויף געזעלשאַפטלעכע און אויף קולטור־רעלע נוצן.

און פאַרברייינגען אַן אָוונט ביי אַן עקזאַמען פון פּאָליטישער אויס־געהאַלטנקייט און געזעלשאַפטלעכער אָרנטלעכקייט, ווי דאָס איז די „רייניקונג", איז דען נישט געזעלשאַפטלעך און קולטורעל?

42

מיין פּאַספּאָרט אויף צייטווייליקן וואוינרעכט אינעם ראַטנפאַר־באַנד, האָט זיך געענדיקט און איך האַלט נאָך גאָר פון אָנהויב, איך האָב נאָך נישט געזען די אידישע קולטור־אַרבעט, שולן, ביבליאָטעקן, טעאַטער, דאָס אידישע געריכט, דעם מענדעלע מוזיי...

מיט אַט דער טענה בין איך געקומען צום חבר ראַביטשעוו, פאַר־זיצער פונעם נאַצמין, און אים געבעטן אַן עצה און אַ טובה.

די עצה זיינע איז געווען איך זאָל מיך ווענדן אין „אַדמינאַט־דיעל" (אדמיניסטראַטיווער אָפּטייל), דער צווייג פון דער שטאָטישער פּאָליציי, וואָס האָט צו טון מיט דעם רעגיסטער פון די איינוואוינער, מיט דעם פּאַספּאָרט־וועזן, און זאָל בעטן אַ פּראָלאָנגאַציע פון מיין וואוינרעכט, איך זאָל אין מיין בקשה אָנגעבן וויכטיקע מאָטיוון און ער, פון זיין זייט, וועט די מאָטיוון באַשטעטיקן מיט אַ צושריפט. דאָס איז די עצה און אויך די טובה, וואָס ער קען מיר טון. אגב, איז זייער גוט, וואָס איך האָב מיך באַזאָרגט מיט אַ באַשטעטיקונג פונעם „געזערד" אין מאָסקווע, אַז איך בין אַ דעלעגאַט, באַגלייט מיט אַ בקשה מען זאָל מיר פאַרלייכטערן מיין אַרבעט. די באַשטעטיקונג זאָל איך אויך צולייגן צו דער בקשה.

די בקשה ווערט טאַקע באַלד אָנגעשריבן פונעם חבר סעקרעטאַר, אַ בחור פון אַ כערסאָנער קאָלאָניע, און דערוויילַ באַקען איך מיך מיט דער גאַנצער ביוראָ.

די וועגט זיינען באַהאַנגען מיט תקנות און מיט כללים פון דאָר־פישן שטייער, מיט רייסטערס פון אידישע שולן און אידישע געריכטן, וועגן די אַרויספאָר סעסיעס פונעם אידישן געריכט, מיט רייסטערס פון די אידישע קאָלאָניעס אין דעם ראַיאָן, באַצייכנט מיט פאַרשי־דענע סימנים, וואָס באַווייזן וועלכע אנשטאַלטן זיי פאַרמאָגן ווירט־שאַפטלעכע און קולטורעלע, און ווי אַזוי זיי ווערן באַדינט.

די באַזוכער זיינען: קאָלאָניסטן, לערער, אַגראָנאָמען, אַרבקאָרן און דאָרפקאָרן (אַרבעטער קאָרעספּאָנדענטן און דאָרף קאָרעספּאָנדענטן), חברים פון אַנדערע נאַצמינען, דעם דייטשן, דעם בולגאַרישן, וואָס קומען זיך באַראַטן אָדער טיילן זיך מיט דערפאַרונגען און אָט איז אויך דער חבר ריכטער פונעם אידישן געריכט.

מיר באַקענען זיך.

— אויב איר ווילט בייזיין אַ זיצונג פון אידישן געריכט — זאָגט ער מיר — קומט מאָרגן, דינסטיק פון צען אינדערפרי, אַז ניט וועט איר דאַרפן וואַרטן ערשט ביז פרייטיק נאָכמיטיק. צוויי מאָל אין וואָך האָבן מיר אידישע געריכט־זיצונגען. גראָד דאַרף מאָרגן פאַר־

קומען א זייער אינטערעסאנטער משפט, ווענן א שווינדל אין א קאָאָ־פעראטיווע.

דערווייל האָט דער חבר סעקרעטאַר פארענדיקט אָנשרייבן די בקשה צום „אדמינאַסטריעל" ווענן פראָלאָנגירן מיין וואווינרעכט. מיין מאָטיוו איז, פארשטייט זיך, געווען, אז איך האב נאָך מיין טיסיע נישט פארענדיקט. איך האָב דאָס אונטערגעשריבן און חבר ראביטשעוו האָט נאָך באַזונדער צוגעשריבן, אז ער באַשטעטיקט און דערמיט בין איך אַוועק צום פּאַרזיצער פון „אדמינאַסטריעל" איבער אויסלענדישע ענינים, דעם חבר כאַבלאָוו.

די דאָזיקע אָפּטיילונג געפינט זיך אויף דער גאַס פון דער רויטער ארמיי (פּרעאָבראַזשענסקע) ביים עק פון ראָזע לוקסעמבורג (פּאָליציייסקע, אין זעלבן הויז, וואו עס איז אמאָל געווען דער באַרימטער בולוואַרנע פּאָליציי צירקל, „בולוואַרנע אוטשאַסטאָק".

— צו וועמען, בירגער? — פרעגט מיך אַ מיליציאָנער, וואָס זיין נאָז און זיין בראָדערישער רייש האָבן גאַנץ ווייניק שייכות מיט דעם אמאָליקן גאָראָדאָוואָי פון די „פּאָליצייסקע אוטשאַסטקעס".

— צום חבר כאָבלאָוו.

— איר וועט דאַרפן צוואַרטן. ער איז ערשט אַוועק. גייט אַרויף און פרעגט אויף נומער 19.

דאָס וואַרטן דאָ איז גאָרנישט אַזוי אומאינטערעסאַנט.

איך זעץ מיך אַוועק אויף אַ באַנק.

— בירגער, איך בין די ערשטע — זאָגט מיר אַ פרוי, וואָס זיצט אויף דער זעלבער באַנק.

איך קוק זי אָן. מיר איז גאָר אַרויס פון קאָפּ די מעשה „אָטשערעד". אַז איך דערמאָן מיך, זעץ איך מיך איבער אויף דעם צווייטן עק. איר, אפנים, טוט שוין באַנג: אַן אויסלענדער, אַזאַ געלעגנהייט צו ריידן ווענן אויסלאַנד און זי איז דאָך אויך געקומען אהער ווענן אויסלאַנד... זי איז מקריב איר „אָטשערעד" און זעצט זיך אַוועק נעבן מיר, אַזוי אַז זי איז שוין די לעצטע.

— זאָגט, איך בעט אייך, איר זענט פון אַמעריקע? — הויבט זי אָן ריידן צו מיר אויף רוסיש.

— ניין, איך בין פון ארגענטינע, — ענטפער איך איר אויף אידיש, דערהערנדיק ווי דאָס רוסישע לשון קומט אָפּ ביי איר אינעם מויל פון אַ פוילישער אידישקע.

— אָ, זי זיינד אַאוס אַרגענטיניען? — רעדט זי שוין צו מיר אויף דייטש. — אַרזשאַנטען — גיט זי צו אויף פראַנצויזיש און זי דערציילט מיר האַלב אויף דייטש, וואָס איז מער אידיש און האַלב אויף פראַנצויזיש, אויף וועלכן איך בין קיין גרויסער מבין נישט, אַז איר מאַן איז אַ צייכנער, אַ מאַלער, און זי האָט געענדיקט אויף צייך־טעכניקערן אין פּאַריז. צי פאַרדינט מען גוט אין אַרגענטינע — פרעגט זי — און ווי טייער איז ביי אונדז קליידונג און וואוינונג.

איך ענטפער איר און קוק אויף דער קיך־אָפּשטאַמונג, וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויפן פּנים פון דער דאָזיקער צאָן־טעכניקערן, וואָס קען נעבעך קיין אידיש נישט און באַדויער זי:

— ס׳איז דאָך פּשוט נישט שיין — זאָג איך איר — היינטיקע צייטן, ווען אידיש איז געוואָרן אַן אָפיציעלע שפּראַך, נישט צו קענען קיין אידיש, בעת מען וואוינט צווישן אידן.

זי נעמט זיך שווערן פאַר מיר, אַז זי קען קיין אידיש נישט און איך בין חושד דאָס דאָזיקע אידישע קיך־מיידל, אַז גראָד דאָס, וואָס אַדעם ווערט אַזוי „פּראָסט", בעת זי האָט זיך שוין אַרויפגעאַרבעט אויף דער שטופע פון „נישט קענען קיין אידיש", טרייבט זי פון אַדעם.

אַרום אונדז שאַפט זיך אַ רעדל. מען רעדט פון דער שווערקייט צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד.

איינער, אַן עלטערער איד, האָט שוין אַ פּאָר מאָל רענאָווירט די אַרויסרוף־פּאַפּירן פון זיין זון. פריער האָט מען אים נישט געלאָזט, מחמת ער איז שולדיק געוועזן שטייערן, דערנאָך גלאַט אָן אַ שום סיבה.

— וואָס דאַרפן זיי מיך דאָ האָבן? — פרעגט ער — אַן אַלטער מענטש, אַרבעטן קען איך שוין נישט. איך האָב שוין אויף מיין לעבן גענוג געאַרבעט. געוועזן אַ קצב. כ׳האָב שוין געהאַט געלט אויך. איצט רופט מיך מיין זון אַרויס קיין אַמעריקע. פאַרקערט, זאָג איך אים, דעם מאָווארישטש באַכלאַוו, וואָס דאַרפט איר אַן אומזיסטן עסער?... לאַכט ער... זאָל ער מיר כאָטש זאָגן פאַרוואָס לאָזט מען מיך נישט...

— וואס פארשטייט איר דא נישט? — גיט אים צו פארשטיין א צווייטער איד, וואס, ווי ער זאגט, איז ער דא א גאנץ אפטער אריינגייער. ער האט אויך צו טון מיט א וויזע און ער קען זי בשום אופן נישט ארויסקריגן... — אז איר פארט ארויס, לאזט איר טאקע דא איבער די טשערוואנצעס, פינף און דרייסיק טשערוואנצעס פאר אן אויסלענדישן פאס אליין, היינט וואו איז די שיפסקארטע, וואס איר קויפט אין א היגן קאנטאר אבער עפעס געלט פירט איר דאך ארויס און גראד ניטש קיין טשערוואנצעס, נאר דאלארן, און דאלארן דארף מען האבן דא, ווארום פאר טשערוואנצעס באקומט רוסלאנד אין אויסלאנד גארנישט און ווי איז מען באווארנט, אז איר פירט נישט מיט זיך ארויס גאנצע טויזנטער דאלארן, ווי ס'האט זיך שוין געמאכט. מען האט געפאקט אזעלכע פיינע אידן ווי איר, וואס האבן ארויסגעפירט וואליוטע מיט גאלד און מיט צירונג און מען האט זיי גאנץ פיין פארנומען אין „דאפר" (ארעסט ביזן געריכט) און דערנאך האט מען זיי אוועקגעשיקט „זיך לערנען א מלאכה" (די טורמע, וואו עס זיינען איינגעארדנט ווארשטאטן אויף צו לערנען די ארעסטאנטן אן ארבעט). און די צוויי אידן, די גאלדשמידן, וואס האבן בשותפות מיטן לעטישן קאנסול ארויסגעפירט וואליוטע מיט צירונג פון רוסלאנד קיין ריגע? א סברה, מען וועט זיי מאכן קורצער מיט א קאפ. איר שפילט זיך מיט וואליוטע אין ראסייע?...

מיט אזעלכע געשפרעכן, טענות און פאליטיקעס האב איך מיך אנגעהערט א היפש ביסל אין דעם קארידאר, מחמת, ביז איך האב באקומען די פראלאנגאציע, זיינען אוועק צוויי וואכן צייט און איך פלעג קומען אהער יעדע צוויי טאג געוואויר ווערן, ווי עס האלט.

אלס ארגענטינער, האב איך געהאט אויסצוהערן נאך ספעציעל ארגענטינישע ענינים, וואס זיינען באזונדערס פארפלאנטערט צוליב דעם פעלן פון קאנסולארער דינסט. אן אלטע פרוי, וועלכע איז געוועזן אין בוענאס איירעס ביי איר פארהייראטער טאכטער, האט מיטגענומען מיט זיך, אהיימפארנדיק, איר איניקל, א געבוירענער אין ארגענטינע. די אלטע איז געפארן אויף איר רוסישן פאספארט, דאס איניקל האט קיין פאספארט נישט באדארפט, לויט דער ארגענטינישער איינפירונג, און האט באקומען די דערלויבעניש ארויסצופארן

בלויז אויף אַן אידענטיטעט־קאַרטע (סעדולע). איצט דאַרף דאָס אייניקל צוריקפאָרן קיין אַרגענטינע, האָט זי נישט קיין שום שיין און מען קען פאַר איר קיין פּאַספּאָרט נישט מאַכן. זיצט זי און וויינט און דערציילט אויס איר ביטער האַרץ. און אַזוי ווי איך בין אַן אַרגענטינער, בין איך דאָך אוודאי מחויב איר מיטצופילן.

אָבער נאָך מער ווי איך פיל איר מיט, פיל איך די אומנאָרמאַלע לאַגע און די פאַרברעכערישע צעריסנקייט צווישן די לענדער אין אונדזער צייט, ווען דער פאַרשנעלערטער וועלט־פאַרקער האָט אַזוי פאַרקירצט די שטרעקעס צווישן די ווייטסטע לענדער און איבערגעוואָרפן מאַסן מענטשן פון איין לאַנד אין צווייטן. און פון וואָס ליידט דען יענער אַלטער איד, וואָס קען צו זיין זון נישט קומען, אויב נישט פון דער פאַרברעכערישער פינאַנציעלער בלאָקאַדע אויפן ראַטנפאַרבאַנד?

איך האָב מיך דאָ שוין אַזוי צוגעוואוינט צו זען די פרויען ביי די פאַרשידנסטע באַשעפטיקונגען: ביי שווערער אַרבעט, גלייך מיט די מענער, אַלס קאָנדוקטאָרן און מאָטאָרלייט, בעסער געזאָגט, אַלס קאָנדוקטאָרקעס און מאָטאָריסטקעס, ביי די טראַמווייען און אָמניבוסן און אַפילו אַלס דראָזשקאַרקעס, אַז בעת איך האָב אויף די ברייטע טרעפּ פון דער געריכט־געביידע, וואָס אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ, געזען אַרויפקומען אַ אידיש מיידל מיט רונדיקע בליענדיקע באַקן אין מיליציאָנערישע קליידער, מיט אַ פּאָרטפעל אונטערן אָרעם, איז עס מיר קיין חידוש נישט געווען. איך האָב נאָר געדרונגען, אַז נאָכגייענדיק איר, וועל איך אָנקומען פונקט צו דעם זאַל, וואו עס דאַרף היינט פאָרקומען דער אידישער פּראָצעס.

אַזוי, אָדער כמעט אַזוי איז עס געווען, מחמת אַריינגעגאַנגען איז זי נישט אין זאַל, נאָר אין סעקרעטאַרס צימער. איך בין אַריינגעגאַנגען נאָך איר, האָב דאָ געטראָפן דעם חבר ריכטער, וואָס זעט אויס צו זיין אַ בעסאַראַבער און ווי אַ בעסאַראַבער אינטעליגענט, האָט ער אַ שוואַכקייט צו וועלן ריידן ליטוויש.

דער סעקרעטאַר, וואָס האָט צוגעגרייט די „איניאַנים", וואָס דאַרפן ביי דער זיצונג געהערט ווערן, האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין אַרבעט אויף צו דערלייזיקן די מיליציאָנערקע און איך האָב דערווייל אַ געלעגנהייט צו הערן ווי דאָס אָדעסער אידישע מיידל, אינעם אור־

ניפאָרם פון א „גאַראָדאָוואָי", מיט א קורץ קלײדל אָנשטאָט הױזן, איז „מױדיע" אַז זי האָט געבראַכט פון איר „מיליציע באַצירק" א „יעדיע", װאָס דאַרף צוגעלײגט װערן צום „איניען" װעגן דעם „בירגער" נ. אַלס „גװיאַס איידעס".

עס קומען אַרײן פון א צװײטן, זײַטיקן צימער, דער באַראַטונגס-צימער, װאָס צװישן דעם סעקרעטאַרס ביוראָ און זיצונגס-זאַל, צװײ יונגעלײט. אײנער פון זײ איז דער חבר ליקװאָרניק, מיט װעלכן איך האָב אײך שוין באַקענט, דער קװעקזילבערדיקער חבר ליקװאָרניק, דער געװעזנער עסטרײַכער פּועלי ציוניסט. זײ זײַנען בײזיצער, געשיקט פונעם ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַרײנען. יעדער פּראָפעסיאָנעלער פאַרײן באַשטימט זײַנע חברים בײזיצער פונעם פאָלקס-געריכט און דער ראַט שיקט זײ צו די זיצונגען לױט אַן אױסגעשטעלטער רײ. בײם סעקרעטאַרס טיש שרײַבן זײ אונטער א פּאַפּיר, אין װעלכן עס זאָגט זיך, אַז זײ שװערן צו משפּטן לױט דער ראַטנפאַרבאַנדישער געזעצלעכקײט און לױט דעם רעװאָלוציאָנערן יושר.

איך װיל פרעגן, װאָס דאָס מײנט, אָבער עס איז שוין שפּעט. דער חבר ליקװאָרניק מאַכט מיר א סימן מיט דער האַנט, אַז ער װעט מיר שוין שפּעטער דערקלערן און דער חבר ריכטער בעט מיך אַרײַנגײן אין זיצונגס-זאַל, די דריטע טיר רעכטס, װאָס איך דערקען זי פון א „מױדאָע" מיט פעטע אידישע אותיות װעגן די „איניאָנים" װאָס דאַרפן הײַנט געהערט װערן און פון א צװײטער „מױדאָע" מיט קלײנע אותיות, װאו עס זײַנען אױסגערעכנט די טעג, װען עס קומען פאָר די געריכט-זיצונגען פונעם 2-טן און 6-טן באַצירק (די צװײ אידישע באַצירקן אין אָדעס.

אין זאַל זיצט שוין אַן עולם, נישט נאָר א אידישער, נאָר אױך נישט אידן זײַנען הײַנט פאַרטראָטן. יונגע, אַלטע, מענער, פרױען, מײדלעך און װײַבלעך, װאָס שושקען זיך און לאַכן, בחורים, פאַרפוצטע און אין אַרבעטסקלײדער.

איך האָב מיך אװעקגעזעצט אָן א זײַט, נאָענט צום ריכטער-טיש, װאָס שטײט אױף א הױכן פּלאַץ, װי אױף א בינע, מיר דוכט, אַז אױף דעם אָרט, װאו די באַשולדיקטע זיצן, דערפאַר אָבער מיטן פּנים אַזױ, אַז איך זאָל קענען אַלץ באַאָבאַכטן.

ענדלעך עפנט זיך די טיר פונעם בּאַראַטונגס־צימער, וואָס הינ־טער דער בּינע, אָדער עסטראַדע, און עס קומט אַריין דאָס געריכט: דער סעקרעטאַר מיט זיין פּעקל „איניאַנים", דער ריכטער, אַ פרוי אַ פּאַרזיצערן און די צוויי בּייזיצער. עס ווערט שטיל אין זאַל. אַלע פּנימער ווערן ערנסט.

דער ריכטער רופט אויס:

— כאַיע מאַלקים!

מען שווייגט.

— כאַיע מאַלקים פאַראַן?

צוויי מיידלעך קנייפּן זיך און שטיקן זיך פון געלעכטער. ס'איז זיי, אפנים, מאָדנע דער „פּאַראַן". אַ ניי וואָרט, וואָס זיי האָבּן בּיז איצט נישט געהערט.

מיר ווילט זיך זאָגן צום ריכטער: „פרעגט, חבר, צי איז זי דאָ, וועט מען אייך פאַרשטיין". נאָר ס'איז אַ געריכט, דאָ מוז מען שווייגן.

כאַיע מאַלקים האָט מען אויפגערופן. זי האָט אפנים נישט גע־וואוסט, אַז איר „דיעלע" וועט זיין די ערשטע און זי האָט זיך אין קאָרידאָר דערווייל אויסגעטענהט מיט אַן עדותטע, וואָס איז געקומען קעגן איר עדות זאָגן.

דער ריכטער רופט ווייטער:

— אָרפינאַ טימאָשקינאַ!

— יעסט! — רופט זיך אָן אַ קול פון אַ בּאַנק.

דער ריכטער רופט אויס די עדות און הייסט זיי אַלע אַרויס־גיין, אַ חוץ די בּאַשולדיקטע מיט דער בּאַשולדיקערן.

אָרפינאַ טימאָשקינאַ בּאַשולדיקט כאַיע מאַלקים, אַז זי האָט איר אָנגערופן כוליגאַנקע און האָט געשריגן איבּערן גאַנצן הויף, אַז בּיי איר אין שטוב איז אידיש האָב און גוטס. די בּאַשולדיקטע עפנט אַ מענה לשון. זי לייקנט שטיין און ביין, נאָר דערבּיי שיטן זיך בּיי איר פונעם מויל קללות אויף דער בּאַשולדיקערן. מען רופט אַריין אַן עדות, אַ אידישע פרוי. זי בּאַשטעטיקט, אַז מאַלקים האָט דער טימאָשקינאַ אַזוי געזאָגט.

— מאַמע מיינע, אַ דונער זאָל מיך דערשלאָגן, זי האַלט פאַר

דער כפרהניצע, האלט זי!... איר זאלט אזוי לעבן צי איך האב איר אזוי געזאגט, א פוילעניש, גאטעניו...

דער ריכטער לאזט איר נישט ריידן. ער קוקט זיך איבער מיט דער פארזיצערן און מיט די בייזיצער, זיי הויבן זיך אויף און גייען אריין אין בעראטונגס־צימער. זיי קומען באלד ארויס און די פאר־זיצערן לייענט איבער דעם פסק:

— מאלקינא זאל באצאלן קנס פינף רובל.

שנעל ווערן דערליידיקט ענינים פון עלטערן, וואס פאדערן פון די קינדער אויסהאלט. לויט געזעץ דעם און דעם און לויט דעם אנ־גענומענעם טאריף נאך די פארדינסטן נאך, וועט דאס געריכט אויס־שטעלן א פארפליכטונג. קומען מארגן אין ביורא אונטערשרייבן.

א מיידל, וואס דארף זיך פארשרייבן אין „זאגס" און האט נישט קיין געבורטשיין, שטעלט עדות, אז זי איז אלט די און די יארן. — גוט, קומט מארגן וועט איר ארויסנעמען א שיין.

דער גרויסער פראצעס ווערט אפגעלייגט צום סוף. איינער פון די פארטיידיקער דערקלערט, אז מען מוז האבן אלע ארויסגערופענע עדות און נישט אלע זיינען געקומען.

עס קומט איצט א פארוויקלטער ענין מיט א פיאנע, אן ערשט חתונה־געהאט ווייבל, פאדערט ביי איר שטיף־פאטער איר פארשטאר־בענער מאמעס פיאנע. דער שטיף פאטער טענהט, אז די פיאנע איז זיינע, ער האט זי געקויפט נאך פארן ערשטן ווייב. די טאכטער ברענגט עדות, אז איר מאמע האט געבראכט די פיאנע מיט זיך. אן עדות מצד דעם שטיף פאטער איז דער הויז־וועכטער, אבער דער הויז־וועכ־טער ווערט באלד געפסלט אלס עדות, מחמת עס שטעלט זיך ארויס, אז ער איז אנגעקומען אין דעם הויז פאר א וועכטער שוין נאכדעם, ווי יענער האט חתונה געהאט מיטן צווייטן ווייב. דער ריכטער סטרא־שעט אים מיט באשטראפן פאר פאלשע עדות און ער פלאנטערט, אז ער איז דעמאלט געווען וועכטער קעגנאיבער און האט געוואוסט וואס עס טוט זיך אין יענעם הויף. דא מישט זיך אריין דער בייזיצער חבר ליקווארניק:

— בירגערן, זאגט אויף וואס דארפט איר די פיאנע?

— איך בין א לערערן פון פיאנע און גיב פריוואטע לעקציעס.

— און איר? — ווענדעט ער זיך צום שטיף פאָטער — אויף וואָס דאַרפט איר די פּיאַנע?

— איכל נאָך מסתמא חתונה האָבן, ס'איז אַ שטיק מעבל אין שטוב...

דאָס געריכט האָט זיך אַפילו נישט אויפגעהויבן צו אַ באַראַטונג און האָט צוגעפּסקנט די פּיאַנע דעם יונגן ווייבל. דער עולם האָט גע-נימען אַפּלאָדירן, נאָר דער ריכטער איז שטרענג:

— דאָ איז נישט קיין טעאַטער!

אַ צווייטער, נאָך מער פּאַרוויקלטער פּראָצעס.

אַ מיידל, אַ מינדעריעריקע, קלאָגט אָן איר טאַטן. ער שלאָגט זי, ער לאָזט זי נישט גיין אַרבעטן, זי האָט אַ חתן, וויל זי חתונה האָבן, לאָזט ער נישט. זי דערציילט און וויינט. דער ריכטער, די בייזיצער הויבן מיט די אַקסלען, וואָס קענען זיי דאָ טון? דער עולם פילט מיט. נאָר אויך דער טראַגישער ענין האָט זיין קאָמישע נאָטע.

דער ריכטער רופט אויס אָן עדות, אַ שיין מיידל, אַ וואויל דער-צויגענע, אַפילו נישט קיין אָדעסער, נאָר פון אַ שטעטל:

— וואָס ווייסט איר וועגן דעם ענין?

זי ענטפערט אויף רוסיש.

— בירגערן, איר זיינט אין אידישן געריכט. איך רייד צו אייך אידיש, דאַרפט איר ענטפערן אויף אידיש.

נאָך עטלעכע מאָל פאַרזיכערן, אַז זי קען נישט קיין אידיש און אַז זי רעדט שווער אידיש, האָט זי גענומען דערציילן מיט אַזאַ איי-דיש לשון, וואָס דער ריכטער אַליין האָט איר געמעגט מקנא זיין דערויף.

אַן עלטערער איד, וואָס איז געזעסן אויף דער פאָדערשטער באַנק האָט דערביי זיך אָנגערופן:

— גזלנים! מען נעמט אַזאַ שיין מיידל און מען הייסט איר ריידן אידיש!...

דער עולם האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. דער ריכטער האָט גע-מאַכט אַ שטרענגע מינע, די פּאַרזיצערן האָט גענומען דאָס גלעקל. נאָר, וואָס פאַר אַ כוח האָט דאָס שוין געהאַט, אַז זיי אַליין האָבן געשמייכלט.

דער גרויסער „ענין" וועגן דער קאאפעראטיווע איז אפגעלייגט געווארן. איך האב אבער דאך באוויזן אויסצוהערן א פאר אידישע אדוואקאטסקע רעדעס. ארום דעם ענין, פון וועלכע עס איז מיר קלאר געווארן אין וואס עס גייט און דער עיקר ווי אזוי אידישע אדוואקאטן רעדן אידיש.

די אנגעקלאגטע פינף אדער זעקס אנגעשטעלטע אין א קאאפעראטיווער קראם, זיינען באשולדיקט געווען אין פארקויפן צו פריוואטע סוחרים „דעפיציטע" סחורה, ד. ה. אזא סחורה, וואס איז פאראן ווייניק און סוחרים האבן אן אינטערעס אויסצוקויפן די סחורה און ארויפשרויפן די פרייזן. די אדוואקאטן איז געגאנגען אין דערוויזן, אז די סחורה איז נישט געווען קיין דעפיציטע און דערצו האבן זיי געפאדערט עס זאל ביידיין אן עקספערט.

אדוואקאטן זיינען געווען דריי, צוויי מענער און איינע א פרוי. דער אדוואקאט, וואס האט גערעדט דער ערשטער, איז איינער פון די אלטע, שוין א באזילבערטער קאפ. בעת ער האט גערעדט, האט זיך מיר דערמאנט דער אנעקדאט מיט יענעם אידן אין אמאליקן רוסישן געריכט. דער ריכטער האט אים געפרעגט:

— וואשי דאקומענטי זאווערילי? (אייערע דאקומענטן האט איר באשטעטיקט?).

קוקט דער איד אן און ווייסט נישט וואס מען רעדט צו אים, נאר אז זיין אדוואקאט טייטשט דאס אים איבער אויף „אידיש":

— אייערע דאקומענטן האט איר זאווערעט?

פארשטייט שוין דער איד:

— אזוי־זשע זאגט!

אין אזא מין „אידיש" לשון האט אויך דא, אין אידישן געריכט, גערעדט דער אלטער אידישער אדוואקאט.

דער צווייטער האט גערעדט א בלאנדער יונגערמאן, א נייער, א פרישער סאוועטישער אדוואקאט. און ער האט גענומען שיטן מיט „האכלאטעס" און „היכבייוועסן", „אפן סמאך" און „אין העסקעם", „העיום" און „קעפי", ביז די פרוי, אין די מיטעלע יארן, האט פארנומען זיין פלאץ און גענומען ריידן מיט א פשוטן, זאפטיקן און נאטירלעכן אידיש, אז נישט נאר דער ריכטער זאל פארשטיין, נאר דער

גאנצער עולם זאָל זיין אויף איר זייט. זי האָט טאַקע אַזוי געזאָגט:

— איך נעם דאָס וואָרט, כדי קלאָרער צו מאַכן די באַגרינדונג פון מיין קאָלעגע, מיט וועלכן איך בין דורכוים מסכּים.

אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פונעם געריכט־זאַל, האָב איך זיך געטראַכט:

„זאָל איך מאַכן „שהחינו", וואָס איך האָב דערלעבט צו זען, אַ אידישן געריכט, אָדער איך זאָל אָפּוואַרטן, ביז די אידישע ריכטער און די אידישע אַדוואָקאַטן, וועלן זיך איינגעוואוינען מיט זייער אַר־בעט און וועלן ריידן צום פאָלק אין דער שפּראַך פונעם פאָלק; וואָרום צוליב דעם איז דאָך דער אידישער פאָלקס־געריכט געשטעלט געוואָרן.

43

— וואָס מיינט רעוואָלוציאָנערער יושר? — פרעג איך דעם חבר ריכטער, וועלכן איך האָב אָפּגעוואַרט אַרויסגייענדיק פונעם געריכט־זאַל.

— קומט נאָך אויף אַ פּאָר געריכט־זיצונגען, — האָט ער מיר דערויף געענטפערט אַנשטאָט אַ דערקלערונג, — וועט איר דאָס אַליין זען.

נאָר דער חבר ריכטער איז צו פיל פריינטלעך, אַז ער זאָל מיך לאָזן וואַרטן אויף נייע פראַגן און ער דערקלערט עס מיר טעאָרעטיש.

— אין רוסישן געריכט־וועזן פונעם צאַרס צייטן, דערקלערט ער מיר, איז געווען דער געבאָט פאַר די געשוואוירענע צו משפּטן לויטן געזעץ און לויטן יושר. דער דאָזיקער יושר, וואָס איז איינגעשטאַנען ביי די ריכטער און ביי די געשוואוירענע, מערסטנס פּריצים אין די שטעט און רייכע פּויערים אין די דאָרפישע וואָלאָסט־געריכטן, איז געווען דער יושר פון די, וועלכע מ'האָט איבּ אָנפאַרטרויט. די ריכ־טער, די טשינאָווניקעס, האָבן מיט דעם יושר געמאַכט געשעפט, האָבן זיך געלאָזט גוט באַצאָלן פאַר אים און די געשוואוירענע פּריצים און רייכע פּויערים האָבן געמשפּט לויט זייער פּריצישן און קולאַקישן יושר, וואָס איז נאָך דערצו געשטיצט געווען פון די פּריצישע און קולאַקישע

געזעצן פון דער צארישער יורויספרודענץ. אויב איר זיינט א מארקסיסט, פארשטייט איר דאך, אז אנדערש האט עס נישט געקענט זיין. יעדער איינער האט דעם יושר, וואס זיינע אינטערעסן זאגן אים אונטער און דאס אייגענע איז אין געזעלשאפטלעכן מאסשטאב. אט, למשל, האבן די אמעריקאנער געשוואוירענע ריכטער פארמשפט סאקא און וואנצעטי, כאטש די גאנצע וועלט האט געוואוסט, אז זיי זיינען אומשולדיק. מען האט זיך דארט אויסגעלאכט פון דער „גערעכטיקייט", וואס אין איר נאמען, האט מען דאס געריכט פארוואָרפן מיט פראטעסטן און מיט ביטעס. אין אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער טוט מען דאס אייגענע, נאר אפשר נישט אזוי אפן און תקיפדיק, ווי די אמעריקאנער אפגעפרעכענע בורזשויען; אין אייראפע איז מען ראפינירטער, צביעותדיקער, מען דארף האבן די שיין פון „אומפארטייאישער גערעכטיקייט" אויף אפצונארן די נאאיווע הארעפאשניקעס. ביי אונדז, ווילן מיר קיינעם נישט נארן; מיר פארטיידיקן אפן די אינטערעסן פון די ארימע קעגן די רייכע. צווייטנס, איז דא נאך א זאך: ביי אונדז זיינען געזעצן נישט קיין אייביקע זאך, זיי ווערן זייער אפט געענדערט, אפגעשאפט, פארביטן מיט דעקרעטן, מחמת מיר שטייען נישט אויף איין ארט אין אונדזערע געזעלשאפטלעכע פארמען; וואס מ'האט נעכטן געמעגט, טאר מען נישט היינט און עס קען זיך מאכן פארקערט; אדער, וואס אין איין ארט איז א קליינער פארברעכן, איז אין א צווייט ארט, ביי אנדערע באדינגונגען און אומשטענדן, א שווערער פארברעכן. אלץ ווענדט זיך אין צייט און אין ארט, אין באדינגונגען. שטעלט אייך פאר, וואס אזעלכעס האט געקענט זיין די באציאונג פונעם געריכט צו די רייכע אין דער צייט פון זייער אקטיווער קאנטררעוואלוציאנערער ארבעט; ס'איז ביי אונדז געווען מיליטערישער קאמוניזם, נעפ, איצט גייט קאלעקטיוויזאציע. עס גייט אנגעשטרענגטע סאציאליסטישע בויאונג. מיר שטייען קיינמאל נישט אויף אן ארט, מיר באוועגן זיך אלץ פאראויס, אנגעהויבן מיט דער אקטאבער־רעוואלוציע און מיט דער פראלעטארישער דיקטאטור און מיר גייען צו א סאציאליסטישער געזעלשאפט. געזעצן קענען דא זיין בלויז, אזוי צו זאגן, פרינציפיעלע, און אונזער „סוואד זאקאנאוו" איז טאקע דעריבער א גאנץ דינינקער און אנשטאט לויטן געזעץ, קומט אפט

אוים צו ריכטן לויטן דעקרעט און אז קיין דעקרעט איז נישטאָ, איז לויטן סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין.

די ווערטער „סאָציאַליסטישער באַוואוסטזיין" שטרייכט ער אונ־טער מיט אַ פּויזע. און נאָכדעם ווי ער שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע, כּדי איך זאָל פֿאַרדייען דאָס וואָס ער האָט מיר דערקלערט, גיט ער צו: — אָט דעם סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין, אָדער בעסער געזאָגט, סאָציאַ־ליסטישן רעכט־באַוואוסטזיין, „פּראַוואָסאָזנאַניע", ווי מען זאָגט דאָס אויף רוסיש, רופֿן מיר אָן „רעוואָלוציאָנערער יושר". אין נאָמען פֿון אָט דעם רעוואָלוציאָנערן יושר, האָט דאָס געריכט אין די ערשטע צייטן פֿאַרמשפּט צום צעשיסן די קאָנטררעוואָלוציאָנערן, באַנדיטן, וואַליוטשיקעס, סאַבאָטאַזשניקעס; היינט ווערט קעגן אַזעלכע פֿאַר־ברעכער זעלטן אַרויסגעטראָגן אַ טויט-אורטייל און אפֿילו אַז אַזעלכער ווערט אַרויסגעטראָגן, ווערט ער פֿאַרביטן מיט צוואַנגס־אַרבעט.

אין היינטיקער סטאַדיע פֿון דער סאָוועטישער אַנטוויקלונג, פֿון סאָציאַליסטישער בויאונג, האָט זיך בכלל געביטן דער כאַראַקטער פֿון דער שטראָף. עס ווערט אין ברייטסטן מאַסשטאַב פּראַקטיצירט תּנאַי־שטראָף — אָבליגאַטאָרישע אַרבעט, אָן צונעמען די פֿרייהייט; די טורמעס ווערן פֿאַרביטן אויף דערציאונגס־אַנשטאַלטן; עס ווערן דורכ־געפֿירט חברים־געריכטן. אַלץ גייט אויף דעם וועג פֿון אָפּשאַפֿן שטראָף און אַשטאָט דעם איינפֿירן דורכוים די סיסטעם פֿון איבערדערציאונג.

— איר זייט שוין געווען אין טורמע? — פֿרעגט מיך דערויף דער חבר ריכטער. — פֿאַרוואָס גייט איר נישט אַ קוק טון ווי עס זעט אוים אַ סאָוועטישע טורמע? דאָרט, ביי אייך, בין איך זיכער, אַז איר האָט אַזאַ טורמע נישט געזען.

— איך האָב נאָך אַ סך זאַכן נישט געזען — ענטפֿער איך דער־רויף, נאָר איך וועל זיכער נישט אָפּפֿאָרן נישט זעענדיק די טורמע. דערווייל אָבער, זאָג איך אים, אינטערוויואיר איך אייך וועגן דעם געריכט־וועזן. איך וויל וויסן ווער זיינען די ריכטער, אָנגעשטעלטע אָדער אויסגעוויילטע?

— מיט אייך איז אָן אומגליק — ענטפֿערט ער מיר דערויף. — איר שטעלט אַוועק אַ פֿראַגע, ווי איינער זאָגט, טויט אָדער רויט?

— ניין, — פיל איך מיך אַביסל באַליידיקט, — מיט מיר איז גאָרנישט אַזאַ אומגליק, איך ווייס, אַז נייע וועלטן, נייע אָרדענונגען, נייער שטייגער, ווערן נישט אויסגעשטעלט ווי דורך אַ כישוף, ווי אין די אַלטע פאָלקס־מעשיות, אין וועלכע מען גייט וואַלד איין, וואַלד אויס און פלוצים אַ מאַרמאָרנער פאַלאַץ מיט אַ גאָלדענעם דאַך און גאָלדענע טירן.

— אויב אַזוי קען מען מיט אייך ריידן, — זאָגט ער מיר און אויב אַזוי זאָג איך אייך, אַז דאָס געריכט־וועזן איז אַ געוויילטער: אָבער געוויילט נישט „פונעם פאָלק", לויט דער פאָרמול פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, נאָר געוויילט פון די אַרבעטער און פון די אָרימע פויערים און געוויילט ווערן קען אויך נישט יעדער, נאָר אַן אַרבעטער און אַן אָרימער פויער. איר האָט געזען די פרוי, די פאָרזיצערן פונעם געריכט? ס'איז אַ פשוטע פויערטע פון אַ דערבייאיקן שטעטל, זי איז אויסגעקליבן אויף דעם פאָסטן דורך דעם דאָרטיקן ראַט אויף אַ חודש צייט. נאָכן חודש, וועט זיין אַן אַנדער פאָרזיצער, אַ מאַן אָדער אַ פרוי, אויסגעקליבן פון אַ צווייטן דאָרפישן ראַט אָדער פון אַ שטאָטישן פראָפעסיאָנעלן פאַריין, לויט דער ריי. דאָס אייגענע איז מיט די צוויי „בייזיצער", וואָס ווערן אויסגעוויילט פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען און געביטן יעדע צוויי וואָכן. מען קלייבט אויס פאַרשטייט זיך, פאַרשטענדיקע אַרבעטער, וואָס באַזיצן אָט דעם „סאָציאַליסטישן רעכט־באַוואוסטזיין", וועגן וועלכן איך האָב אייך פריער דערקלערט, דעם רעוואָלוציאָנערן יושר. אָבער, עס זיינען דאָך פאָרט פאַראַן געזעצן, וואָס מען דאַרף זיי קענען, פאַראַן פאַרטיידיקער ביי אונדז, נאָך פון דער אַלטער שול און אפילו פון דער נייער, אַזעלכע, וואָס טייטשן אויס געזעצן און פלפלען און מאַכן שטימונג און ווירקן לטובת די פאַרברעכער, פירן אַראָפּ די עניניב פון זייער געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג און אויף צו האַלטן דאָס געריכט אין דער געהעריקער ליניע, מוז מען האָבן — און ווי איך האָב אייך געזאָגט און ווי איר אַליין, זאָגט איר, פאַרשטייט, — אַן אָנגעשטעלטן ריכטער, אַ קאָמוניסט. ער איז אויך אַ געוויילטער, אָבער זיין קאַנדידאַטור ווערט אַרויסגעשטעלט פון דער פאַרטיי.

— אַלץ איז דאָ אָבער דערווייליק, — רעדט ער ווייטער נאָך אַ

קורצער פּויזע. די טענדענץ פונעם סאָוועטישן געריכט איז צו ווערן וואָס פּראָסטער, וואָס איינפאַכער, אַז יעדער האָרעפּאַשניק זאָל קענען אנטיילנעמען אין אים אַלס ריכטער. אויף דעם וועג, האָט מען שוין אָפּגעשאַפט די אַלע פאַרשידענע אינסטאַנצן וואָס פלעגן אַזוי פאַר־פּלאָנטערן און פאַרשלעפּן אַ פּראָצעס, די „וואָלאָקיטע", ווי מען זאָגט אויף רוסיש. פאַראַן איין און איינציקער פאָלקס־געריכט, אַן איינפאַ־כער, אַ פּשוטער, וואָס איז אַבסאָלוט צוגענגלעך פאַר יעדן.

צוויי אַזייגער נאָכמיטיק בין איך ווידער געווען אין געריכט־זאַל און דער ערשטער ענין, וואָס האָט זיך באַהאַנדלט, איז געווען אַ באַ־שטעטיקונג פון דער סאָוועטישער געריכטס־טעאָריע, וואָס דער אידי־שער ריכטער האָט פאַר מיר אויסגעלייגט.

דאָס געריכט איז געפירט געוואָרן אין אוקראַיניש. די ריכטערן איז אַן אוקראַינישע פּויערטע פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, איר אָפּגעצערט קליין פּנים באַווייזט אויף שווערער אַרבעט אַלס וועשן אָדער אין אַ פאַבריק, אויף די קינדער און אויך אויף די שלאָפלאָזע אוונטן וואָס זי האָט אָוועקגעגעבן דער „גראַמאָטע", דער פּאַרטיי און דעם ספּעציעלן יורידישן שטודיום. סעקרעטאַר איז אויך אַ פרוי, גאָר שוין אַ שטאָטישע, אַ צוגעפּוצטע, וואָס היט איין איר עלעגאַנץ און דעם פרישן קאָליר פון איר פּנים. פּאָרזיצער איז אַ מיטליעריקער, געראַזירטער פּויער, נאָך אַ פּנים רוי אין זיין אָמט. ער זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך געטראַכט: זייער אַ גוטע זאַך, וואָס איך, אַן אָרימער פּויער, בין פּאָרזיצער פונעם געריכט, נאָר וואָס כאַפּן זיי אַזוי, מאַכט עס, חברים, אַביסעלע לאַנגזאַמער, מחמת איך קלייב זיך נישט פונאַנ־דער אַזוי שנעל ווי איר, שטאָטישע... די ביי־זיצער זייגען די אינדער־פּריאיקע.

דער ענין איז אַ פּויערישער. אין דערבייאיקן קוראָרט ליוסטדאָרף, האָבן זיך צוויי שכנות געשלאָגן, זיך געריסן ביי די האָר, ביידע האָבן געבראַכט די „זאַכלעכע עדות" איינגעוויקלט אין פּאַטשיילעס. איינע, די אָנגעשלאָגענע, האָט געבראַכט אַביסל צופּיל, אַ גאַנצן צאָפּ, נאָר זי זעט טאַקע אויס קראַנק, דערשלאָגן, אַביסל אפשר אַפעקטירט זי פאַרן געריכט, נאָר די ריכטערן קוקט אויף איר מיט אַ געניט אויג, ווי זי וואָלט איר געזאָגט: נאַרישע פרוי, צו וואָס דאַרפסטו מיך נאַרן?

נישט אין דעם גייט עס. דערציילן, ווער ביזטו, וואס טוסטו און ווער איז די אנדערע?... די פויערטע פארשטייט דאס אבער נישט, יענע האט זי געשלאגן, שטארקער ווי זי יענער, האט איר אויסגעריסן מער האר, זי איז קראנק, יענע איז געזונט, ווי אלע אין געריכט קענען עס זען, קומט יענער צו באשטראפן און איר באצאלן פארן שאדן, ווייל זי קען נישט ארבעטן און מוז צודינגען א מענטשן איצט, ארבעטס־צייט, און דער סוף איז, אז יענע האט גאר אויף איר איינגעגעבן, אז זי גיסט איר אין הויף אריין שמוציקע וואסער און האט זי געשלאגן, באשר זי איז קראנק און דער מאן איז פארנומען ביי דער ארבעט.

דער מאן, וועלכער איז אויך אנגעקלאגט אלס צוהעלפער דעם ווייב אין געשלעג, האט עס שוין גיכער פארשטאנען. ער נעמט דער־ציילן, פון וואס דאס געשלעג האט זיך גענומען. יענע, אן אלמנה פון א צארישן פאלקאווניק, ווי זי בארימט זיך, האלט א דאטשע אויף פאנסיאן; זי האט איינגעפירט א וועראנדע מיט א גארטן, קען זי ניט ליידן למאי אין שכנות מיט איר איז אן ארים שטיבל, אן ארימע פויערשע ווירטשאפט און האלט שטענדיק אין בארימען זיך דורך אירע בגים, אז זי וועט אים פארטרייבן. ער, איז ווינציק אין דער היים, נאר דאס ווייב גייט אום דערפון א צעקאכטע. פאראכטאגן איז זיין ווייב ארויסגעגאנגען פון דער שטוב מיט א שיסל וואסער פאר די עופות צום טרינקען, האט די פאלקאווניצע איר צוגעשריגן: ווארט, ווארט, איכל דיך איינגיבן פטרן. האט דאס ווייב נישט אויסגעהאלטן און האט די וואסער א גאס געטון צו יענערס זייט. ריינע וואסער פאר די עופות. איז די פאלקאווניצע אנגעפאלן אויף איר און זי גע־נומען שלאגן. ער איז גראד אנגעקומען און האט זי גענומען אוועק־שטופן, געשלאגן האט ער זי נישט.

די אנדערע, שווייגט נישט. זי איז שוין אן עלטערע פרוי, אבער פעסט און אנטוויקלט און שטאטיש.

— איך בין אן ארימע פרוי — הויבט זי אן — שוין פינף יאר, אז איך האלט די דאטשע, איך בין נישט קיין היגע, אזש פון וויטעבסק און מען האט אויסגעטראכט, אז מיין מאן איז געווען א פאלקאווניק, שיר נישט א גענעראל, בעת אט דער נעבעך, וואס מאכט זיך פאר אן ארימען פויער, האט געדינט אין דער צארישער אכראנקע, געווען א

זשאַנדאַר און אַ שפּיאָן, אַ געניטער שלעגער, ער האָט מיך געשלאָגן אין קאַרק, אַזוי אַז ס'זאָל קיין בלוט נישט זיין, און אָט די האָר, מיינע גרויע האָר, האָט ער מיר אויסגעריסן אָט דאָ פון הינטן. מענטשן זיינען זיך צונויפגעלאָפן און האָבן געזען. זאָל מען פרעגן מיינע עדות.

און אָט די האָר, וואָס זי ווייזט, קוקט, ס'איז נישט אירע, אירע זיינען טונקעלע און די וואָס זי האָט געבראַכט זיינען בלאָנדע. און זי האָט זיי צוגעשמירט מיט בלוט. ס'איז דאָך אַ געלעכטער.

דער אָנגעקלאָגטער פּראָטעסטירט. ער איז געווען אַ הויז־וועכטער אַמאָל, אָבער קיינמאָל נישט קיין זשאַנדאַר...

מען רופט אַריין אַן עדות, אַ אינגל פון אַ יאָר צוועלף. ער איז אַ „בעזפּריזאָרנע", ד. ה. פון די פאַרוואָרלאָזטע קינדער, וואָס האַלטן זיך נישט איין אין קינדער־אַזיל. ער איז געגאַנגען זיך באָדן, האָט ער געזען ווי דאָס איז פאָרגעקומען. יענע האָט זי אָפּגעגאָסן און איר געזידלט, האָט די גענומען רופן אירע קינדער און איידער זיי זיינען געקומען זיינען זיך די ווייבער דערוויל אַריינגעפאַרן אין די האָר.

דאָ קומט אונטער דער אַדוואָקאַט, וואָס די דאַטשניצע האָט געשטעלט, מיט פרעגן דעם עדות:

— די וואָסער איז געווען שמוציקע?

— יאָ — ענטפערט דאָס אינגל.

— און ווער וועמען איז פריער אַריינגעקראָכן אין די האָר?

— זי איר, — ווייזט ער אָן צוערשט אויף דער אָנגעקלאָגטער און דערנאָך אויף דער קלעגערן.

— און וואָס האָט זי דיר דערפאַר געגעבן? — פרעגט דער בייזיצער ליקוואָרניק, וואָס איך דערקען שוין אין אים אויף וועמענס צד ער איז.

דאָס אָפּגעריסענע באָרוויסע אינגל קוקט ממזריש צו אים, און ביידנס שמייכלענדיקע אייגן באַגעגענען זיך.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג, האָט דאָס געריכט אָפּגעוואָרפן די קלאַגע און די אָנגעקלאָגטע געראַטן אָנצוגעבן אַ פאָדערונג אויף אָנט־שעדיקונג.

חבר ליקוואָרניק גיט אַ קוק צו מיר, ווי ער וואָלט געפרעגט: — פאַרשטאַנען?

דער איינער פראצעס איז פאר מיר געגוג געווען אויף צו פאר־שטיין דעם זין פונעם סאוועטישן געריכט. בעת אין די קאפיטאליס־טישע געריכטן איז דער גרונט, דאס אייגנטום וואס ווערט פארטיי־דיקט, ווערט אינעם סאוועטישן געריכט פארטיידיקט די ארבעט; בעת אין בורזשואזן ווערן כלומרשט פארטיידיקט די רעכט פונעם מענטשן, און אין דער אמתן — פונעם אייגנטימער, ווערן דא פארטיידיקט די רעכט פונעם ארבעטנדיקן. אין דעם ענין, וואס איך האב אויסגעהערט, האט מען נישט גענומען אין אכט די פאקטן ווער וועמען עס האט געשלאגן פריער און ווער וועמען מער האר ארויסגעריסן אדער ווער וועמען עס האט פריער באליידיקט, נאר מען האט גענומען דעם סא־ציאלן הינטערגרונט פון דעם סכסוך: פון איין זייט א פארמעגלעכע פאנסיאן אייגנטימערן און פון דער אנדערער זייט — אן ארים פויע־ריש פארפאלק. עס שפילט אויך א ווערט די פארגאנגענהייט, די באַ־ציאונג צו דער רעוואלוציע. און דערפאר האבן די צדדים אזוי גע־לופטערט איינער דעם צווייטנס יחוס.

מיר איז שוין אויך קלערער געווארן דער אינדערפריאיקער פסק פונעם אידישן געריכט אינעם משפט פון דער נישט אידישער פרוי קעגן דער אידישער: עס איז נישט געגאנגען אין דעם ווער וועמען עס האט באליידיקט, נאר אינעם כאראקטער פון דער באליידיקונג. דער פסק איז א דערציערישער, זאל די אידענע נישט זען אין יעדער נישט אידישער פרוי א פאגראמשטשיצע, א שונא. דער פסק איז אויך א מיטל צו באקעמפן דעם אנטאגאניזם, וואס איז הונדערטער יארן לאנג גענערט געווען צווישן אידן און נישט אידן; פון איין זייט „זשיד" און „זשידאווקע" און פון דער צווייטער זייט „גוי", „ערל", „איוואן זלאדי", „כפרהניק" און „כפרהניצע".

מיר איז באזונדערס געפעלן די גאנצע מעשה. א נישט אידישע פרוי קלאגט אן אין אידישן געריכט. זי האט שוין דאס אידישע גע־ריכט אנערקענט, בשעת צווישן אידן, איבערהויפט צווישן דעם ביר־גערלעכן עולם, קוקט מען דערויף ווי אויף א שפילכל, פונקט ווי זיי קוקן אויף דער גאנצער אידישער קולטור אדער ווי זיי קוקן אויף זיך גופא, מיט ביטול, מיט התנצלות פאר די נישט אידן, וואס זיי לעבן אויף דער וועלט, מיט א מורא טאמער קוקט מען אויף זייו קרום.

באלד טאקע ווי איך בין ארויסגעגאנגען פון דער געריכט־געביי־דע, האָב איך געהאט די געלעגנהייט צו זען אַ ביישפּיל דערפון.

איך בין אריינגעגאנגען אין אַ פּריוואטן שפּייזלאָקאל עפּעס אי־בערכאפּן. קומט אריין אַ פאַרוואָרלאָזטער, אַ גאַנץ היפּשער בחור און בעט אַ נדבה. איינער פון די קעלנער, אַ איד, איז אים משלח. עס איז אוועק אַ מינוט צען, קומט אריין אַן אַלטער איד און שטעלט אויס די האנט. דער זעלבער קעלנער גיט אים אַ מטבע. האָט ער זיך אָבער געפּילט, ווי ער וואָלט עפּעס באַגאַנגען ווער ווייס וואָס פאַר אַ פאַר־ברעכן און ער נעמט זיך פאַרענטפערן פאַר זיין חבר, אַ נישט אידי־שער קעלנער:

— איך האָב אים דען געגעבן דערפאַר, וואָס ער איז אַ איד, נאָר אַן אַלטער מענטש; יענער אָבער איז נישט קראַנק צו אַרבעטן...

— ווער זאָגט דען? אוודאי, האָסטו גוט געטון...

אָבער דער איד האָט נאָך אַלץ מורא געהאט טאָמער וועט אים זיין חבר חושד זיין אין פּרעפערענץ צום אידן, מחמת ער איז אַ איד און איז אַלץ טיפער געקראָכן אין התנצלות, ביז צום עקלען.

איך האָב מיך איינגעהאלטן נישט אַ שפּיי צו טון.

פאַרבליבענע שקלאַפן און פחדנים אין דעם לאַנד פון פרייהייט און פרייען מוט.

44

איידער איך בין געגאַנגען באַזוכן די אָדעסער טורמע, בין איך געגאַנגען אַ קוק טון אויף דעם „דאפּר", דאָס אַרעסט־הויז וואו מען האלט די פאַרברעכער, אָדער די פּראָצעסירטע פאַר ערנסטע פאַר־ברעכנס, ביזן געריכט.

דער „דאפּר" דערמאָנט די אָדעסער איינוואוינער אין דער באַ־רימטער „טשעקאַ", די שרעק פון די קאָנטררעוואָלוציאָנערן און פון די שפּעקוליאַנטן אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע; ער געפינט זיך אין דער זעלביקער געביידע, אין דעם זעלבן הויף מיט דעם ברייטן טויער, אין וועלכן מען פלעגט אין יענע יאָרן אריינברענגען אויף די פורן פאַרברעכער, ווי מען ברענגט געבונדענע קעלבער צו דער שחיטה;

אין דעמזעלבן הויף מיט די קעלערס און מיט דעם „ווענטל״, ביי וועלכן מען האָט פאַראורטיילטע דורך דעם רעווטריבונאַל געשאָסן און מען האָט זיי פון דאָרט אַוועקגעפירט מיט פורן צום באַערדיקן.

די אַדעסער איינוואוינער דערמאָנען דאָס וואָרט „טשעקאַ״ ווי אַ מין קאָשמאַר, וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן; זיי דערציילן דערביי האָר־שפּאַלטנדיקע געשיכטעס און באַזונדערס דערציילן זיי וועגן דער אָנרחמנותדיקער באַציאונג צו די שפּעקוליאַנטן מצד אַ געוויסן טשע־קיסט דייטש, וועלכער האָט איינמאָל אויסגעשאָסן דרייסיק שפּעקו־ליאַנטן מיטאַמאָל אויפן פּסק פון דעם רעוואָלוציאָנערן געריכט.

די טשעקיסטן גופא, מענטשן מיט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געפאָדערט אַנטשלאָסנקייט און פעסטן כאַ־ראַקטער, באַוואוסטזיניקע רעוואָלוציאָנערן און אידעאַליסטן, וואָס האָבן געהאַט פאַר זיך אַלס ביישפּיל דעם הויפּט־פירער פון דער „טשע־קאַ״, פעליקס דזשערזשינסקי, וועלכע טראָגן איצט אויף דער ברוסט, מיט דער שטאָלץ פון וועטעראַנען, דעם ערן־צייכן פון דער טשעקאַ, ריידן איצט וועגן די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן ווי וועגן יאָרן פון גרויל.

דער „דאָפּר״ איז איצט אַ גאַנץ רואיקער הויף, אַ באַגאָסענער מיט זון. דער מיליציאָנער ביי דער טיר, לאָזט מיך דורך און איך זוך אַרום מיט די אויגן יענעם שרעק, די שפּורן פונעם קאָשמאַר. אין הויף דרייען זיך אַרום עטלעכע פאַרשוינען. דאָס זיינען אַרעסטירטע, זיי פילן זיך דאָ גאַנץ פריי, קיין באַזונדערן אַנגסט פאַר עפּעס שרעקלע־כעס, דערקענט מען נישט אויף זיי. איך פיל מיך נישט אין דער ראָל פון אַן אויספאָרשער און פרעג נישט יעדן איינעם פאַר וואָס פאַרא חטא ער איז אַרעסטירט. אין אַ פּאָר דערקען איך דעם טיפּ אַדעסער גנב און הפקר־יונג, נאָר איינער אַ אידישער יונגערמאַן, אַ צעקנייטש־טער, אַ פאַרמאַטערטער, אַ באָרוויסער, וואָס זיצט אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל, ציט מיין אויפמערקזאַמקייט.

— איר זיינט אַ היגער? — פרעג איך אים, כדי אַריינצוטרעטן מיט אים אין אַ געשפּרעך און טאַקע ווייל ער זעט מיר אויס נישט ווי קיין אַדעסער. די אַדעסער זיינען האָפערדיק, לאָזן זיך נישט צו צום הארצן.

— ניין, פון אַ שטעטל אין פּאָדאָליע.

— פאַרוואָס זשע האָט מען אײַך אַרעסטירט?

— פאַר אַ גנבה — ענטפערט ער מיט אַ מין ביטערן שמייכל.

— נאָר איך האָב מורא ס'עט מיר גאָרנישט העלפן, מ'עט מיך אויס־מוסרן און מען וועט מיך אַרויסלאָזן.

— איך בין אַן אַמעריקאַנער — זאָג איך אים — פון אַרגענטינע; ביי אונדז וואָלטן זיך גנבים געוואונטשן מען זאָל זיי אַזוי באַשטראָפן.

— איר זיינט אַן אַמעריקאַנער, נאָר זייט מיר מוחל, איך בין נישט קיין גנב. ווען איך זאָל זיין אַ גנב, וואָלט איך אויך צופרידן געווען מיט אַזאַ שטראָף.

— איר קוקט מיך אָן אַז מען קומט קיין אַדעס אַזש פון מאָ־נאַסטרישטש און מען דרייט זיך דאָ אַרום עטלעכע חדשים און ס'איז נישטאָ וואָס צו טון, אויף דער בירזשע פאַרשרייבט מען מיך נישט, ווייל כ'בין נישט פאַרשריבן אין פּראָפּסאָיוז און אין פּראָפּסאָיוז פאַר־שרייבט מען מיך נישט, ווייל איך בין נישט קיין באַלמעלאָכע און אויף שוואַרצע אַרבעט נעמט מען אויך נאָר פון דער בירזשע. אויף דער בירזשע פרעגט מען מיך וואָס איך האָב געטון פריער. גיי דערצייל זיי, וואָס איך האָב געטון, אַז איך אַליין ווייס נישט וואָס איך האָב געטון. דערצייל זיי אַז איך פלעג קויפן אַ קלומעקל מעל און איבער־פאַרקויפן. בלייבט ניט, נאָר עפּעס אָפּצוטון אַזוינס, אַז מען זאָל מיך נעמען אין „דאָפּר" און אָפּשיקן אין טערמע. אין טערמע לערנט מען זיך אויס אַן אַרבעט און אַז מען לאָזט אַרויס פון דער טערמע, גיט מען גלייך אַרבעט, אָדער מען פאַרשרייבט גלייך אויף דער בירזשע. איך בין דער איינציקער, מיינט איר, וואָס טו אַזוי?

— וואָסזשע לויפט איר קיין אַדעס? אַזאַ יונגערמאַן ווי איר קען ווערן אַ קאָלאָניסט, זיך פאַרשרייבן אויף ערד און זיך באַזעצן אין אַ אידישער קאָלאָניע. פאַרוואָס פאַרשרייבט איר אייך נישט קיין ביראָ־בידזשאַן? אָט איז איצט שניט־צייט, האָט איר געקענט אַרבעטן ער־געץ ביים שניט, ביי אַ מאַשין, וואָלט איר שוין געקענט איינשרייבן זיך דערנאָך אויף דער בירזשע און נישט אָנקומען צו אַזאַ געוואַגט מיטל.

איך, דער פרעמדער, לייען אים אַ צעטל זאַכן וואָס ער וואָלט

געקענט טון און ער קוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט פון דעם אַלעמען נישט געוואוסט.

און ער זאָגט מיר טאַקע אַזוי. ער האָט נישט געוואוסט. ער ווייסט אַז מען פאַרט אויף ערד, נאָר מען דאַרף איינצאָלן. אַז מען נעמט אויך אַזוי, אָן שום איינצאָלן, הערט ער ערשט איצט. נאָר וואָס איז עס פאַר אַ פלאַן פאַר אים, אַ בחור? אַ פאַמיליע איז עפּעס אַנ־דערש...

איך דערצייל אים ווידער, אַז איצט ווערט די אַרבעט געמאַכט קאָלעקטיוו, קענען שוין בחורים אויך ווערן קאָלאָניסטן, מיטגלידער פון די קאָלעקטיוון.

— טאָמער שיקט מען מיך נישט אין טערמע — זאָגט ער מיר — דאַרף מען טאַקע פּרוּוון.

— און איר גייט דאָ אַרום פריי? — פרעג איך, — איר זיצט נישט אין קאַמער?

— ווער וועט פון דאַנען אַנטלויפן און צו וואָס אַנטלויפן? זעט, יענער וואָס גייט אַריין אין הויף איז אַן אַרעסטירטער, ער איז זיך געגאַנגען קויפן פּאַפּיראָסן. קיינער איז נאָך פון דאַנען נישט אַנט־לאָפן. מען וואַרט אויפן משפט. ממה נפשך, איז מען נישט שולדיק, וועט מען דאָך אַרויסלאָזן און ס'עט זיך אַרויסווייזן אַז מ'איז אַ פּיי־נער מענטש. אלא, איז מען יאָ שולדיק, וועט מען אויסמוסרן, אויב ס'איז דעם ערשטן מאָל און די וואָס ווערן אַרעסטירט צום צווייטן מאָל, ווייסן שוין אויף וואָס זיי גייען.

איך באַקוק נאָכאַמאָל דעם הויף, וואו עס זיינען אַמאָל אַזויפיל מענטשן אומגעבראַכט געוואָרן, וואו די שטיינער זיינען רויט געווען פון בלוט, לויט מען דערציילט, און פון וואַנען עס פלעגן אַרויספאָרן פורן מיט דערשאָסענע, פון וועלכע עס האָט גערונען דאָס בלוט אויפן ברוק און וואו היינט איז ער אַזוי רואיק, פרימאָרגנדיק אויפגערוימט. איך גיב דעם „פאַרברעכער" די האַנט און לאָז מיך אַריינגיין אין זאַל.

עס ציען זיך איינמיטן צוויי רייען „נאַרעס", אַלגעמיינע געלע־גערס פון ברעטער, אויף וועלכע עס זיינען צוגעדעקט די שטרויזעק מיט קאָלדרעס, ווי אין אַמאָליקע צאַרישע קאַזאַרמעס. צווישן זיצן אַ

פֿאַר אַרעסטירטע, דער עולם איז אויף דער קיך, מען גרייט דעם פֿרי־שטיק, וואָס ווערט געגעבן צען אַזייגער פֿאַר האַלבן טאָג.

איך האָב דעם איינדרוק ווי איך וואָלט מיך געפֿונען אין אַ קאַזאַרמע. בלויז אויפֿשריפֿטן זיינען דאָ נישט אַזעלכע און בילדער אַנדערע. איר זעט דאָ דאָס בילד פֿון לענין, פֿון קרילענקאָ, דעם מלוכה־פּראָקוראָר פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, פֿון לונאַטשאַרסקי. עס וואַרפֿט זיך אין די אויגן אַן אויפֿשריפֿט: „די דערלייזונג פֿון דעם פֿאַרברעכן איז די אַרבעט" און ענלעכע.

איך שטיי אַ ווײַלע. מיין זשורנאַליסטישע נייגעריקייט פֿילט זיך ווי אַנטוישט.

אַט בין איך געווען אין הויף פֿון דער טשעקאַ און האָב קיין שפּור נישט געזען פֿון יענעם בייזן חלום, וועגן וועלכן איך האָב מיך אַזוי פֿיל אָנגעהערט און וואָס האָט די וועלט אויפֿגעשוידערט און דאָס איינציקע „טשיקאַווע" — גיט זיך ביי מיר אַ שפּיל דאָס וואָרט — וואָס איך האָב דאָ געטראָפֿן, איז דער פֿאַדאָליער באַרוויסער און פֿאַרמאַמערטער יונגערמאַן, וועלכער איז באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן, כּדי ער זאָל קענען צוקומען צו אַרבעט.

די זעלביקע אַנטוישונג, וואָלט איך געפֿילט אין דער אָדעסער טורמע, ווען איך וואָלט פֿון פֿריער נישט געווען צוגעגרייט, אַז איך גיי נישט אויף אַ באַזוך צו פֿאַרשפּאַרטע, איינגעשלאָסענע אין זייערע צעלן און קאַרצערס אַרעסטאַנטן, צו וועלכע עס גנבעט זיך אַריין דורך דעם שמאָלן פֿענצטערל מיט גראַטעס אַ שטראַל פֿון דער זון, אָדער עס דערטראָגט זיך צו זיי אַמאָל דורך די גראַטעס דאָס פּישטשען פֿון אַ פֿויגעלע אום פֿרילינג.

אויב איר זיינט נישט געזעסן אין אַ רוסישער טורמע, האָט איר מסתּמא געלייענט די טורמע־דערינערונגען פֿון פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, ווי אַזוי מען האָט זעלטן געלאָזט קרובים אויף אַ זעאונג פֿון עטלעכע מינוט, ווי אַזוי מען פֿלעגט אָפֿט באַשטראָפֿן אָפּנעמענדיק דעם פֿערטלשעהדיקן שפּאַציר אויפֿן הויף איין מאָל אין טאָג, איינזעצן אין קאַרצער אויף ברויט און וואַסער, שלאָגן א. א. וו. און איר וואָלט אויך זיכער געווען דערשטוינט ווען איר גייט אין אַ טורמע און איר טרעפֿט גאָר אַ ריי וואַרשטאַטן, פֿאַבריקן, וואָלט איך געזאָגט: אַ שניידער־

פאבריק, א מעבל־פאבריק, א מעכאנישע בעקעריי. און וואס מיר קארצערס, וואו מיר צעלן! ס'איז א צוזאמענוואוינונג פון ארבעטער, פון סטודענטן, וואס האבן זייער אקטן־זאל אויף פארזאמלונגען, אויף כארלעזונגען, אויף פארשטעלונגען, אויף קינא, א לייען־זאל, א ביב־ליאטעק, אן אלגעמיין עס־צימער. פאראן א גארטן, ביי וועלכן די ארעסטאנטן ארבעטן.

ארום טורמע און אויף דער טורמע, דרייען זיך נישט קיין זעל־נער מיט ביקסן. נאר ביים טויער, שטייט א מיליציאנער און פרעגט אייך אויף „פראפוסק" (א דערלויבעניש דורכצוגיין). איר ווייזט אים דאס צעטל, מיט וועלכן איר האט זיך באזארגט און איר גייט אריין. דאס זעלבע צעטל לאזט אייך ארויס.

און אויך פון דאנען איז נאך קיינער נישט אנטלאפן. צו וואס אנטלויפן, אז מען קען פשוט בעטן א דערלויבעניש אהיימצוגיין אויף עטלעכע טעג, אויב ס'איז נויטיק. מען באקומט די דערלויבעניש און מען קומט צוריק צו דער צייט און אמאל נאך פריער, ווארום א שאד די ארבעט; ווער עס קען נישט קיין ארבעט, לערנט זיך אויס און ווער עס קען, פארדינט. דא ארבעט מען פון שטיק און מען פארוועט זיך, ווער וועט מער אויסארבעטן. עסן באקומען זיי נישט אומזיסט. זיי האבן אן אלגעמיינע קיך און פון זייערע פארדינסטן, ווערט אראפגע־רעכנט זייער אויסהאלט. וואסזשע, זיי זיינען דען, חלילה, קראנק? זיי ארבעטן און פארדינען. אנדערע גייען ארויס פון דער טורמע מיט גאנץ פיינע אפגעשפארטע סומעס.

פארברעכער זיינען דא פאראן פארשידענע, מערסטן זיינען ארעס־טירט פאר גנבה, מיסברויכונגען, סאבאטאזש. פאראן א פאר, וואס זיינען באגאנגען מארד־טאטן. זיי ריידן נישט גערן וועגן זיך, נאר דאס אלץ דערוויס איך מיך פונעם אויפזעער.

— וואס איז אמאל געווען אין רוסלאנד א „אונאלאוונע" (קרי־מינעלע) טורמע? א שאל פון פארברעכער — זאגט מיר דער אויפזעער — אין טורמע זיינען אנגעקומען יונגע מענטשן, וואס האבן באגאנגען א נישט באטראכטן שריט אין דער סביבה פון נויט און קולטורלאזי־קייט. אין טורמע האבן זיי זיך באגעגנט מיט אלטע געניטע פארברע־בער, מיט א סביבה אנגעזאפט מיט נקמה און מיט שנאה און מיט

נאָך מער קולטורלאָזיקייט און זיי זיינען נאָכן טערמין אַרויסגעקומען געשטעמפּלטע, פאַרביסענע פאַרברעכער. די סאָוועטישע טורמע, פאַר־קערט, איז אַ שול פון אַרבעט, אַ דערציאונגס און אַ קולטור-אַנשטאַלט. דער פאַרברעכער איז דאָ נישט קיין אַרעסטאַנט, נישט קיין פאַרשפאַר־מער און געשמידטער, נאָר אַ בירגער, וואָס ווערט געצוואונגען צו אַר־בעטן, פּונקט ווי מען האַלט אין אַ שפּיטאָל אַ קראַנקן אויף אַ באַ־שטימטער דיעטע, כדי ער זאָל זיך צוגעוואוינען צו אַרבעט; מען גע־וואוינט אים דאָ צו געזעלשאַפטלעכקייט און קולטורעלער פאַרווייַלונג און אַז ער גייט אַרויס פון דאַנען, גייט ער גלייך אַריבער אין אַ פאַב־ריק, אין אַ װערקשטוב אַרבעטן און אַזוי, אַז זייערע חברים אויף דער אַרבעט זאָלן נישט ווי׳סן צי ער קומט פון טורמע. דערויף איז שוין פאַראַן אַן אָפּמאַך מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס דערלויבן די טורמע-אויפזעער צו שיקן אַרבעטער אויף אַן אונטערנעמונג מיט אַ בלויזער רעקאָמענדאַציע צום „פאַבקאָם״ (פאַבריק-קאָמיטעט). דאָס אייגענע איז מיט פרויען, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן פאַר פּראָס־טיטוציע. אויך זיי באַקומען אַרבעט, באַלד ווי זיי האָבן אָפּגעאַרבעט זייער טערמין אינעם קאָרעקציאָנסהויז.

— און פאַראַן נאָך פּראָסטיטוציע? — פרעג איך און אַנטשול־דיק מיך וואָס איך בין אַריבער אויף אַ זייטיקן געשפּרעך.

— קיין פּראָסטיטוציע-הייזער זיינען נישטאָ, פּראָסטיטוציע אַלס געשעפט איז אַזוי אַרום אויסגעשלאָסן. נאָר כל זמן עס איז פאַראַן אַרבעטסלאָזיקייט, איז נישט אויסגעשלאָסן אַז פרויען זאָלן זוכן אויף אַזאַ אופן זיך צו דערנערן. אַזאַ פרוי ווערט אַרעסטירט און אָפּגעשיקט אין קאָרעקציאָנסהויז, וואו זי באַקומט אַרבעט. און האָט זי נאָר אַר־בעט, וועט די פרוי זיך מער נישט דערנידעריקן און אויך זיך נישט שטעלן אויסער דער געזעלשאַפט און אויסער די געזעלשאַפטלעכע רעכטן.

— גראָד — זאָג איך אים דערויף — איז מיר אויסגעקומען צו הערן זיך באַקלאָגן אויף אַ פאַרשטאַרקטער פּראָסטיטוציע אין אָדעס.

— און איך קען אייך פאַרזיכערן פּונקט דאָס פאַרקערטע — ענטפערט ער מיר — איר האָט אוודאי געהערט דאָס קלאָגן זיך, מצד עלטערע פרויען און מענער, וואָס זיינען ברוגז אויף די פאַרלייכטערטע

פֿאַרמאַליטעטן בײַ חתונה און גט. אָבער גראָד דאָס האָט פֿאַרקלע־נערט די פּראָסטיטוציע, דאָס איז אפֿשר װירקזאַמסטע מיטל אָפּצושאַפֿן די מכּה. װאָס האָט זיך טײלװײַז גענומען פֿון גע־צװאונגענעם צוזאַמענװאױנען און פֿון נישט קענען חתונה האָבן.

— מעגלעך — זאָג איך — מען פֿאַרמישט מיט פּראָסטיטוציע, דאָס װאָס מען רופֿט אױסגעלאַסנקײט.

— מעגלעך; נאָר אין אַ לאַנד, װאו יעדנס ביודזשעט איז אַן ענג צוגעפּאַסטער צו זײַנע באַדערפֿעניש און כמעט יעדער לעבט אין גע־זעלשאַפֿטלעכער און קולטורעלער סביבה, איז אױסגעלאַסנקײט אַ זאַך װאָס געדײַעט נישט. צװישן די רײַכע נעפּלײט איז עס אפֿשר מעג־לעך, און ס׳איז נישט אױסגעשלאָסן אַז אַפֿילו אַ סאָװעטישער באַאַמ־טער, כאַבאַרניק, אײדער מען האָט אים אױפֿגעדעקט, זאָל אַרײַנפֿאַלן צװישן אַזאַ חברה. מעגלעכער פֿון אַלץ, פֿאַרמישן דאָס די אַלטע לײַט מיט די פֿרײַערע באַציאונגען צװישן מאַן און װײַב, װאָס זײ פֿאַר־שטײען נישט. בײַ אונדז, װײסט איר דאָך, איז די ליבע פֿרײַ, מער נישט, אירע קאָנסעקװענצן זײַנען נישט פֿרײַ; פֿאַר די קאָנסעקװענצן איז דער מאַן פּונקט אַזױ פֿאַראַנטװאָרטלעך װי די פֿרױ. זעט איר, אַט דאָ קומט שױן אונטער די יוסטיץ. פֿאַראַן אַ סך װאָס פֿאַרשטײען נישט אָדער װילן נישט פֿאַרשטײען, אַז פֿאַר די קאָנסעקװענצן פֿון דער ליבע מוז מען זײַן פֿאַראַנטװאָרטלעך און דאָס געריכט גיט זײ דאָס צו פֿאַרשטײן.

צו טורמע קומט עס נישט, אַזעלכע פֿאַרבעסערט בלױז די פֿאַב־ריק, די אונטערנעמונג, דער אַנשטאַלט, װאו זײ אַרבעטן. מען רעכנט בײַ זײ פּשוט אַראָפּ פֿונעם לױן, פֿונעם געהאַלט אױף אױסצוהאַלטן די קינדער אָדער די געליבטע, אויב זי איז קראַנק.

פֿאָרנדיק אין שטאָט אַרײַן, האָט זיך אױפֿגעזעצט מיט מיר אױף דעם טראַמװײ אײנער פֿון די „אַרעסטאַנטן”, אײנער פֿון די װאָס איך האָב זײ געזען אַרבעטן אין מעבל־װאַרשטאַט פֿון דער טורמע. דאָס איז געװען אײנער פֿון די װאָס באַקומען אורלױב פֿון זײער „גע־פֿענגעניש”.

אױפֿן װעג האָב איך מיר געטראַכט:

װיפֿיל ראָמאַנטיק, װיפֿיל אַװענטורע, װיפֿיל פּאָעזיע, די דאָזיקע

נייע סאָוועטישע יוסטיץ האָט צעשטערט. די גאַנצע אַלטע, מיטל־אַלטערלעכע און אַפילו נייע ליטעראַטור און געשיכטע, נעמט אַראָפּ פון זיי די תּפיסות, די אַנטלויפעניש, די תּפילות און ממעמקימס פון די איינזאַמע קאַזעמאַטן און עס וועט דאָך פון איר קיין העלפט נישט בלייבן!

זעצט אייך שבעה, חברים ראָמאַנטיקער, נאָך דער פּאָעזיע פון די פאַראייגזאַמטע תּפיסות אין די לבנה־נעכט און פון די ממעמקים־תּפילות איז די איינזאַמע קאַזעמאַטן, וואָס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן אין סאָוועטישן לאַנד.

45

די ראָמאַנטיק. איך האָב זי היינט געזען אין איר פולער געפאַלנ־קייט, אין איר פולער נישטיקייט, אין איר פולן אונטערגאַנג און אין איר פולער אָפּוועזנהייט.

היינט בין איך געגאַנגען זען אין אָדעסער שטאָט־טעאַטער וולאַ־דימיר מאַיאַקאָווסקים אַ פּיעסע, אַ פּעטרישע קאָמעדיע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „קלאָפּ" (די וואַנץ), אויפגעפירט פון מייערכאָלדן. ביידע, דער דיכטער און דער רעזשיסער, די פאָראויסגייער אינעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן שאַפן. איך האָב מיך באַצייטנס באַזאָרגט מיט אַ בי־לעט, וואָרום עס טרעפט זייער אָפט, אַז מען קריגט נישט קיין בילעט אין טעאַטער. די בילעטן ווערן אויסגעפאַרקויפט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, קלובן א. א. אינסטיטוציעס פאַר זייערע מיטגלידער. און פאַרלאָזן זיך אויף מיין זשורנאַליסטישן קאַרנעט, האָב איך נישט גע־וואָלט נאָך מיין נעכטיקן הורכפאַל. נעכטן בין איך געקומען פאַר דער פאָרשטעלונג — מען האָט געשטעלט „ריטשי קיטאַי" (רעווע, כינע!) — און געוואָלט אַריינגיין אויף מיין קאַרנעט, ווי דאָס פירט זיך ביי אונדז. ערשט ניין, מיין צייטונג איז דאָ נישט רעגיסטרירט. איך ווענד מיך צום אַדמיניסטראַטאָר, נאָר ער אַנטשולדיקט זיך פאַר מיר מיט זיין פולער סאָוועטישער זשענטלמענישקייט: „נישטאָ קיין פּלאַץ „דאָ־ראָגאָי טאָוואַרישטש" (טייערער חבר), אַפילו נישט צום שטיין, „מילעי גאָסט (ליבער גאַסט), קומט מאָרגן, וועט איר זען מאַיאַקאָווסקים

„קלאפ"... איך האב אים זייער געדאנקט פאר זיין אויפמערקזאמקייט און ליבלעכקייט און טאקע געבעטן א בילעט, כדי צו זיין זיכערער.

איז אט מיטן בילעט אין קעשענע און פול מיט נייגעריקייט און אומגעדולדיקייט, בין איך צוגעקומען צום טעאטער זיבן אזייגער אין אוונט און שפילן הויבט מען אן אכט.

פאראן איז פוןביידע זייטן שטאט־טעאטער גערטנער, שיינע, ציכטיקע גערטנער, פון איין זייט אן אלייען־גארטן, וואס שניידט זיך אריין צווישן צוויי גאסן און פון דער צווייטער — א גארטן אן אפע־נער, וואס קוקט פון זיין הויכקייט צו דער וועלט, אריבער דעם ים.

זיץ איך אינעם אפענעם גארטן, וואס האט געגומען בין־השמשות־דיק טרויעריק ווערן און קוק אויף די שפאצירנדיקע, אויף די באזעצטע בענק. ס'איז א גאנץ אנגענעמע זאך, בפרט ווען מען קומט נאך פיר־אונצוואנציק יאר, צוריק אין א שטאט, וואו יעדער פנים און יעדער הילוך האט פאר דיר געהאט זיין באשטימטן ארט אין דיין אפשאצונג און דו קענסט איצט קוקן אויף די פנימער און אויף דעם הילוך פון די מענטשן און זיך אויסשפינען אין מוח זייערע לעבנסגעשיכטעס און מיטלעבן מיט זיי, ווען אפילו זיי ווייסן דאס נישט, די אומבאקאנטע באקאנטע, און גייען פארביי גלייכגילטיק, פארביי דיר, וואס טראכט וועגן זיי אזוי אינטים, ווי א ברודער.

איך בין אינגאנצן איבערגעגעבן מיינע באאבאכטונגען און עמ־פינדונגען, האב פארגעסן אין מאיאקאווסקין און מייערכאלדן און ווער ווייסט וואס פארא מין ליטעראטור און טעאטער עס וואלט ארויסגע־קומען פון די באטראכטע פארשוינען, ווען איך האב א טבע צו שרייבן דערציילונגען און דראמען.

און אט איז אזא פארשוין:

א נידעריק מענטשל, וואס ס'דאכט זיך, אז אט אין דער רגע וואס ער שטייט פאר אייך, ווערט ער אלץ נידעריקער און נידעריקער. איר האט אפשר באמערקט, אז ס'זיינען פאראן מענטשן, וואס מעגן זיי טראגן שיך מיט הויכע קנאפל, דאכט זיך אייך, אז זייערע שיך האבן גאר קיין קנאפל נישט און מעגן זיי טראגן א קאפעליוש אויפן קאפ, דאכט זיך אייך, אז זיי טראגן א פלאטשיק היטל. איינער וו י ל נ י ש ט וואקסן. איר קוקט זיך איין אין זיין פנים, גליבט איר נישט,

אַז דער מענטש זאָל מיט אַ מינוט שפּעטער לעבן, דאָס פּנים פון דעם מענטשן איז דאָס נישט גורם, עס האָט נישט קיין ווילן צו לעבן. שטעלט עס זיך אַוועק דאָס מענטשל, אַ גרוי מענטשל אין אַן אַלטן פּינדזשאַק, וואָס הענגט אים אַראָפּ פון די פּלייצעס, מיט זיינע פּלאַ־טשיקע שיך און פּלאַטשיקן היטל, מיט אַ קליינער גיטאַרע און נעמט שפּילן. ער שפּילט שטיל און האַרציק, ווי נישט פאַרן עולם, וואָס זיצט אויף די בענק, נאָר ווי פאַר זיך און באַלד נעמט ער זינגען, אויך אַזוי שטיל און האַרציק מיט אַ שוואַכער טענאָר־שטימע, און אויך נישט פאַרן עולם נאָר פאַר זיך. ער דערציילט אין דעם ליד וועגן זיך, ווי ער האָט געלעבט, געליבט, געקעמפּט און... אַ וו עק און געקויפט זיך אַ גיטאַרע.

אַזוי האָט ער זיין ליד פאַרענדיקט: „איך בין אַוועק און געקויפט זיך אַ גיטאַרע".

פאַרענדיקט, געשטאַנען אַ מינוט אָדער נאָך וויניקער, קיינער פון די זיצנדיקע און פאַרביייגייענדיקע האָט אים אין אַכט נישט גע־נומען, איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען מיט זיינע שטילע טריט פון שיך אָן קנאַפּל.

וואָלט איך געווען אַ פּאָעט, וואָלט איך דאָ פאַרענדיקט דאָס בילד און אייך וואָלט איך געלאָזט טראַכטן וואָס איר ווילט און פילן וואָס איר ווילט, אַפילו נאָכלויפן אָט דעם זינגער פון זיין טרויער, כדי צו הערן דאָס שטילע האַרציקע לידל אָדער ראָמאַנס, באַגלייט מיט גיטאַרע, כדי צו קוויקן אייער האַרץ מיט בין־השמשות־טענער אָדער אָנפילן זיך מיט רחמנות און לויפן דערלאַנגען דעם שטילן זינגער אַ פּאָר סענט. בין איך אָבער נישט קיין פּאָעט און איך מוז אייך זאָגן, אַז איך, דער סענטימענטאַל־סאַרקאַסטישער און אידעאַליסטיש־רעאַ־ליסטישער זשורנאַליסט, האָב פאַר מיר געזען אונטער דער געשטאַלט פון דעם טרויעריקן פאַרשוין מיט דער גיטאַרע דעם תהום, אין וועלכן עס פאַלט אַריין די גאַנצע אַזוי גערופענע ראָמאַנטיק מיט איר „כלות הנפש" און מיט אירע „לידער וועגן זיך אַליין". „קחי כנור סובי עיר" — האָט זיך מיר דערמאָנט אַ פּסוק פון ישעיה און איך האָב אים באַלד פאַרטייטשט: גייט קויפט אייך גיטאַרעס, איר עלנטע זינגער פון אייער טרויער, דיכטער פון אייער איינזאַמקייט, גייט אַרום אין

שטאט און בעט א נדבה, ווארום צום לעבן און צום קאמף טויגט איר נישט... מידע און שוואכע מענטשן, וועלן אין אייך א טרייסט געפינען, ווי עס געפינען א טרייסט אין י ע נ ע ר וועלט, די וואס קענען אויף ד ע ר וועלט נישט געניסן. אנדערע וועלן אויף אייך רחמנות האבן. און אפשר שוין אויך דאס נישט. פונעם גאנצן עולם, וואס איז געזעסן אויף די בענק אין גארטן, האט קיין איינער דעם זינגער קיין קאפיקע נישט דערלאנגט...

איך האב מיך געכאפט, אז די שעה איז שוין אוועק און בין אריין אין טעאטער.

און אין טעאטער האט מאיאקאווסקי פשוט גענומען דעם גאנצן קליינבירגערלעכן שטייגער און די גאנצע „קולטור", וואס די קליינבירגער האבן אפקאפירט פון דער אריסטאקראטיע, די ליבע־זיפצעניש, דאס ראמאנסירן אונטערן קלאנג פון דער גיטארע, די הימלישע טרייסט און ברכה פון דער קירכע מיט איר צביעות, דאס פארשיכורן זיך, פארטרינקען און פארהפקרן, דאס ווילנלאזע פארבלייבן אינעם זיסן שלומער פון גארנישט טון, פון לעבן ווי עס לעבט זיך, — אט דאס אלץ האט ער צוזאמענגענומען און ווי א וואנץ דערקוועטשט.

מאיאקאווסקי האט זיך אבער דערויף נישט אפגעשטעלט. גוט, ער האט די וואנץ פון דער קליינבירגערלעכער קולטור, מיט איר זיסער גיטארע־פאעזיע, צעקוועטשט, אבער דערנאך וואס? און ער ווייזט דעריבער דעם דערנאך, די קולטור פון שפעטער מיט פופציק יאר. ס'איז די פראלעטארישע קולטור. און פראלעטארישע קולטור איז נישט קיין פאעזיע, אין דעם זין וואס מיר פארשטייען דאס איצט, נישט קיין ליטעראטור וכדומה קונסטן פון די פארנאס-מוזעס; ס'איז די קולטור פון ארבעט, פון וויסנשאפטלעכער פארשונג און פון טעכנישע דערפינדונגען. די לענדער, ראטנלענדער פון אייראפע און אמעריקע, פון אזיע, אפריקע און אויסטראליע און אפילו פון די אנדערע פלאנעטן, רעדן זיך צוזאמען, גיבן זיך צעווייסן איינער דעם צווייטן דורך ראדיא־הויכרעדער ווענן די וויסנשאפטלעכע גייסן, שיקן זיך איבער באגריסונגען מיט די גייסטיע דערפינדונגען. ס'איז א לעבן פון העכסטער היגיענע, פון ניכטערקייט און קלארקייט און דער מענטש באפרידיקט זיין גייסט נישט מיט תפילות אדער מיט ראמאנסן, מיט פארטיפן זיך

אין זיך, נאָר מיט דעם אומאויפהערלעכן פאָרשן די פיזישע וועלט און זי אויסנוצן לטובת דער געזעלשאַפט.

ס'איז אַ מאַכערייקע (זאָל מיר מאַיאַקאָווסקי אַנטשולדיקן, איך האָב נישט אין אידיש קיין וואָרט מיט וועלכן צו באַצייכענען דעם טעאַטער־זשאַנר, וואָס מען רופט אין אַנדערע שפּראַכן פעעריע) אָדער אַ קאָמעדיע, נישט אין אַקטן, נאָר אין בילדער, פון וועלכע פיר קומען פאָר אין אונדזער צייט, אין 1929, לאָמיר זאָגן, און פינף אין 1979.

די ערשטע העלפט שטעלט פאָר: אַ מאָסקווער מאַרק. הענדלער מיט זאַקן און מיט פאַרשידענע שאַלעמויזן צעלויפן זיך פאַרן מיליציאָנער און לויפן זיך ווידער צונויף, האַנדלען און היטן זיך, קוקן זיך ארום אויף אַלע זייטן, ווייבער דינגען זיך, איינע, אַ געוועזענעם טשינאָווניקס ווייב, קויפט הערינג און קלאָגט זיך: קליינע הערינג היינט, אַט פאַרן צאַרס צייטן זיינען געווען אַזעלכע גרויסע הערינג... ביי איר טאָכטער איז חתונה, אַן אַרבעטער, מיט אַ ביכל פון פּראָפסאָיוז, האָט זיך אין איר פאַרליבט, גרייט זי צו. ס'וועט זיין אַ סעודה כיד המלך. צווייט בילד: ביים חתן אין „צוזאַמענוואוינונג". ער איז פאַרליבט ביז איבער די אויערן, ער האָט אויפגעהערט קומען צו די פאַרזאַמלונגען, האָט זיך געדונגען אַ טאַנצמייסטער ער זאָל אים לערנען טאַנצן אַ וואַלס צו זיין חתונה, ער איז פאַרנומען, ער באַשטעלט קלעזמער, האַרמאָשקעס, גיטאַרעס. דריט בילד: די חתונה. אַ סך געסט, מערסטנס ברייטע מחותנים, געוועזענע טשינאָווניקעס. מען האָט גערופן אַ גלח. די חברים זיינע מוסרן אים, סטייטש, וואָס טוסטו? אָבער, ער האָט ליב די כלה, ער וועט פאַר איר טון אַלץ וואָס מען טאָר נישט. די כלה, פאַרשטייט זיך, האָט ליב זיין פּראָפסאָיוז־ביכל, פאַרליבט איז זי נאָר אין אַ יונגערמאַנטשיק מיט שוואַרצע וואָנצעלעך, וואָס האָט נישט קיין באַשטימטע פּראָפעסיע. מען האָט געשטעלט די חופה, די סעודה איז אין פולן ברען, מען שיכורט ווי גאָט האָט געבאָטן, דער חתן איז שוין אויך גוט שיכור, נאָר, אַז מען ווייזט אים אָן אויף דער כלה, וואָס אונטערהאַלט זיך מיט דעם שוואַרצן יונגערמאַנטשיק, מאַכט ער אַ סצענע, עס ווערט אַן אַלגעמיינער געשלעג און דער חתן פאַלט אַוועק. פערט בילד: דער חתן ליגט מיט אַ גאַפּל אין קאָפּ אַריינגעשטעקט. די איבעריקע בילדער קומען פאָר שפּעטער מיט פופציק יאָר. מען האָט

געפונען א מאָדנע באשעפעניש פון צוריק מיט פופציק יאָר, פּראָפע־סאָרן זיינען אים מחיה־מתים. דאָס איז דער דערהרגעטער חתן, ער פארשטייט נישט וואָס ארום טוט זיך. די אסיסטענטן קוקן אויף אים, ווי אויף א באשעפעניש פון אן אנדער וועלט, צוליב זיינע מאָדנע גוויגונגען, ער בעט א טרונק בראָנפן, ער דערמאָנט זיך וועגן א ליבע מיט אן אייפערזוכט־סצענע, דערציילט וועגן א טאנצמייסטער... און מען האלט אים טאקע אין א שטייג אויף חידושים. נאָר דער פּראָפע־סאָר, יונג, ווי אלע אין אויסזען, נאָר אלט אין יאָרן, איז עטוואָס באַ־האוונט אין דעם מאָדנעם מין רומש („פּאַראַזיטעלני פּאראזיט") און גיט זיי צו דערקלערן. אויף דעם סמך פון זיינע דערקלערונגען, גיט ער אים א נאָמען: קליינבירגערלעכע וואנץ. אויפן וויסנשאפטלעכן לשון פון דער זאָאָלאָגיע: וואנצוס קליינבירגערום.

דער צווייטער ספּעקטאקל, וואָס איך האָב געזען אין שטאָט־טעאטער, „קאָמאנדארם 2" פון סעלווינסקי, אין דער שטעלונג פון מייערכאָלד, איז ווידער א חוזק אויף דער ראָמאנטיק און א לויב דער פּראקטישקייט און ניכטערקייט. די האנדלונג קומט פאָר אין צייט פון בירגער־קריג און דער געדאנק אירער דערמאָנט אין בערנארד שאָוס „זעלנער און העלד". די רויטע און די ווייסע זוכן צו פארכאפּן א געוויסע סטראטעגישע באזע. איז אָבער פאראן אין דער מחנה פון די רויטע צוויי מיינונגען. טשוב, דער „נאטשדיוו" (הויפּט פון דער די־וויזיע), א פארהארטעוועטער אין די שלאכטן ארבעטער, מיט א גראָדן שכל, האלט, אז מען דארף זיך נישט שלאָגן אויף צו פארכאפּן די שטאָט, נאָר לאָזן די ווייסע פארכאפּן די שטאָט און דאן זיי ארומ־רינגלען און פארשפּארן. אקאנעי, א בוכהאלטער, אן „אינטעליגענט", א באלעזענער, פול מיט פּאָעזיע און ליטעראטור, שפּילט א ליבע מיט דעם מאשין־מיידל פוגעם שטאב, דעקלאמירט העלדישע פראָזע און פּאָדערט דורכויס פארכאפּן די שטאָט. די „העלדישקייט" האָט אין רעוואָקאָם געמאכט א ווירקונג און אקאנעי פירט די שלאכט. ער פירט די שלאכט און פירט חשבונות מיט זיין געוויסן, העלדעוועט און האמ־לעטעוועט. די זאך איז שוין כמעט פארשפּילט. און דורך דער פלינ־קער ארבעט פון טשובס חברים, געלינגט זיי באצייטנס אראָפּצוזעצן אקאָנעין און טשוב פירט דורך דעם ריקצוג און דעם נצחון איבער די

ווייסע, וועלכע וועלן פארשפארט אין שטאט. אז איר ווילט, קענט איר אוועקשטעלן אנשטאט טשובן סטאלינען און אנשטאט אקאנעין טראצקין...

אויך אין גאגאלס „רעוויזאר”, וואס מייערכאלד פירט אויף אלס א קאמפאזיציע פון גאגאלס וואריאנטן, באארבעט פון אים גופא בשותפות מיט קארניעוון, אין דריי גרויסע אקטן, וואס באשטייען פון דרייצן בילדער און געדויערט פון אכט אווענט ביז איינס נאך האלבער נאכט, איז דער טראפ געלייגט אויף דעם חוזק פון דער ראמאנטיק. אנא פאוולאוונא, דעם גאראדניטשיס פרוי, חלומען זיך יונגע אפיציר־לעך, וואס ברענגען איר בלומען און לאדן איר איין טאנצן. און דאס ווערט דורכגעפירט אזוי, אז איר קוקט דערויף ווי אויף חוזק פון אן אלטער פארשוואונדענער צייט.

נישט אומזיסט ווערט מייערכאלד פארעכנט אינעם ראטנפאר־באנד נישט נאר פאר א רעוואלוציאנער אין די טעאטער־פארמען, נאר אויך פאר א רעוואלוציאנער אויף דעם געביט פון דער טעאטער־קולטור.

די ראמאנטיק. איך האב זי געזען אין איר טיפסטער געפאלנ־קייט און נישטיקייט.

46

איך האב אין א פאר פריערדיקע קאפיטלען בארירט עטוואס די קולטור־ארבעט אינעם ראטנפארבאנד. אין מיינע ווייטערדיקע קאפיט־לען, וואו איך וועל ריידן וועגן די קולטור־אינסטיטוציעס, וואס איך האב באזוכט, וועל איך מיך באמיען איבערצוגעבן דעם כאראקטער, די ריכטונג פון דער ארבעט און באזונדערס די שיין, וואס רוט אויף זיי. איך מיין אבער, אז פריער איז נויטיק איבערצוגעבן אן אלגעמיינע כאראקטעריסטיק פון דער סאוועטישער קולטור־ארבעט, כדי צו שאפן דעם געהעריקן צוגאנג ביים לעזער, וועלכער איז געבונדן מיט זיין בליק צו די טראדיציאנעלע באגריפן וואס הערשן וועגן קולטור־ארבעט אין אנדערע לענדער.

מען מוז האבן אין אכט בעת מען רעדט וועגן דער סאוועטישער קולטור־ארבעט, אז אליין, די סאציאלע רעוואלוציע אינעם ראטנפאר־באנד, שטעלט מיט זיך פאר נישט נאר א פאליטישע און עקאנאמישע רעארגאניזאציע פון די סאציאלע כוחות אין דער געוועזענער רוסישער אימפעריע, נאר אויך א קולטורעלע. אויך דער ציל פון דער רעוואלו־ציע איז נישט נאר א פאליטיש־עקאנאמישער, נאר אויך א קולטורע־לער. די קולטור אינעם ראטנפארבאנד, איר געשטאלטונג, מיין איך דא, איז א פועל יוצא פון אט דער רעארגאניזאציע. און פונקט ווי פאלי־טיש און עקאנאמיש ווערט דער ראטנפארבאנד געפירט און געווענדט אויפן וועג צו דער סאציאליסטישער ווירטשאפט, אזוי ווערט ער אויך קולטורעל געפירט אויף דעם זעלבן וועג, צו דער סאציאליסטישער קול־טור, און פונקט ווי די סאציאליסטישע אדער קאמוניסטישע ווירט־שאפט, וואו עס זיינען אפגעשאפט די קלאסן, ווערט איינגעפירט דורך דער דיקטאטור פונעם פראלעטאריאט, אזוי ווערט אויך די סאציא־ליסטישע קולטור איינגעפירט דורך דעם פראלעטאריאט.

אין וואס דריקט זיך אויס די קולטור־רעוואלוציע?

ערשטנס, ווי איך האב פריער אנגעמערקט, אין דער רעארגאני־זאציע פון די סאציאלע כוחות.

1) די רעארגאניזאציע פון דער רוסישער צארישער אימפעריע אין א פארבאנד פון רעפובליקן, האט אויפגעוועקט צו אן אינטענסיוו קולטור־לעבן די גרויסע צאל פעלקער, וואס די צארישע מאכט האט געזוכט צו דערשטיקן און פארקנעכטן קולטורעל ווי עקאנאמיש; אפ־גענומען ביי זיי דאס לשון און אלע מעגלעכקייטן פאר בילדונג, לאזן זיי פארזינקען אין תהום פון אבערגלויבנס, כדי מען זאל זיי קענען עקספלואטירן ווי די בהמות.

בילדונג ביי אט די נאציאנאליטעטן, פלעגן באקומען בלויז די רייכע, וואס די צארישע מאכט האט זיי געגעבן די מעגלעכקייטן צו עקספלואטירן די ארעמע און פאר אט דער טובה, האבן זיי אפגעגעבן דער צארישער מאכט די גאנצע קולטור, וואס זייערע פעלקער האבן דערארבערט אין משך פון זייער געשיכטע, די שפראך און די ליטערא־טור און צומאל אפילו זייער רעליגיע, וואס האט זיי געדינט אלס ווירקנדיקער אינסטרומענט אין דער עקספלואטאציע. איצט גייט אן

אין די רעפּובליקן און אויך צווישן די פעלקער, וואָס בילדן מיט זיך מינדערהייטן אין די טעריטאָריעס, אַן אויפלעבונג פון זייער שפּראַך און פון זייער שריפט, ד. ה. פון אַט די נויטווענדיקסטע מיטלען פאַר געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַנטוויקלונג.

אין מאָסקווע האָב איך באַזוכט דעם מוזיי פון די נאַציאָנאַליטעטן. איר וועט זיך קוים פאָרשטעלן די רייכפאַרביקייט פון אַט דעם נאַציאָ־נאַליטעטן־וואַלד. וויפל, למשל, נאַציאָנאַליטעטן, נעמט איר זיך אונ־טער אָנצוצייִלן אינעם ראַטנפאַרבאַנד? איר ווייסט וועגן גרויסרוסן און אוקראַינער, ווייסרוסן און אידן, פּאָלאַקן און דייטשן, טאַטערן און טשערקעסן. איר האָט געהערט וועגן קירגיזן, טשואַוואַשן און קאַלמיקן. דער בעסט באַהאַוונטער פון אונדז, וועט אָנצייִלן גאַנצע דריי צענדליק; ווען אָבער איר קומט אַריין און טרעפט אָן אַ פילפאַרביקן קולטור־וואַלד פון 189 פעלקער וואָס באַוואוינען דעם ראַטנפאַרבאַנד; יעדער פאָלק מיט זיין פּאָליטיש־עקאָנאָמישער און קולטור־געשיכטע, וואָס איר קענט זיך באַקענען דערמיט דורך אויסגעשטעלטע זאַכן און דאַטן: קליידונג, שריפטן, צייכענונגען, ציפערן און דיאַגראַמען וועגן זייער לעבן, באַ־שעפטיקונגען און קולטור-צושטאַנד, די גרויס פון אַנאַלפאַבעטיזם, פון שיכרות, פון פאַרשידענע קראַנקהייטן, פון שטערבלעכקייט א. א. וו. פאַר דער רעוואָלוציע און נאָך דער רעוואָלוציע. איר ווערט פּשוט מבולבל פון דער אומגעריכטער פילפאַרביקייט. און ווען איר הויבט זיך אָן צוגעוואוינען דערצו, ווי מען מוז זיך צוגעוואוינען צו דער ליכטיקייט ווען מען קומט אַריין פון דער פינצטער, הויבט איר ערשט אָן באַגרייפן דעם גרויסן קולטור־ווערט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. און עס איז נישטאָ קיין איין איינציק שטיף־קינד ביי דער ראַטנמאַכט. איר קומט אַריין, למשל, אין דער אָפּטיילונג פון דאַגעסטאַן, וואָס פאַרמאָגט דרייסיק נאַציאָנאַליטעטן און איר מוזט זיך אָפּשטעלן ביי דער קולטור פון דעם „גרויסן" פאָלק וואָס רופט זיך „קובאַטשי", אַ פאָלק מיט אַן אייגענער שפּראַך און אַן אייגענער קולטור און וואוינט אין איין איינציק דאָרף. דאָס איז אַ פאָלק פון קינסטלער זילבערשמידן. און אויך דאָס „פאָלק", קען נישט פועלן ביי זיך עס זאָל קולטורעל אונטעריאָכט ווערן אונטער אַ צווייטן, און אַט דאָס פאָלק אַנטוויקלט זיך, באַגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער. יעדער לויט זיינע אומשטענדן

און מעגלעכקייטן, אויף דעם וועג פון סאָציאַליסטישערווירטשאַפט און קולטור.

2) די אבסאָלוטע גלייכבארעכטיקונג פון דער פרוי אינעם ראַטנפאַרבאַנד, וואָס באפרייט זי וואָס וייטער אַלץ מער פון איר ראָל אַלס שטוביקע באשעפעניש און ציט זי אריין אין געזעלשאַפטלעכן און קולטור-לעבן. מען דארף וויסן, אַז וויפיל די פרוי איז אַ שקלאַף אין אונדזערע אייראָפּעאישע לענדער, אפילו אין די אָפּגעשטאַנענסטע, איז דאָס נישט צום פארגלייכן מיט דער שקלאַפעריי ביי די אזיאַטישע פעלקער, וואָס זייער צאָל איז זייער גרויס אינעם ראַטנפאַרבאַנד. אָט די פרויען ווערן געוואונען אַלץ מער פאַר דער געזעלשאַפט און פאַר דער קולטור.

אינעם זעלבן מוזיי פון די נאַציאָנאַליטעטן, איז פאַראַן אַ ספּעציעלע אויסשטעלונג וועגן דער ארבעט און דעם לעבן פון די פרויען אינעם ראַטנפאַרבאַנד, אויך לויט די נאַציאָנאַליטעטן. איך וויל מיך דאָ נישט אָפּשטעלן צו שילדערן אייך די פארביקייט פון דער אויסשטעלונג און די קולטור-באַדייטונג פון דער אויסשטעלונג, ווי פון דעם מוזיי גופא. אַלס אילוסטראַציע, וועל איך בלויז אָנגעבן אַ פּאָר ציפערן, וואָס באַווייזן אויף וויפיל דער קולטור-צושטאַנד פון דער פרוי ווירקט אויף זייער לעבן. אין די קולטורעל נידעריק שטייענדיקע לענדער שטאַרבן די פרויען מער ווי אין די העכער-שטייענדיקע. בעת ביי די פינלענדער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, זיינען פאַראַן אויף יעדע 1000 מענער 1165 פרויען, איז ביי די טשערקעסן פאַראַן 920 און ביי די האַלב-ווילדע אויפן איראַט קוים 735. אַ פרוי האָט ביי זיי אַ ווערט אזוי פיל וויפיל אַ בהמה. און ווי מיט אַ בהמה ארבעט מען מיט איר ביז זי פאַלט. דאָרט קענט איר פון דער אַנדער זייט זען דעם קולטורעלן וואוקס פון דער פרויען-באַפעלקערונג ביי די אזיאַטן. אין אוזבעקיסטאַן איז אין 1924 געווען איינע אַ קולטור-אינסטיטוציע ספּעציעל פון פרויען; אין 1926 זיינען שוין דאָרט פאַראַן 32 אזעלכע פרויען-קולטור-צענטרען. אין דעם זעלבן אוזבעקיסטאַן באַטייליקן זיך שוין דעם זעלבן יאָר אין די וואַלן גאַנצע 16 פּראָצענט פון די וויילער, וואָס דאָס הייסט, אַז אין יענעם אזיאַטיש מאַכמעדאַנישן לאַנד מיט אַלע פאַראורטיילן קעגן דער פרוי, וואָס הערשן דאָרט, טרעט אָפּ די

שקלאפעריי מיט אזעלכע גיגאנטישע טריט און די פרוי פארנעמט איר פלאץ אין דער געזעלשאפט; ווייל וויילער אין סאוועט-רוסלאנד, זיינען נישט גלאט מענער און פרויען, וואס האבן דערגרייכט צו א געוויסן עלטער; עס ווילן ארגאניזירטע און זייערע פראפעסיאנעלע פאראיינען, ד. ה. געזעלשאפטלעך באוואוסטזיניקע מענטשן. און אט האט איר א פאר ציפערן וועגן דעם געזעלשאפטלעכן און קולטורעלן וואוקס פון דער פרוי אין דארף. בעת די וואלן אין די דארפסראטן פון גרויס־רוסלאנד האבן זיך באטייליקט אין 1925 בלויז 20 פראצענט פרויען; אין 1926 — 28 פראצענט און אין 1928 — 30 פראצענט. די ראל פון דער פרוי אין דער אינדוסטריע, וואס דאס הייסט אויך אין דער קולטור, מחמת אזוי ארום טרעט זי אויך אריין אין געזעלשאפלעכן לעבן, איז פארגעשטעלט אין פאלגנדיקע ציפערן: אין 1925 זיינען באשעפטיקט געווען אין דער אינדוסטריע 456 טויזנט פרויען, אין 1927 — 700 טויזנט. די צאל פרויען אנגעשלאסענע אין די סינדיקאטן האט אין 1927 שוין באטראפן קנאפע דריי מיליאן. וועגן דעם אנטייל פון די פרויען אין די קאאפעראטיוון, אין די ארטעלן, אין דער פארטיי, אין די קלובן, האב איך נישט קיין דאטן, נאר זייער אנטייל איז אזוי בולט, אז אויף צו באווייזן דאס זיינען קיין ציפערן נישט נויטיק.

3) די דורכויסיקע ארגאניזירטקייט פון דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג; דאס גופא, איז די גרעסטע קולטור־דערגרייכונג אינעם ראטנפארבאנד און צוזאמען דערמיט דער גרעסטער קולטור־פאקטאר. דערמיט איז ווירטואל אפגעשאפט געווארן דער באגריף „המון", אט דאס פיל און גארנישט זאגנדיקע, מטושטשע ווארט „מאסן", וואס שטעלט מיט זיך פאר א ווילדע נישט קולטיווירטע סטאדע, וואס יעדער דעמאגאג שלעפט זי צו זיך. נישטא היינט אין רוסלאנד קיין בלינדע מאסן, וואס ווערן עקזאלטירט, וואס מען קען אנרייצן צו ווילדע מעשים, וואס פארגעטערן עמיצן אדער צינדן זיך אן צו עמיצן מיט שנאה. דער סאוועט, דער ראט, די בארעטונג, די פארזאמלונג, דער באוואוסטזיניקער און קאנטראלירטער באשלוס — אט וואס עס איז דער אויסדרוק פונעם פאלק. דאס איז קולטור.

4) די בילדונג און דערציאונג. די צוויי קולטור-פאקטארן גייען אינעם ראטנפארבאנד האנט ביי האנט. דאס קינד ווערט דערצויגן פון

דער מלוכה דורך דעם קינדערגאָרטן, קינדער־היים און אַנדערע פאַר־שול־אַנשטאַלטן און דורך דער אַרבעט־שול אויף דער מוטער־שפּראַך, דורך דער פּראָפעסיאָנעלער שול, צו אַרבעט, צו וויסן, צו געזעלשאַפט־לעכקייט, צום באַוואוסטזיניקן אנטייל אינעם מלוכה־לעבן. דעם זעלבן ציל פאַרפאָלגט די אייסערשול־בילדונג, די אָוונט־שולן, די אַרבפאַקן (אַרבעטער־פאַקולטעטן), די פּאַרטיי־שולן, די ספּעציעלע קורסן פאַר יעדער ספּעציאַליטעט: סאָוועטישע ווירטשאַפט, פּעדאַגאָגיק, וויסנ־שאַפטלעכע פאָרשונג אויף יעדן געביט, מוזיקאַלישע אויסבילדונג, די ביבליאָטעק, די לייענשטיבלעך, די קלובן, די מוזייען, די טעאַטער־שטודיעס און דאָס טעאַטער גופא.

מען דאַרף נאָך דערצו צוגעבן — דער גייסט און דער אימפּעט פון דער אַרבעט און געזעלשאַפטלעכקייט און דער געיעג צו וויסן, מיט וועלכן עס איז פול די אַטמאָספערע אינעם ראַטנפאַרבאַנד.

די בילדונג און די דערציאונג ווערן געפירט אויף דעם זעלבן וועג און מיט דעם זעלבן ציל, ווי עס ווערט געפירט די סאָוועטישע פּאָלי־טיק, צום אָפּשאַפן די קלאַסן־געזעלשאַפט דורך דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, צו דער־פירן, ווי מען זאָגט אין ראַטנפאַרבאַנד, ביזן סוף דאָס וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן דורך דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע. ח

די שול דערציט אין דעם גייסט נישט נאָר די אַרבעטער־קינדער, נאָר אַלע קינדער אָן אויסנאַם, אויך די קינדער פון נישט־אַרבעטער; וואָרום דער שול־באַזוך איז אַלגעמיין און אָבליגאַטאָריש פאַר יעדן ביזן 17־טן יאָר־עלטער; אומזיסט באַקומען די קינדער עלעמענטאַרע און פּאָליטעכנישע בילדונג. מען באַקענט זיי טעאָרעטיש און פּראַקטיש מיט אַלע הויפּט־צווייגן פון דער פּראָדוקציע. די שילער באַקומען עסן, שיך און קליידונג און לערן־מכשירים פון דער מלוכה. פון 17 יאָר און ווייטער איז פאַר יעדן מיטגליד פון אַן אַרבעטער און פּויערים משפחה פריי דער צוטריט צו פּראָפעסיאָנעלער בילדונג. דאָס זעלבע איז אויך בנוגע יעדער העכערער בילדונג. אין פּרינציפּ, איז די פּראָ־פעסיאָנעלע ווי די העכערע בילדונג, פריי פאַר יעדן; אָבער אין דער ערשטער ריי ווערן אָנגענומען אַרבעטער און פּויערים. עס איז דערביי אינטערעסאַנט אָנצעווייזן אויף דעם פאַקט, אַז ווי גרויס עס איז די

צאָל ערטער אין די „וואוזן" (העכערע בילדונגס־אנשטאַלטן) פאַר סאַנ־דידאַטן אויף אינזשעניערן, אַרכיטעקטן, אַגראָנאָמען, ניט זיך קיינמאָל גישט איין אַ זון פון אַ נישט אַרבעטנדיקן אַהין אַריינצוקומען, מחמת נאָך גרעסער איז די צאָל אַרבעטער, וואָס שטראָמען אַהין, בעת אויף מעדיצין, אָראָנטאָלאָגיע, יוריספּרודענץ, געלינגט זיי יאָ צו באַקומען אַ פּלאַץ אין „וואוז". די אַרבעטערשאַפט שטרעבט צו די קאָנסטרוק־טיווע פּראָפעסיעס און לאָזט איבער די אַנדערע פּראָפעסיעס פאַר די זין פון קרעמער און סוחרים. דאָס לערנען אין די „וואוזן" איז אויך אומזיסט און אַרבעטער און פּויערים ווערן דערצו נאָך מאַטעריעל באַ־זאָרגט, כדי זיי זאָלן קענען לערנען.

5) די קונסט, אָט דער קולטור־אוצר, וואָס איז פריער געווען באַ־האַלטן נאָר פאַר אויסגעווייילטע, איז איצט דאַנק דער ראַטנפאַרבאַנד געוואָרן דאָס אייגנטום פונעם גאַנצן פאָלק. צעעפנט האָבן זיך פאַרן פאָלק אַלע צאַרישע מוזייען פון די שיינע קונסטן, וואו עס זיינען געווען אויס־באַהאַלטן די מאַלערייען און שניצערייען פון די גרעסטע מייסטער און עס עפענען זיך אַלץ נייע אויסשטעלונגען פון מאַלעריי און סקולפּטור. אַמאָל זיינען די בעלנים אויף קויפן קונסט־בילדער און סקולפּטור־אַרבעטן געווען די אַריסטאָקראַטיע, אַרויפגעאַרבעטע עם־הארצים מיי־ליאָנערן, היינט ווערן די בילדער און סטאַטועץ באַשטעלט און געקויפט פון דער מלוכה, פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, פון די שטאַטישע אינסטיטוציעס.

טעאַטער ווערט אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה אָדער פון די אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס. אייך איז זיכער באַקאַנט די עקזיסטענץ פון די אידישע מלוכה־טעאַטערס אין מאָסקווע, כאַרקאָוו, מינסק און קיעוו, וועלכע פאַרן אויך אַרום איבער די פּראָווינצן. פאַראַן אַ חוץ דעם אי־דישע טעאַטער־שטודיעס אין אָדעס און אין אַ פּאָר פּראָווינץ־שטעט. אַזוי ווערן אויסגעהאַלטן טעאַטערס בכלל. די באַזוכער פון טעאַטער זיינען אַרבעטער, וואָס די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס קויפן אָפּ פון זייערטוועגן די ספּעקטאַקלען אָדער אַ טייל פון יעדן ספּעקטאַקל, מלוכה־אָנגעשטעלטע און שטודירנדיקע יוגנט.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, דינט אויך דער טעאַטער די צילן פון דער רעוואָלוציע. די סיזשעטן פון די געשפּילטע פּיעסן זיינען מערסטנס

גענומענע עפּיזאָדן פון דעם בירגער־קריג, אין וועלכע עס ווערט ארויסגעשטעלט די פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט פון די באָלשעוויקעס. די כוונות פון די פאַרשידענע אָפּאָזיציאָנערע און קאָנטררעוואָלוציאָנערע העלדן; די סימפּאַטיע פון דער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג צו די באָלשעוויקעס און די אינטריגעס פון די הענדלער, וועלכע האָבן געשטיצט די קאָנטרעוואָלוציאָנערע באַנדיטן („מיאַטיעזש" פון פורמאַנאָוו א. א.) פאַראַן אַ גרויסע צאָל פּיעסן פון זעלבסטקריטיק, וואָס שטעלן ארויס די ביוראָקראַטן, די ווייכלייביקע און צעקראָכענע; אַנדערע לאַכן אָפּ פון דער ראָמאַנטיק, פון דער פאַרחלומטער און דאָן־קיכאָטישער אינטעליגענציע; פאַראַן אַזעלכע וואָס באַווייזן דעם נייעם שטייגער לעבן פון דער יוגנט און ווי די יוגנט רעאַגירט אויף די רעשטן פונעם אַלטן שטייגער. דער קלאַסישער רעפּערטואַר: שעקספּיר, לאָפּע דע וועגאַ, מאָליער, שילער, גוצקאָוו, גריבאָיעדאָוו, גאָגאָל, אָסטראָווסקי, טשעכאָוו, האָט זיינע ספּעציעלע טעאַטערס. ער דינט אַלס מוסטער און איז אין דער זעלבער צייט דער אָביעקט פון שטודיום און באַנייאונג. אויף דעם געביט פון טעאַטער, איז רוסלאַנד פון פריער נאָך רייך געווען מיט עקספּערימענטן פון באַנייאונג, ווי מייערכאָלד, טאַיראָוו און וואַכטאַנגאָוו. היינט זיינען פאַראַן אַ גאַנצע פּלעיאַדע נייע רעזשיסאָרן, וואָס מאַכן נייע פּרואוון, ווי צו מאַכן פון טעאַטער אַ קונסט וואָס סינטעטיזירט אַלע אַנדערע און ווירקט אויף אַלע חושים צוליב די צילן פון דער רעוואָלוציע. אַ גרויס פּלאַץ פאַרנעמט אין טעאַטער די אָפּערע און דער באַלעט, געביטן אויף וועלכע רוסלאַנד האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט און צייכנט זיך אויס אויך איצט. די נייע אָפּערע און באַלעט, וואו די רעזשיסאָרן פון די אַלטע אָפּערעס און באַלעטן, וואָס ווערן געשטעלט, באַמיען זיך אונטערצושטרייכן יעדן מאָמענט, וואָס קען דינען דער אידייע פון דער רעוואָלוציע, פון קאָלעקטיוון שאַפן און פון סאָציאַליזם. די טעאַטער־קריטיק דרייט זיך שטענדיק ארום אַט די פּונקטן אין די ווערק פון די מחברים און דער שטעלונג פון די רעזשיסערן.

פון די קורצע עטלעכע שטריכן קען מען זיך שאַפן עטוואָס אַ באַגריף וועגן דער קאָלאָסאַלער קולטור־אַרבעט, וועלכע באַדייט אינעם

ראטנפארבאנד נישט אָנשטאָפּן זיך מיט ביכער, נאָר געזעלשאַפטלעכע צוגרייטונג און דערפאַרונג אינעם מאַרש צום סאָציאַליזם.

41

ביבליאָטעקן. איך האָב זיי שוין געזען אויף מיין לעבן פאַרשי־דענע און יעדע פון זיי איז פאַרצייכנט ביי מיר אין זכרון, אין מיין דערפאַרונג, מיט איר באַזונדערן כאַראַקטער, מיט איר באַזונדער לע־בן, פּונקט ווי די מענטשן, פּונקט ווי די געזעלשאַפטן. צו פופצן יאָר בין איך אַליין אַ ביבליאָטעקאַר אין אַ פּריוואַטער רוסישער ביבליאָטעק פון אַ פּראָווינץ־שטאָט ביים דניעסטער, וואָס גיט אַרויס אויף פּראָקאַט פאַר די שטאָטישע באַרישניעס צעפּליקטע, פון טויזנטער הענט אויס־געטאָפּטע ראָמאַנען פון קסאַוויע דע מאַנטעפּען, הוגאָ, פּאָנסאָן די טורעיל, פּאָל דע קאָק, פון שפּילהאַגן און פון קאַרל עמיל פראַנצאָז, פּאַריזער געהיימניסן און פּעטערבורגער „טרושטשאָבעס". און איך אַליין, ווי איך וואָלט זיך אָנגענומען די קריוודע פון די פאַרשטויבטע אויף די שניטן, נאָר פרישע און קנאַקעדיקע בלעטער פון די פאַרגעסענע ביבליאָטעק־נומערן, בלייב שטיין אין אַ ווינקעלע איבער דער איליאַדע, איבער דער ענעאידע, איבער דער געטלעכער קאָמעדיע, איבערן פאַר־לוירענעם גן־עדן, איבער האַמלעט, פאַוסט, איבער באַיראָנס מיסטעריען, אַזוי לאַנג מיינע באַלעבאָטים, צוויי ברידער איינבינדער, צו וועלכע איך בין אָנגעקומען אין דער לערע, כאַפּן מיך נישט ביים פאַרברעכן...

שפּעטער מיט דריי יאָר באַזוך איך אין אָדעס די פאָלקס־ביבליאָ־טעק אויפן נאָמען פון דעם גריכישן מיליאָנער מאַראַזלי, וואָס מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ נדבה, וואָס די שטאָט האָט געשענקט דעם אָרימען עולם נעבעך, וואָס וועט פאַרדייען טורגעניעוון אפילו מיט אויסגעריסענע בלעטלעך. איך באַזוך שפּעטער די גרויסע אָדעסער שטאָט־ביבליאָטעק, וואו מען קוקט אויף מיר מיט חשד, ווען איך בעט די ווערק פון פּיסאַרעוו, און וואו ס'איז בכלל געווען אַזוי ציכטיק און שטיל, ווי אין אַן אַריסטאָקראַטישן זאַל, וואו אַן אַרבעטער האָט זיך נישט דערוועגט אַריינצוקומען. שטיקער בלוט און פלייש מיינע, זיינען די בוענאָס איירעסער אַרבעטער־ביבליאָטעקן, וואָס זיינען פאַר מיינע

אויגן געוואקסן פון צענדליקער בראשורן ביז א פאר טויזנט בענדער. צענטערס פון דער אידישער ארבעטער־געזעלשאפטלעכקייט, צענטערס פון חברשאפט און פרייגטשאפט, ביבליאטעקן — היימען פאר אידעא־ליסטישער יוגנט, נעסטן פון ארבעטער־קולטור.

ביבליאטעקארס. אויך זיי האב איך געקענט פארשידענע און נאך מער האב איך זיי געזען מיט די אויגן פון אנאטאל פראנס. ביבליא־טעקארס פארליבטע אין זייערע בענדער ווי אין פרויען, ביבליאטע־קארס אליין פארוואנדלטע אין ביכער־ווערעם, אין ביכער־שטויב און ביבליאטעקארס ענטוזיאסטן, באגייסטערטע קולטור־טוער און קולטור־טרעגער.

איך האב געזען גרויסע ביבליאטעקן וואו די ביכער האבן, ציכ־טיקע און שטרענג אויסגעשטעלטע, געשטומט אין די ראפטן און ווי קמצנים פארשלאסן זייערע אוצרות, וואו די סביבה האט געגליווערט און האב געזען קליינע ביבליאטעקן, וואו די ביכער צעפליקטע, האבן פון די ראפטן ארויסגעשריגן: נעמט אונדז, לייענט אונדז, אך ס׳ארא תענוג דאס איז צו ווערן געבלעטערט און צו זעטיקן מיט אונדזערע ווערטער די דורשטיקע, וויסנגיריקע, פראסטע מענטשן! ווי ליב דאס איז ארייננצוגיסן דעם זאפט פון דערפארונג, דעם סענץ פון טויזנטער יארן לעבן אין די מוחות פון די יונגע מענטשן, וואס קומען אהער!

ווילט איר זיך פארשטעלן דעם כאראקטער פון דער אדעסער צענטראלער ארבעטער־ביבליאטעק, וועלכע געפינט זיך אויפן עק פון די גאסן זינאוויעוו און צען יאר רויטע ארמיי (טראיעצקע און פרעא־בראזשענסקע), מוזט איר מאכן א סינטעז פון דער גרויס פון די ער־שטע און דעם גייסט פון די צווייטע. און ווילט איר זיך פארשטעלן די ביבליאטעקארס, מוזט איר מאכן א סינטעז פון דער מעטאדישקייט פון די ערשטע און דעם ענטוזיאזם פון די צווייטע.

אט איז די פארוואלטערן מיט דער ביבליאטעק, די חברטע קי־ריאקאווא.. איר מוזט האבן געקענט די ענטוזיאסטישע פרויען פון דער „נאראדנאיא וואליא“ און פון דער סאציאליסטיש־רעוואלוציאנע־רער פארטיי, וואס האבן ביי יענע איבערגענומען זייער ברען, פון קול־טור־טרעגערנס, אז איר זאלט זיך קענען פארשטעלן אט די באגייס־טערטע פרוי, בעת זי רעדט וועגן דער ביבליאטעק.

און ווי קען עס דען זיין אנדערש! פרוי קיריאקאווא, איז א געוועזענער מיטגליד פון „עס ער" און די ביבליאטעק איז אין איר עצם א קולטור־טרעגערישע; נישט נאר קומען אהין טאג־טעגלעך הונ־דערטער ארבעטער און יוגנטלעכע בייטן ביכער, ווי אומעטום, נאר די ביבליאטעק ברענגט אויך אדער הויפטזעכלעך איז עס איר אויפגאבע צו ברענגען דעם בוך צום לייענער.

זי ארדנט איין באוועגלעכע ביבליאטעקן אין די פראפעסיאנעלע פאריינען, אין די וואוינונגס־קאאפעראטיוון, אין די דערפער, אין די „קאלכאזן" (קאלעקטיוועווירטשאפטן).

לויט די דאטן, וואס פרוי קיריאקאווא האט מיר געגעבן, זיינען צו יענער צייט באדינט געווען דורך דער ביבליאטעק 34 פראפעסיא־נעלע פאריינען (די צאל באדינטע פראפעסיאנעלע פאריינען איז פריער געווען א גרעסערע, אייניקע האבן איינגעארדנט ביי זיך פערמאנענטע ביבליאטעקן); 20 וואוינונגס־קאאפעראטיוון (אין די געגנטן, וואס זיי־נען ווייט פונעם צענטער, האבן די הויפן אדער עטלעכע הויפן צוזאמען, וואס בילדן א וואוינונגס־קאאפעראטיוו, זייערע ביבליאטעקן, אדער זיי ווערן באדינט פון דער צענטראלער ארבעטער־ביבליאטעק); 32 דאר־פישע ראיאנען (דערפער, וואס שטעלן מיט זיך פאר צענטערן פון ארומיקע ישובים); 105 קאלכאזן (פון די 840, וואס זיינען צו יענער צייט געווען אין אדעסער קרייז).

א חוץ דעם, ווערן באדינט די נאציאנאלע מינדערהייטן דורך די באזונדערע נאציאנאלע אפטיילונגען פון דער ביבליאטעק מיט אי־דישער, רוסישער, אוקראינישער, דייטשער, פוילישער און בולגארישער ליטעראטור.

די אידישע אפטיילונג פון דער ביבליאטעק באדינט 57 פונקטן.

וועגן דער אידישער אפטיילונג האט די חברטע קיריאקאווא גע־רעדט מיט א באזונדער באגייסטערונג און דעריבער האב איך זי אנ־גענומען פאר א אידישקע און גענומען ריידן צו איר אידיש. אריינגע־פירט האט מיך אין דעם טעות אויך איר טונקל אריענטאליש פנים מיט אירע צוויי שטראלנדיקע שווארצע אויגן.

— איך וואלט שוין מיט אן אמת געמעגט קענען ריידן אידיש, פון זינט איך ארבעט צווישן אידישע חברים — האט זי מיר דערווי

געענטפערט — שולדיק זיינען זיי — ווייזט זי מיר בלומרשט אין א שפאס, אויף דער חברטע רעבעקא אבראמאווגא, די פארוואלטערן מיט דער קינדער-אפטיילונג פון דער ביבליאטעק, — נאר איך פארשטיי, איר מעגט ריידן אידיש...

מיט דער אידישער אפטיילונג פארוואלטעט חבר ליבערזאן, מיט וועלכן איך האב מיך באקאנט אין רעדאקציע פון „אדעסער ארבע־טער" און בעת מיין באזוך, איז ער גראד געהאט ארויסגעפארן אויף אן אינספעקציע־טור איבער די ישובים, וואס ווערן באדינט פון זיין אפטיילונג.

איך האב געוואלט מאכן א ספעציעלן באזוך אין דער דאזיקער אפטיילונג, ווי אין די אנדערע ביבליאטעק-אפטיילונגען פון די נא־ציאנאלע מינדערהייטן, אויף דער בקשה פון זייערע פארוואלטער, נאר די צייט האט מיר נישט דערלויבט. דערפאר האב איך באזוכט די קינדער-אפטיילונג, וואו עס געפינט זיך די קינדער־ליטעראטור אין אלע שפראכן פון די נאציאנאלע מינדערהייטן.

די חברטע האט זיך פאר מיר געקלאגט, אז די קינדער־ליטערא־טור אין אידיש הינקט אונטער, ווייניק אידישע שרייבער גיבן זיך אפ מיט קינדער־ליטעראטור, דאברושין דערמאנט זיך נאך אמאל אינעם אידישן קינד, די איבעריקע פארגעסן זיך גאר אינגאנצן. דער כארקא־ווער „פיאנער" ברענגט אמאל א גאנץ וואויל לידל פון מ. פינטשעוו-סקי. פארקערט די ליטעראטורן פון אנדערע נאציאנאלע מינדערהייטן האבן שטארק אינזינען דאס קינד, באזונדערס די אוקראינישע.

די צימערן, וואו עס געפינט זיך די קינדער־אפטיילונג, זיינען דעקארירט מיט קינדער־צייכענונגען, פארמאגן טישן און טישלעך פאר די קינדער, וואס קומען אהער צוגרייטן די לעקציעס וואס מען פארגיט זיי אין שול און פאר די וואס קומען אהער לייענען.

פאר די לייענער בכלל, געפינט זיך א לייען־זאל אונטן, וואו ס'איז שטיל ווי אין אן אויער, אז מען הערט א פליג דורכפליען. דא האב איך באקומען צו לייענען „די פרעסע", וואס ווערט דא אגב, שטארק געלייענט. אן „עמעס", א „שטערן", אן „אדעסער ארבעטער", באקומט מען אויף א היים אדער מען קויפט זיי אין א קיאסק; „די פרעסע" קען מען נאר לייענען אין ביבליאטעק.

מיט וואָס די ביבליאָטעק איז באַזונדערס שטאָלץ, איז אויך מיט איר מאָדערנעם „קאַטאַלאָג“ אויפן אַמעריקאַנישן שטייגער, געפירט פון אַ אידישן יונגנמאַן, וועלכער איז געווען אין ניו־יאָרק! אונטער אַ שויבן-ווענטל זיינען אָנגעהאָנגען אָדער אָנגעשפּאַרט אַזעלכע שמאָלע העלצלעך מיט דעם נומער, נאָמען און אויטאָר פון די ביכער. דער לייענער גייט צו צום שויבן־ווענטל און זעט שוין וועלכער בוך עס איז פאַראַן און וועלכער עס איז פאַרנומען. דאָס ווערט אויך צו וויסן געגעבן דורך דעם קאָליר פון דעם פּאַפּירל וואָס איז אויפן העלצל אויפגעקלעפּט. דער קאָליר באַווייזט אויך וועלכער בוך געפינט זיך ביים לייענער איבער דעם דערלויבטן טערמין א. א. וו. דאָס דאָזיקע אַמעריקאַנישע סיסטעם, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין אַדעסער ביבליאָטעק, איז דערווייל דאָס איינציקע אינעם ראַטנפאַרבאַנד און ווערט געפירט פון דעם אימפּאָרטער גופא.

אינטערעסאַנט זיינען די אויסשטעלונגען פון די נייע ביכער, וואָס דערשיינען אינעם ראַטנפאַרבאַנד. באַלד ווי עס דערשיינט אַ נייער בוך, ווערט ער דאָ איבערגעשטעלט, אָדער אַנאָנסירט אויף די ספּעציעלע טאָוולען, וואָס ציען צו דאָס אויג מיט זייערע לעבעדיקע פאַרבן. עס ווערן אויסגעשטעלט די ביכער גופא אָדער די הילעס זייערע, וועלכע זיינען אין סאָוועט־רוסלאַנד בכלל געמאָלן מיט לעבעדיקע שאַרפע קאָלירן.

איך האָב אין דער ביבליאָטעק פאַרבראַכט פון נאָכמיטיק ביז האַלב אַכט און וואָלט נאָך אַוודאי פאַרבליבן ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען איך אייל מיך נישט אין טעאַטער אַריין און ווען די פאַרוואַלטערן, פרוי קיריאַקאָווא, וואָלט מיך פשוט נישט געצוואונגען איך זאָל גיין זען „רעוויזאָר“ געשטעלט פון מייערכאָלדן, זי וויל הערן מיינע אַ מיינונג; איך בין אַ פרישער מענטש דאָ אין לאַנד, אָן פּאַרטייאישער ליידנשאַפטלעכקייט און אין דעם שאַרפן חלוקי דעות, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דער שטעלונג, ווען אייניקע האַלטן, אַז מייערכאָלד איז מיט זיין „רעוויזאָר“ אַוועק אויף צוריק, וועט מיין מיינונג איר העלפן זיך צו אָריענטירן.

די פאָרשטעלונג האָט זיך פאַרצויגן ביז איינס אַזייגער, פון אַכט ביז איינס, און דערצו האָב איך נאָך באַנגנט אין טעאַטער אַזא

טייערן גאסט, דעם חבר סלוטשעווסקי פון כארקאוו. איך האב איר נאר באוויזן צו זאגן ביי א גלעזל טיי, וואס מיר האבן געטרונקען בעת דעם לעצטן אנטראקט איז טעאטער־בופעט:

— הלוואי וואלטן מיר געהאט מייערבאלדן מיט זיין „רעוויזאר" אין בוענאס איירעס, מיר וואלטן אים פראקלאמירט אלס דעם רעוואַ־לוציאנערסטן צווישן די רעזשיסארן.

איך האב מיך דעריוויל דערמאנט, אז פון גרויס אנטציקונג מיט דער פונקציע פון דער צענטראלער ארבעטער־ביבליאטעק, האב איך פארגעסן צו נעמען ביי איר די גענויעריקע דאטן וועגן דער גרינדונג פון דער ביבליאטעק און וועגן דער צאל בענדער, וואס זי פארמאגט און איך האב זיי ביי איר געבעטן:

דאס זיינען זיי:

געגרינדעט האט זיך די צענטראלע ארבעטער-ביבליאטעק אין 1920, איבערנעמענדיק דאס פארמעגן פון דעם פאריין פון די האנדלס־אנגעשטעלטע, נאר ארבעטן האט די ביבליאטעק אנגעהויבן ערשט אין 1922.

אין ערשטן יאר פון איר פונקציע האט די ביבליאטעק פארמאגט 25.000 בענדער מיט 5.000 לייענער. איצט פארמאגט די ביבליאטעק 200.000 בענדער מיט 24.000 לייענער.

אין 1928 זיינען ארויסגעגעבן געווארן צום לייענען 600.000 בענדער.

פאר די זיבן חדשים 1929, פון יאנואר ביז אויגוסט — א מיליאן בענדער.

א שטראלנדיקע, מיט אן אדלערישן פלי־באגער, אין דער זעלבער שיין ווי איך האב געזען די ביבליאטעק, מיט וועלכער זי פארוואלטעט, האט זי זיך געזעגנט אויף ווידער צו טרעפן זיך.

48

מיין באזוך אין דער אידישער אקאדעמישער ביבליאטעק, וואס געפינט זיך אויף דער קאאפעראטיווע גאס (געוועזענע באזארנע) נומער 13, האב איך געמאכט צוזאמען מיט מיין טאטן, וועלכער איז שוין גע־

וואָרן אַן אָדעסער תושב, איבערגייענדיק אויף אויסהאַלט צום עלטסטן זון. איך האָב אים געוואָלט באַקענען מיט דעם אָרט, וואוהין איך האָב אים געראָטן איבערצוגעבן זיין ביבליאָטעק פון חכמת ישראל און השכלה און דעם זיידנס ירושה: אַן אַלטן ש״ס; אַלטע חומשים מיט דעם עק־זאָמישן פירוש פּנים יפות, געדרוקט אויף אַזאַ גרין און גראָב פּאַפּיר מיט וואַסער־ליניעס, וואָס איך פלעג זיי וועלן מיטנעמען אין חדר און דער טאַטע פלעגט זיי מיר נישט וועלן געבן און באַדאַי געקויפט נייע חומשים צום לערנען אין זיי, דעם רבס שולחן ערוך, תניא א. א.

מיין אינטראָדוקטאָר איז געווען מיין עלטערער ברודער, וועלכער איז אַן אָפּטער גאַסט אין ביבליאָטעק און איז נאָענט באַקאַנט מיט די אָנפירער און ביבליאָטעקאַרס. געטראָפן האָבן מיר דאָרט דעם פאַרוואַל־טער פון דער ביבליאָטעק, יערושאַלימסקי, וועלכער איז אויך אויפזעער איבער דער אידישער אָפּטיילונג פונעם הויפּט־ביכערלאַגער; גרענאַדיר, אַ באַקאַנטער טוער און פּובליציסט אין דער אמעריקאַנישער סאָציאַ־ליסטישער און דערנאָך קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכער פאַרנעמט אויך אַ פּאָסטן אין דער ביבליאָטעק; מ. בלאַנק, באַקאַנט די לייענער פון „די פרעסע" פון זיינע לידער, איינער פון די ביבליאָטעקאַרס. א. א.

די ביבליאָטעק, וועלכע רופט זיך אַקאַדעמישע, ד. ה. צוליב שטודיום, איז שוין גאָר אַנדערש איינגעאָרדנט, ווי די צענטראַלע אַר־בעטער־ביבליאָטעק. די ביכער־ראַפּטן שטייען נישט ארום די ווענט, ווי אין ביבליאָטעקן, וואָס זיינען אונדז באַקאַנט, נאָר אין געדיכטע שפּאַ־ליערעס,איינע פון דער אַנדערער אָפּגערוקט אויף וויפל ס׳איז נויטיק אויף אַריינצוגיין פאַר דעם ביבליאָטעקאַר אויף אַרויסצונעמען אָדער אַריינצושטעלן אַ בוך. די הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן, וואָס זיינען דאָ פאַראַן, וואָלטן באַדאַרפט פאַרנעמען היפּשע גרויסע זאַלן, ווען מען זאָל זיי אויסשטעלן אַרום די ווענט. דערין האָט איר געדינט אַלס מוסטער די ווילנער סטראַשון־ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק פאַרמאָגט אַ גרויסן לייען־זאַל און אייניקע קלע־נערע, וואו עס אַרבעטן אידישע ביבליאָגראַפן. די אידישע ביבליאָגראַ־פיע איז אין סאָוועטרוסלאַנד געוואָרן אַ זייער וויכטיקע וויסנשאַפטלע־כע דיסציפּלינע. עס גייט אָן אַ געטרייע אַקאַדעמישע אַרבעט איבער אי־דישער שפּראַך און ליטעראַטור, פאַרבונדן מיט געשיכטלעכער פאָרשונג.

די הויפּט־אַרבעט ווערט געפירט אין קיעוו און אין מינסק, אָבער אויך אין מאָסקווע און אין אָדעס, געפינען זיך געטרייע פּאָרשער. עס קומען אַהער בכלל אידן, וואָס האָבן ליב מעיין צו זיין אין אַ ספר. און דאָ געפינט מען טאַקע אַזעלכע ספרים וואָס ערגעץ אַנדערש געפינט מען זיי נישט. אויב עס פעלט וועלכער ספר פון דער אַלטער אידישער ליטע־ראַטור, זוכט מען עס אַזוי לאַנג ביז מען געפינט עס און מען שטעלט זיך נישט אָפּ אויף הוצאות.

מיין טאַטע האָט גאָר הנאה געהאַט, וואָס ער רעדט מיט יונגע־לייט, וואָס זיינען אַזוי היימיש מיט צונץ און גייגער, מיט משה מענ־דעלסאָן און זיינע איבערזעצער, מיט יצחק בער לעווינזאָן, מיט דעם „השחר" און „המגיד", מיטן „הבוקר אור" און „בכורי העתים", מיט יענע צייטן ווען זיין זון האָט געשטראַלט, די זון פון דער השכלה. און איך האָב ווידער הנאה געהאַט, וואָס איך זע די מעגלעכקייט פאַר שאַפן אַ אידישע ליטעראַטור־געשיכטע, אַ פונאַנדערגעאַרבעטע און דורכגע־נומענע מיט אַ צענטראַלער אידייע, אַ מאַרקסיסטיש־פאַרשטאַנענע.

דעם זעלבן טאָג בין איך געגאַנגען באַזוכן דעם מענדעלע מו־זיי, אויף בעבעל־גאַס (געוועזענע יעווריעסקע) ביים עק קאַנאַנטנע.

געטראָפן האָב איך דאָרט נישט קיין עולם באַזוכער. אַ חוץ מיר איז געווען בלויז נאָך איין באַזוכער. געוויינלעך ווערן מוזייען אין סאָ־וועטנרוסלאַנד באַזוכט פון גאַנצע אָרגאַניזאַציעס. אַ קלוב פון אַ געווי־כער פאַבריק אָדער אַנשטאַלט אָדער פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין אָר־גאַניזירט אַן עקסקורסיע אין די מוזייען און אויסשטעלונגען. דער מענ־דעלע־מוזיי איז ערשט אַ חודש צייט דערעפנט געוואָרן פאַר באַזוכער און די קלובן האָבן נאָך נישט באַוויזן צו אָרגאַניזירן עקסקורסיעס אַהער. אין באַזוך־בוך, וואו איך האָב מיין נאָמען איינגעשריבן, בין איך געווען דער עטלעכע און צוואַנציקסטער באַזוכער. איך האָב דעריבער גאַנץ באַקוועם אַרומגעשפּאַצירט איבער די צימערן פונעם מוזיי און האָב באַטראַכט אַלע אויסגעשטעלטע זאַכן.

מיין איינדרוק וועגן דעם מענדעלע־מוזיי, איז, אַז אָנגעהויבן האָט מען איין זאַך, פאַרגעזעצט האָט מען עפּעס אַנדערש און וואָס פון דעם מוזיי וועט אַרויסקומען, דאַרף מען ערשט זען.

אַנגעהויבן האָט מען, ווי עס איז צו זען, פון אַ מוזיי, וואָס זאָל דינען אַלס דענקמאָל דעם זיידן פון דער אידישער ליטעראַטור און דער פּערזאָן גופא, מענדעלע מוכר ספרים, אַבראַמאָוויטש. זיינען דאָ דערי־בער פאַראַן די שטוב־זאַכן מענדעלעס: די שטול אויף וועלכער ער האָט ליב געהאַט צו זיצן; ספרים זיינע; פּאַרטרוקנטע בלומען, וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט און מען האָט זיי געפונען אַריינגעלייגט צווישן די בלעטלעך פון די ביכער, וואָס ער האָט געלייענט; זיינע כתב־ידן; בי־בליאָגראַפיע וועגן מענדעלען, מענדעלעס פּאָרטרעטן, אַ גרויס אייל־בילד פון מענדעלען; אַ גישט געלונגענע סקולפּטור; צייכענונגען, אילוסטראַ־ציעס צו זיינע ווערק, צווישן זיי — די מאַסקעס, וואָס אונדזער היגער מישע שווארץ האָט געצייכנט פאַר דער אויפירונג פון די סצעניזירטע זאַכן לכבוד מענדעלעס יאָרצייט; אויף די ווענט מאָלערייען אין שאַר־פער וואַסער־פאַרב פון מענדעלעס טיפּן, סצענעס, אויפפאַסונגען פון זיינע ווערק. דאָס אַלץ, באַטש עס זעט זיך גאַנץ וואויל אָן, איז עס אָבער בלויז אַ קליינע טייל פונעם מוזיי.

די גרעסטע טייל פונעם מוזיי, איז אָוועקגעגעבן אויף זאַכן פון אַל־מין אידישן שטייגער און קולט: שול־זאַכן, ספרי תורה, פּרוכתן, כפּורתן, ציצים, עצי יד, כתרים, ידן (מיט וועלכע דער גבאי ווייזט אָן דעם אויפגערופענעם צו דער תורה, וועלכן אָרט ער זאָל אַ וויש טון מיטן טלית אויף אַ קוש צו טון), עטרות פון טליתים, אַן אפוד (אַ זילבער גע־שטיקטער גאַרטל מיט וועלכן דער חזן נעמט אַרום דעם קיטל אום יום כפּור), אַ „כיור", מנורות פאַרשידענע, חנוכה־לעמפּלעך, הדסים, בשמים־בעכערלעך, קידוש בעכערס, הבדלות דער „פּראַלניק", מיט וועלכן דער שמש קלאַפּט אויפן בעלעמער, כדי איינצושטילן דעם עולם, שופרות, ארוגות, מצבות, מזוזות, שיר המעלותן, מזרחים, „שויתים", צדקה פּושקעס, נר תמידס... עס פעלט דאַכט זיך, נאָר די הרובע פון אַ בית מדרש אַריינצוברענגען.

אַ גרויס פּלאַץ איז אָפּגעגעבן די פּנקסים פון די שטעטלשע קהי־לות און חברות. אַ טייל פון זיי זיינען מוסטערן פון אידישער מאָלע־ריי און שניצעריי, אין וועלכע די הויפּט־מאָטיוון זיינען פאַנטאַסטישע פייגל און חיות, קאָמענטאַרן אויפן מאמר פון פּרק: הוי עז כנמר, קל כנשר, רץ כצבי, וגבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים. (אויב דער

מאמר איז נישט ריכטיק איבערגעגעבן, בין איך זיך מודה ומתודה, אז איך האָב שוין לאַנג קיין פּרק נישט געזאָגט און שוין אויך לאַנג אין קיין שיל נישט געווען און האָב נישט ביי דער האַנט קיין סידור אויף אריינצוקוקן). פאַראַן אויך אין די פּנקסים צייכענונגען, וואָס באַווייזן, אַז די וואָס האָבן די פּנקסים געמאָלן, האָבן זיך שוין צוגעקוקט צו דער נאַטור, צו דער אַרומיקער; מען זעט אַ טייכל, אַ קאַטשקעלע אויפן וואַ־סער. דאָס אייגענע איז מיט די קוויטלעך, וואָס מען האָט גענוצט פאַר קאָרטן, אויף צו שפּילן אום חנוכה. אויך דאָ זעט מען ביי די „שריי־בער" (פּנקסים און קוויטלעך האָט מען נישט געמאָלן, נאָר געשריבן) די השפּעה פון דער טראַדיציע מיט אירע פאַנטאַסטישע חיות און עופות און שפּעטער פון דער אַרומיקער נאַטור.

דער אַלטער אידישער שטייגער, איז דאָ פאַרטראַטן מיט מלבו־שים, קאַפּאָטעס, שטריימלעך, טלית קטנס, יאַרמעלקעס, קאַפּנטיכלעך, שטערנטיכלעך און אַפילו אַ ברוסט־טוך, וואָס די גאַר רייכע עלטער־באָבעס האָבן געטראָגן אין אַ יום־טוב; מיט שמחת תורה פאָנען, חנוכה דריידלעך, גראַגערס און המן־קלאַפּערס, פורעמס פאַר דריידלעך און פאַר פלאָדן־בלעטלעך.

די מערסטע פון די זאַכן טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון עכטער אידישער קונסט; פאַראַן דאָ אָבער גאַנץ אינטערעסאַנטע קוריאָזן: דער פּרוכת פון דער אַדעסער כאָר־שיל, — וועלכע איז, ווי באַוואוסט, אי־בערגעגעבן געוואָרן פאַר אַ קלוב — הענגט אין מוזיי צווישן אַלע אַנ־דערע. צווישן די פּרוכתן מיט די גאָלד און זילבער געשטיקטע אידישע לייבן, אידישע קרוינען און עשרת הדברותן, הענגט דער דאָזיקער פּרוכת, אַ שטיק יאַפּאַנישער שוואַרצער סאַמעט מיט פליענדיקע באַ־טשאַנעס, ווי אויף לאַקירטע שוואַרצע טיי־פּושקעס. אַז דאָס איז אַ פּרוכת דערוויסט איר זיך פון דעם גאָלדענעם מגן דוד, וואָס איז צו־געהעפט געוואָרן אין דער מיט.

איך האָב ביי מיר אין נאָטיץ־ביכל פאַרצייכנט:

דער „אַריסטאָקראַטישער" פּרוכת פון דער אַדעסער כאָר־שיל, איז פונקט אַזוי קולטור־געשיכטע, ווי דער אַלטער מויל־צעפּרעסענער פּרוכת פון דער בערסאַנער אַלטער שיל, וואָס איז געשענקט געוואָרן פאַרן מענדעלע־מוזיי.

און איצט חזר איך עס איבער: ס׳איז געשיכטע פון דעם ארויפגעארבעטן עם הארץ, וואס האט זיך איינגעהאנדלט רעליגיע און קונסט לויט זיין געשמאק. דאס האט געבראכט אן אדעסער איד, וואס האט געמאכט טרייפע געשעפטן אין כארבין בעת דער מלחמה מיט יאפאן.

מיט אט די חפצים פון אידישן קולט און שטייגער, וועלכע שפיגלען אויך אפ די פאלקס־קונסט, איז פארנומען די גרעסטע טייל פונעם מוזיי. זעט אויס, אז אויף דער אפטיילונג האט מען געלייגט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט, אז מען האט דאס געזאמלט מיט גרויס ליבשאפט. פון גרויס ליבשאפט איז מען אפילו אריינגעפאלן אין טעותים, מען האט זיך געלאזט באשווינדלען פון נאכמאכונגען, ווי עס טרעפט אפילו אין די גרויסע וועלט־בארימטע מוזייען.

מיט ווייניקער ליבשאפט אדער מיט ווייניקער פארשטענדעניש און ווייניקער קענטעניש, איז באהאנדלט געווארן אפילו אזא אפטיילונג ווי די געשיכטע פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, וואו מען איז אפגעקומען מיט עטלעכע בילדער פון אידישע רעוואלוציאנערן: אהרן ליבערמאן, העסיע העלפמאן, מארים ווינטשעווסקי א. א. א פאר פראקלאמאציעס פון „בונד”, פועלי ציון און ס. ס. און ווייטער גארנישט. אדעס האט א רייכע געשיכטע פון רעוואלוציאנערער באוועגונג, פון מאניפעסטאציעס און שטרייקן, וואס אין צארישן רוסלאנד האט דאס געהייסן גיין אויף קרבנות, אויף קידוש השם; פארטייען, פראגראמען, פארטיי־קאמף, ארעסטן, צעשיסונגען, זובאטאוושטשינע און פארראט, מעשה פאטיאמקין, באריקאדן און בירגער־קריג. און פון דעם אלעמען איז אפילו נישט דערמאנט.

וואלט איך נישט געווען איינער פון די וואס האבן אין דעם רעוואלוציאנערן קאך אזא נאנטן אנטייל גענומען אין די קאכיקע רעוואלוציע־יארן 1901 — 1905, וואלט דאס אפשר אויף מיר אזא איינדרוק נישט געמאכט. און נישט נאר דא, אין מענדעלע־מוזיי, האב איך באמערקט אזא נישט פארשטענדעניש און נישט באקאנט זיין מיט דער אדעסער רעוואלוציאנערער געשיכטע; גראד די טעג וואס איך האב פארבראכט אין אדעס, האט מען אויסגעפונען אונטערערדישע גענג, וואס האבן געדינט אויף צו באהאלטן קאנטראבאנדע און אלס באהעלטעניש פאר גנבים און שלעגער. די עפענונג פון די היילן, האט זיך געפונען אויף

דעם פלאץ, וואו ס'איז פריער געווען א מין וועלדל (יורקאוסקאיא ראש־טשא). אין איינער פון די צייטונגען, האבן זיך באוויזן דערינערונגען וועגן דעם דאזיקן וועלדל. זיינען אין די דערינערונגען געווען מעשיות וועגן פארשידענע שלעגער און באנדיטן, נאר נישט וועגן דער ראל וואס דאס וועלדל האט געשפילט פאר דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, נישט וועגן די פארזאמלונגען וואס זיינען דארט אפגעהאלטן געווארן, נישט פון די „באיעוואיע אטריאדן", באוואפנטע חברים, וואס פלעגן די פאר־זאמלונגען באוואכן און נישט וועגן דעם, אז מען פלעגט אהין פארנארן א שפיאן, אויב מען האט באמערקט אז ער גייט נאך, און דארט אים אנברעכן דיביינער אדער אים לאזן ליגן א געחלשטן אין דער קאנאווע, וואס האט זיך דארט געצויגן מיט דער באלקע גאס.

עטוואס מער איז דא פאראן וועגן דער געשיכטע פון די פאגראָ־מען: דאקומענטן, פאגראם־פראקלאמאציעס און אפילו פאגראמיסטיש־אנטיסעמיטיש געלט (פאפיר־געלט מיט אנטיסעמיטישע אויפשריפטן). פאראן אויפרופן צו די אידן מיט דראונגען זיי זאלן נישט גיין צו די וואלן און פאראן אויפרופן מיט גוטע רייד, אז פאר אידן איז גלייכער זיי זאלן נישט גיין צו די וואלן, ווארום וואס באדארף א איד, אז נישט פרנסה און לעבן רואיק! נאכוואס זאל מען אויפרייצן קעגן זיך די ניט־אידישע באפעלקערונג?...

א חוץ די אלע דאקומענטן, איז פאראן א רייכע גאלעריי פאגראם־בילדער, געצייכנט פון א בארימטן רוסישן מאלער אין די אכציקער יארן. די בילדער האבן זיך געפונען ביי זיינע יורשים און זיינען גע־שענקט געווארן דעם מענדעלע מוזיי.

פון א שמועס וואס איז האב צום סוף געהאט מיט דעם חבר וואָ־ראביטשיק, פארטרעטער פון בן ציון רובשטיין, וועלכער איז דער אנפירער מיטן אנשטאלט און האט זיך דעמאלט געפונען אין אורלוויב, האט דער מענדעלע מוזיי דערוויייל דורכגעפירט א טייל פון זיין פראג־ראם. ער פארמאגט איצט, א חוץ דעם מענדעלע צימער, די אפטיילונג פון פאלקס־קונסט, פון קולט און שטייגער, פון רעוואלוציאנערע בא־וועגונג און פון ליטעראטור. אין משך פון קומענדיקן יאר אדער פון די קומענדיקע צוויי יאר, וועט ער האבן איינגעפירט ביי זיך א ספעציעלע

שטייגער־אַפּטיילונג, אַן אַפּטיילונג פאַר אידישער געשיכטע, געשיכטע פון קולט, פון פּרעסע, פון טעאַטער, פון עקאָנאָמיע.

האַבנדיק פאַר די אויגן די מאָסקווער מוזייען, מוזיי פון דער רע־וואָלוציע, מוזיי פון די נאַציאָנאַליטעטן, מוזיי פון דער אַנטירעליגיע־זער באַוועגונג א. א. וועלכע זיינען, ווי איך האָב שוין דערציילט, אוניווערזיטעטן פון געשיכטע, האָב איך זיך געפילט גאַנץ אַנטוישט פון דעם קנאַפּן באַזוך. אַ צווייטן מאָל בין איך געגאַנגען אין מוזיי אין באַגלייטונג פון ח׳ דימאַנשטיין, וועלכער איז גראַד געקומען קיין אדעס און מיר האָבן געמוזט „אַ קוש טון דעם שלאָס". דער מוזיי איז אָפן נאָר צוויי מאָל אין וואָך פון צען ביז צוויי נאָכמיטיק.

איך האָב וועגן דעם גערעדט מיט אַ מיטגליד פון ראָזאַ לוקסעמ־בורג קלוב און אים געפרעגט מכוח דער באַציאונג פון די אידישע אַרבעטער צום מוזיי.

— מיר וואָלטן בפירוש געמאַכט אַן עקסקורסיע אַהין — האָט ער מיר געזאָגט — נאָר קיינער פון אונדז בענקט נישט נאָכן חנוכה־לעמפּל און נאָכן המן־קלאַפּער. עפּעס אַן אינטערעסאַנטע לעקציע קעגן דער קליינשטעטלדיקייט פון אַ סך פון אונדזערע חברים, דאָס, זעט איר, וואָלט יאָ נויטיק געווען.

„ער איז אפשר גערעכט", האָב איך מיר געטראַכט, נאָר אפילו די אַלטע עדות פון דעם פאַרשווינדנדן אידישן שטייגער קען מען אויך פאַרוואַנדלען אין אַ גוטער און אינטערעסאַנטער אַנטירעליגיעזער און אַנטיקליינשטעטלדיקער לעקציע, ווען עס וואָלט נישט ביי די פירער גופא געווען אַ געוויסע פּיעטעט און אפילו אַ בענקשאַפט צום המן־קלאַפּער.

49

אַרבפאַק, יעווראַבמאַל, מעטאַל. דאָס זיינען די לער־אַנשטאַלטן, וואו איר טרעפט די אידישע יוגנט פון דער פּראָווינץ. אַרבפאַק (אַרבע־טער פאַקולטעט) איז אַ דריי־יאָריקער קורס פאַר אַרבעטער, וואָס האָבן נישט באַקומען קיין עלעמענטאַרע בילדונג און ווילן אָנקומען אויף העכערער בילדונג. ער געפינט זיך אין דער געביידע פון „אינאָ" (אינס־

טיטוט נאַראָדנאָהאָ אָב־אַזאָוואַניאַ — אינסטיטוט פון פאָלקס־בילדונג) אונטער דער לייטונג פון פּראָפעסאָר קאַרפּאָוויטש. „יעווראבמאָל" (אידישע ארבעטער יוגנט) איז אַ שול פאַר פּראָפעסיאָנעלער אויסביל־דונג, וואָס האָט זייער אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע אונטער זיך און אַ באַזונדערע באדייטונג פאַר דער אידישער יוגנט פונעם שטעטל, וואָס גייט איבער צו דער אינדוסטריע. „מעטאַל" איז די געוועזענע פּראָ־פעסיאָנעלע שול פון דער חברה מפיצי השכלה, „טרוד", וואָס האָט די זעלבע צילן, טעכנישע אויסבילדונג און אַלגעמיינע בילדונג.

די אַלע דריי בילדונגס־אַנשטאַלטן האָב איך באַזוכט באַלד ווי זיי האָבן זיך געעפנט צום נייעם לערן־יאָר.

אין ארבפאַק האָב איך אָנגעטראָפן די עקזאַמענעס פון די קאַנ־דידאַטן. דער עולם האָט זיך געריכט אויף אַ גרויסער „שחיטה": פּלע־צער זיינען פאַראַן ווייניק און קאַנדידאַטן אַ סך. וועט מען זיך רעכע־נען מיט דער עלטער פון די קאַנדידאַטן און מיט זייערע קענטענישן. די אינגערע קענען צוואַרטן נאָך אַ יאָר, ביז מען וועט פאַרגרעסערן דעם אַנשטאַלט און די וואָס האָבן נישט באוויזן צוצוגרייטן זיך צו די עקזאַמענעס מיט דעם מינימום וויסן, וואָס עס פאָדערט זיך דערצו, באווייזן דאָך, אַז זיי זיינען צו עפּעס אַנדערש פעאיקער ווי צו לער־נען. איז דעריבער צווישן דעם עולם אַביסל אַ נערוועזע שטימונג.

ס'איז נאָך פרי. דער פּראָפעסאָר בילאָוו, וועלכער עקזאַמינירט, איז נאָך נישטאָ. דער געהילף פונעם דעקאַן, חבר גרינבערג, מיט וועלכן איך האָב מיך באַקענט אין „נאַצמינד", איז פאַרנומען אויף אַ באַראַ־טונג מיט די דעקאַנען פון דער אוקראַינישער און דייטשער אָפּטיילונג פון „אינאָ"; שטייט דער עולם יונגוואַרג און קאָמענטירט. דער ארב־קאָר פון מיין געבורט־שטעטל דערפרייט זיך איבער מיר, ער שטעלט מיך פאַר פאַרן עולם, באַקענט מיך מיט די יונגע אידישע שרייבער שעכטמאַן און סיטאַ, וועלכע דאַרפן היינט אויך אָפּגעבן עקזאַמען, אויף אָנגענומען צו ווערן אין ארבפאַק.. סיטאַ דערפרייט זיך איבער מיר. פינטשעווסקי האָט אים וועגן מיר אַ סך דערציילט און איך ווייס שוין אויך וועגן אים, אויך דורך פינטשעווסקין, אַז ער איז פון די אַזוי גערופענע „פאַרוואַרלאָזטע", אַ יתום, וואָס ווייסט נישט ווער זיינע טאַטע־מאַמע זיינען און איז אויסגעוואַקסן אין אַן אזיל. וואַרטנדיק

אויפן עקזאמינאטאָר, זעצט זיך דערוויייל אוים דער עולם יונגוואַרג אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ און בעט מיך איך זאָל דערציילן וועגן אַרגענטינע. איך באַקען זיי אין קורצן מיט דער אַרגענטינישער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער געאָגראַפיע, וואָס וועט זיי זיכער צונוצקומען ביים לערנען און נאָכמער ביים פאַרשטיין די ראָל פון אַרגענטינע ווי פון די אַנדערע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, אַלס מערק פון דעם אייראָ־פּעאישן און צפון־אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַל. און אייניקע פון זיי האָט דאָס שוין אויפן אָרט נוצן געבראַכט. ביים עקזאַמען פון געאָגראַפיע וואָס האָט זיך באַלד טאַקע אָנגעהויבן, האָט דער פּראָפעסאָר בילאָוו, צוליב פּסיכאָלאָגיש גאַנץ פאַרשטענדלעכע טעמים, האָבנדיק אַלס גאַסט אַן אַרגענטינער זשורנאַליסט, געפרעגט די עקזאַמינירטע, וואָס זיי ווייסן וועגן אַרגענטינע און די געפרעגטע האָבן שוין געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

בעת דעם זעלביקן באַזוך, האָב איך שוין אויך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דער אַרבעט פונעם „אינאַ", וועלכער פאַרוואַלטעט מיט דער שול־בילדונג פונעם גאַנצן קרייז: ס'איז נישטאָ קיין איין ישוב, וואו עס געפינען זיך אידן, אַז עס זאָל דאָרט נישט זיין קיין אידישע אַרבעט־שול, פיר־יאָריקע, וועלכע שליסן אָפּ דעם ערשטן לערן־קאָנצענטער אָדער דאָס וואָס מען פאַרשטייט אין אויסלאַנד אַלס אָנפאַנג־בילדונג (אין אַרגענטינע 6 יאָר) ביז זיבניאָריקע, וואָס שליסן אָפּ דעם צווייטן קאָנצענטער, (מיטלשול־בילדונג פון פיר יאָר גימנאַזיע). פאַר די וואָס גרייטן זיך צו העכערער בילדונג זיינען פאַראַן דערגאַנצנדיקע צוויי יאָר. אַזעלכע ניינאָריקע שולן זיינען פאַראַן בלויז אין די גרעסערע פּראָווינץ־שטעט.

אין „אינאַ" איז מיר אויסגעקומען צו ריידן מיט לערער און באַזונדער לערערקעס פון די שולן. ריידנדיק מיט די לערערקעס, איז מיר איינגעפאַלן צו שרייבן אַ שטודיום פון אידיש אין מויל פון אידישע לערערקעס. ביי קיין אומה ולשון, האָב איך מיר געטראַכט, איז נישטאָ דאָס ספּעציפישע אין דער שפּראַך ווי ביי אידישע מיידלעך, וואָס ריידן אידיש. אָט איז אַ זאַריוועקער מיידל, וואָס רעדט אַזוי נאַטירלעך אידיש, ווי איר מאַמע האָט גערעדט, פּונקט אַזוי פריי און געלויפיק ווי פּעסל דער מומע סאָסיעס און זעלטן ווען זי באַנוצט אַ וואָרט פון גרעסערן

קאליבר, פון בוך ארויס, און אָט איז א שטאָטיש מיידל, וואָס אז זי רעדט אידיש, רויטלט זי זיך. עס גיט איר צו א סך חן און אויך דער שפּראַך גיט עס צו א באזונדער חן, בעסער געזאָגט, א באזונדער שיין, ראפינירטקייט, ליטעראַרישקייט, סאלאָנמעסיקייט. און אָט איז א קאָ־לאָניסטיש מיידל, א לערערקע, נאָך גאָר יונג. זי איז געקומען בעטן מען זאָל איר געבן אַן אָרט אין שטאָט, כדי זי זאָל קענען באזוכן דעם ארבפאַק. די גאַנצע דאָרפישע פּרימיטיוויקייט ליגט אין איר אידיש ריידן. עס האָט זיך ביי מיר באלד פאָרגעשטעלט די גאַנצע היימיש־קייט פון דער דאַזיקער חברטע באשע מיט די תלמידים און תלמידות, וואָס זיינען נישט קיין סך אינגער פון איר און עס איז מיר א שאָד געווען מען זאָל צונעמען אָט די היימישקייט. אפשר וועט זי ברענגען עפּעס פרישקייט אין א שטאָטישער שול, נאָר זיכער וועט א געקינצלטע לערערקע ברענגען אין א דאָרפישער שול פּרעמדקייט, אומצוטרוי פון די קינדער און בכלל נישט נאַטירלעכקייט, וואָס ווי שיין זי זאָל נישט זיין, געזונט איז זי נישט, די געמאַכטע, ארויפגעצוואונגענע דעמאָקראַ־טישקייט און פאַלקסטימלעכקייט.

איך האָב מיך געזעגנט, כדי דאָרט באלד צו באזוכן דעם „מעטאַל", וועלכער געפינט זיך אין דער זעלבער געביידע וואו עס איז געווען דער „טרוד".

— וואָס אינטערעסירט אייך אַמערסטן? — פרעגט מיך דער פאַרוואַלטער.

— מיך אינטערעסירט אַלץ, נאָר א באזונדער אינטערעס, מען קען זאָגן א נייגעריקייט האָב איך צו הערן א לעקציע פון פיזיקע, כעמיע אָדער מעכאַניקע, א לעקציע אין אידיש פון אזעלכע לימודים אין סאָמע אָדעם!

— דערווייל — זאָגט מיר דער פאַרוואַלטער — קענט איר שוין הערן א לעקציע פון ביאָלאָגיע, וואָס הויבט זיך שוין אָן. באקענט זיך מיטן לעקטאָר! — און ער שטעלט מיר פאָר א יונגן מעדיצינער, וועל־כער איז געשטאַנען און זיך געדונגען וועגן די שעהן, וואָס זיינען פאַר אים באשטימט. די שעהן זיינען פאַר אים נישט באקוועם און ער בעט מען זאָל זיי אים אומבייטן.

די לעקציע בין איך בייגעוועז ביזן סוף. מער ווי פונעם לעקטאָר, וואָס זיין לעקציע איז געווען אַ זייער פּאָפּולערער אריינפיר אין דער ביאָלאָגיע, אין וועלכן עס האָבן זיך כמעט נישט געמערקט קיין בוך־טערמינען, האָב איך הנאה געהאַט פון די תּלמידים, וועלכע זיינען פאַר־לאָפן דעם לעקטאָר דעם וועג און גערעדט וועגן וויטאַמינען און וועגן בלוט־צירקולאַציע ווי רייטע קייקעלעך אינעם בלוט וואַלטן זיי פאַר די אויגן געשטאַנען. און מיט אַן אמת, צו וואָס זיינען די אַלע אינסטרו־מענטן פונעם „פיזישן קאַבינעט", מיט וועלכע זיי באַנוצן זיך ביי יעדער קליניקייט.

פון דאָרט בין איך געגאַנגען אָנקוקן דעם זאַל פון עלעקטראָטעכ־ניק. אויפזעער און עלצטער אַרבעטער דאָ איז אַ יונגערמאַן, וועלכער לערנט זיך נאָך אידיש. און לערנען לערנט ער זיך ביי די תּלמידים. ער נעמט מיר דערקלערן די פונקציע פון אַ מאָטאָר מיט אַן איינפאַכן קאָנדוקטאָר און מיט אַן אַלטערנאַטיוון, ברענגענדיק זיי אין באַוועגונג. און ווי נאָר ער בראָקט אריין אַ רוסישן טערמין, דערמאָנט אים איינער פון זיינע תּלמידים ווי מען זאָגט דאָס אין אידיש. ער פאַרענטפערט זיך פאַר מיר. געלערנט האָט ער זיך אויף רוסיש, פּראַקטיצירט צווישן רוסן, אויף די זאַוואָדן. נאָר, נישט געדאַגהט, מיט דער הילף פון זיינע תּלמידים, וועט ער זיך אויסלערנען. און דער עיקר איז דאָך די אַר־בעט, נישט ווי מען רופט זי. אָט זעט ווי זיי מאַכן אַ רעצעפּטאָר, שיין צו קוקן. איר זעט אָט דעם גרויסן מאָטאָר, ס'איז זייער אַרבעט. פון אונדז, אַז מען קומט אָן אַרבעטן אויף אַ זאַוואָד, באַקומט מען די העכסטע קוואַליפיקאַציע.

גייענדיק פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג, שלאָסעריי, טאָקעריי, טיש־לעריי, גיסעריי, זיינען מיר געקומען צו דער מאָדעלן־אָפּטיילונג, דאָרט וואו עס ווערן געמאַכט די פורעמס פאַר דער גיסעריי. דער אויפזעער איבער דער אָפּטיילונג, איז אַליין אַ תּלמיד פונעם „טרוד". ער האָט פאַרענדיקט דעם קורס דאָ צוריק מיט פינף און צוואַנציק יאָר. היינט איז ער דאָ אינסטרוקטאָר.

— זעט, — זאָגט ער מיר — אויף וואָס מען פלעגט דאָ אָפּגעבן מי און צייט און ווייזט מיר אָן אויף אַ מאָדעל פון אַ ווענדזעל מיט אַ מאָנאָגראַם פון צאַר ניקאָלאַי, וואָס פאַרנעמט אַ שטיק וואַנט — איר

ווייסט וויפיל אזא שטיקל ארבעט צו מאכן האט געדויערט? די מפיצי השכלה האבן דערמיט געוואלט ארויסווייזן זייערע אונטערטעניקייט־געפילן דעם דאזיקן אידיאט, אויסקויפן ביי אים דעם חטא פון זייער אידישקייט. די תלמידים, אבער, האבן אנדערש געדענקט. איר זעט אט די לעכלעך אין דער וואנט? אהערצו פלעגן מיר זיך דעמאלט פאר־קלייבן זיך לערנען שיסן, אויף דעם פאל מען וועט דאס דארפן אויף באריקאדן... און נאכדעם ווי דער אינסטרוקטאר האט מיר געפרואווט דערקלערן די טעכניק פון די מאדעלן, ווי אזוי גראד דארט וואו ס'איז א לאך, ווערט א שטאנג און ווי אזוי מען שליסט די מאדעלן און אזוי ווייטער, האט ער מיך געפירט ווייזן ווי אזוי מען צייכנט זיי.

— אט די חברטע איז ביי אונדז די בעסטע צייכנערן...

נאר דעם פארגעניגן האט אים שוין דער הויפט־פארוואלטער נישט פארגונען און ער אליין האט מיר פארגעשטעלט דאס זעכצן־זיבעצן יאָ־ריקע מיידל מיט די שווארצע אויגן, וואס איז געשטאנען צווישן אנדערע מיידלעך און אינגלעך און געצייכנט א קאמפליצירטן מאדעל פון א שרויבן באוועגער.

די תלמידים האבן אויף אן אנדער ארט זייער צוזאמענוואוינונג, מחמת די מערסטע זיינען פון דער פראווינץ. דער גאנצער אויסהאלט פון דער אינסטיטוציע און פון דעם צוזאמענוואוינונג איז אויפן חשבון פון דער מלוכה.

דער „טרוד" איז געווען דער שענסטער אנשטאלט, וואס די חברה מפיצי השכלה האט געהאט אין רוסלאנד און איז ער ארויס פון אונטער די הענט פון אט דער משכילישער פילאנטראפיע, האט זי שוין דער־מיט אליין אנגעוואוירן די גרעסטע טייל פון איר עקזיסטענץ בארעכ־טיקונג. ווען איך האב דארט טאקע געהערט וועגן דעם, אז די חברה, וואס האט געגרינדעט אין לענינגראד אויף אירע לארבער און אויף איר זשורנאל פון אלטמאדישער אידישער געשיכטע אין רוסיש, האלט ביים געשלאסן ווערן, האט עס ביי מיר ארויסגערופן דאס זעלבע געפיל, ווי מען וואלט מיר אנגעזאגט, אז א הונדערטיעריקער זיידע איז געשטארבן. וואוילע אידן געווען, נאר קענן דער עלטער קען מען גארנישט מאכן.

ארויסגייענדיק פונעם הויף און געזעגענענדיק זיך א לעצטן מאל מיט די תלמידים אין זייערע בלויע ארבעטס־בלוזעס, האב איך מיך

דערמאָנט, אַז איך האָב צווישן מיינע באַקאַנטע אין בוענאָס איירעס אַ געוויס צאָל „טרודניקעס", געוועזענע שילער פון דער אינסטיטוציע, וועלכע זיינען היינט באַשעפטיקט ביי וואָס איר ווילט, נאָר נישט ביי מעכאַנישער אַרבעט.

— ניין — האָב איך מיר געטראַכט — אָט די וועלן זייער לערע גוט פאַרנוצן. נאָך אין מאָסקווע זייענדיק, האָב איך געהערט וועגן דעם גוטן נאָמען אַלס מעכאַניקער וואָס עס האָבן אויף די רוסישע זאַוואָדן די שילער פון אָדעסער „מעטאַל".

50

איך האָב שוין באַדאַרפט זיין אין מאָסקווע און זיך פאַרטיק מאַכן צו דער נסיעה אַהיים. איז מיר אָבער, אפנים, באַשערט געווען צו באַ־קענען זיך נענטער אַביסל מיט אָדעס און די אומשטענדן האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט אַזוי, אַז איך האָב נישט געקענט אָפּפאָרן. באַקענען זיך מיט אָדעס, מיין איך, מיטן נייעם אָדעסער שטייגער. זען די שפּורן פון מלחמה, בירגער־קריג און פאָגראָמען און באַגעגענען זיך מיט דאָס נייע, וואָס איז פאַראַן אין אָדעס.

די שפּורן פון מלחמה, בירגער־קריג, האָב איך מיך געקליבן צו זען אין „סאָבעז" (הילף די קרבנות פונעם בירגער־קריג), נאָר איר באַ־געגנט זיי אויף פאַרשידענע אופנים אויך אין גאַס. אָט גיי איך פאַרביי די באַרימטע שאַלאַשנע שיל, וואו דער נישט וויניקער באַרימטער חזן ראַזומנע פלעגט מאַכן וויינען די ווייבערשע הערצער מיט זיין ראש חודש בענטשן, איז זי פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. וואָס איז די מעשה? בעת די אָפּטע קאַנאָנאַדעס — דערציילט מען מיר — וואָס אָדעס איז אויסגעשטאַנען פון פרעמדע און פון „אייגענע" קריגס־שיפן, האָט אין שיל געטראָפן אַן אָבוס און געמאַכט אין איר אַ לאָך. און וועמען איז עס אַ נויט און וועמען ליגט עס איצט אין זינען צורעכט מאַכן די שיל?...

איך דערוויס מיך דאָס אין אַ געוועלבל פון זעלצערוואַסער, וואָס געפינט זיך קעגנאיבער דער פאַרלאָזטער שיל און דער איד, אַליין דער

זעלצערוואסער־קוסטאר, פארענדיקט מיט א טאָן פון איינעם וואָס האָט נאָך נישט אינגאַנצן שלום געמאַכט מיט דער לאַגע. איך געפין פאר נוימיק דעם אידן צו טרייסטן: די שאַלאשנע שיל — זאָג איך אים — געפינט זיך היינט ביי אונדז אין בוענאָס איירעס, א נייע שיל, און ביי אונדז געפינען זיך אויך די רעסטאָראַנען, אפילו מיט זייערע באַ־לעבאַטים, וואָס זיינען דאָ אויפן ווינקל־גאַס געשטאַנען און געשפייזט דעם שאַלאשנע עולם מיט א האלבן עסיק־פלייש און א האלבן צימעס.

א שאַלאשנע שיל, א האלבן צימעס... גליקלעכע מענטשן אין בוענאָס איירעס... לאָז איך אים טראַכטן און זאָג אים א גוטן טאָג, ווי איך ווער פּלוצים דערשטוינט פון א ציגענעם „מע" גלייך מיר אין פּנים אריין. פאר מיר שטייט א אינגל פון א יאר 18 אָדער 19 און אפשר אריבער 20, מיט ווילדן בלאָנדן געוויקס אויפן פּנים, וואָס מאַכט אים זייער ענלעך צו א ציג. א פאַרוואָרלאָזטער בחור, וואָס טוט מעשה אונן און לעבט פון מאַכן זיך נאריש. א פאַרוואַרלאָזטער... און איך דערמאָן מיך דערביי, אַז אויך דער יונגער סאָוועטישער שרייבער סיטאָ, איז פון די פאַרוואַרלאָזטע. נאָר סיטאָ איז די פאַרקערפּערונג פון דער הפקר געבליבענער יוגנט, וואָס האָט בעת מלחמה, בירגער־קריג און פּאָגראָמען רעאַגירט אויף זיך און איז מיטגעגאַנגען מיט די קעמפער, מיט די בויער פון דער נייער וועלט אויף די אַלטע חורבות און ד ע ר איז די פאַרקערפּערונג פון דער פּאַסיווער יוגנט, וואָס האָט זיך ווי א שמאַטע געוואַלגערט אונטער די פיס און איז צעטראָטן גע־וואָרן.

איך האָב טאַקע אַזוי געטראַכט: „ווי א שמאַטע" און האָב מיך דערמאָנטע אָנעם חבר שמאַטקאָוו, דעם שעף פון „סאָבעז" (שטאָטישע הילף די קרבנות פונעם בירגער־קריג), צו וועמען איך האָב א בריוו פון חבר סוועטלאָוו, הויפּט־מיטאַרבעטער פון דער אָדעסער צייטונג „וועט־משערניאַ איזוועסטיאַ". די שפּורן פון מלחמה, בירגער־קריג און פּאָ־גראָמען. וואו וועל איך זיי זען, אַז נישט דאָרטן, אין „סאָבעז"!

אינעם אַדמיראַלטייסקע געסל, וואָס האָט אַמאָל געהייסן מאַלע, געפינט זיך אָט דער אַנשטאַלט. דער מהלך איז א ווייטער, אָבער אַז דו ווילסט דורכאויס זען די שפּורן, און גראָד די, וואָס ס'איז שווער

צו פאַרווישן, די שפּורן וואָס זיינען געבליבן נישט אויף די הייזער, נאָר אויף די מענטשן, נעמסטו אַ טראַמוויי און פאָרסט צו.

ס'איז פינף מינוט פאַר צוויי און פון צוויי נעמט ער אויף, דער חבר שמאַטקאָוו. אַליין אַ קאַליקע, מיט אַ צוגעזעצטן פוס, אַן אינוואַליד פון בירגער־קריג, נעמט ער אויף פּערזענלעך די קרבנות פונעם בירגער־קריג, וואָס קומען מיט בקשות, מיט פּרעטענזיעס. אויף לאַנגע בענק, אין הויף, אויף די שטיינערנע טרעפּ ביים אַריינגאַנג, זיצט שוין אַ היפּשער עולם, אַ פאַרשידנאַרטיקער, אַלטע און יונגע, וואָס זיינען געקומען אָפּנעמען די פּענסיע פאַר זייערע עלטערן, צעווייטיקטע אַלטע ווייבער און קאַליקעס פון פאַרשידענעם מין.

דער חבר שמאַטקאָוו פרעגט מיך אויב איך האָב צייט, זאָל איך צוואַרטן און ער וועט דערווייל דערליידיקן דעם עולם. איך זאָג אים, אַז איינגנטלעך צוליב דעם בין איך געקומען. פאַר דער צייט, וואָס איך בין אין ראַטנפאַרבאַנד, זאָג איך אים, זע איך, הער איך און לייען בלויז פון בויאונג, איך וויל זען דאָס וואָס מען קען מער נישט אויפבויען, אַ נישט ליבע אַרבעט מוז עס זיין פאַר אַ קאָמוניסט, צו באַשעפטיקן זיך מיט דעם חרובדיקן, בעת דער גייסט פון בויאונג כאַפּט ממש אַרום אַלעמען. אָט איך, נישט קיין פּאַרטיי־מיטגליד, נאָר אַ מיטגליד פון אַ סימפּאַטיזירנדיקער צייטונג, טו דאָס אויך איבער געוואָלט, איך וואָלט בעסער געוואָלט זען דאָס נייע, און דאָס שיינע, דאָס וואָס בויט זיך: נאָר ווען איך זאָל אַהיימקומען און דערציילן בלויז וועגן דאָס נייע און שיינע, וואָלט מען געזאָגט, אַז איך האָב נישט געקוקט אומעטום אָדער אַז איך פאַרדעק דאָס מיאוסע.

— מען קען גאָרנישט מאַכן — ענטפערט ער מיר דערויף און בעט מיך נאָכאַמאָל צוואַרטן.

צוויי שעה נאָכאַנאַנד בין איך געזעסן און האָב מיך צוגעקוקט, נישט אַזוי צו די, וואָס זיינען געקומען בעטן טובות, צו די קאַליקעס, און צו די סימוליאַנטן, צו די צעווייטיקטע און וויינענדיקע און צו די חוצפּהדיקע מאַנער, ווי צום חבר שמאַטקאָווס געדולד און ס'איז נישט די געדולד פון אַ אכזר, פון אַן אייזערנעם מענטשן, ניין, חבר שמאַטקאָוו איז אַ מענטש מיט אַן איידעלער נשמה, ווי מען רופט דאָס, אַ

מיטפילנדיקער און אַ ליבער מענטש, וואָס האָט דעם צוטרוי פון די „קליענטן".

— חבר שמאַטקאָוו רויכערט שוין! — באַמערקט מיר פון אַ זייט דער סעקרעטאַר, וואָס איז פאַרנומען מיט אויספילן פאָרמולאַרן פאַר עטלעכע „קליענטן", וואָס דער שעף האָט אים צוגעשיקט. — ער איז נישט קיין רויכערער, נאָר אַז ער בעט ביי עמיצן אַ ציגאַרעטל, ווייסט מען שוין, אַז ער איז נערוועז ביז דער העכסטער מדרגה.

און ווי זאָל ער נישט זיין נערוועז, אַז אָט האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אים איינער, אַ קאַליקע, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אָן אַ קוליע, דרייט אין זיינע טרייסלדיקע הענט אַ ציגאַרעטל און מאַכט אַזעלכע משונהדיקע ממזרישע העוויות מיט די אויגן, ווי איינער רעדט: חבר שמאַטקאָוו, ביזט דאָך אויך אַ קאַליקע, האָסט דאָך אויך בלויז איין פוס, זיי אַ גוטער ברודער, העכער די פּענסיע...

און ביים חבר שמאַטקאָוו, ציטערט שוין אויך דאָס ציגאַרעטל אין די הענט, נאָר עס איז נאָך פאַראַן ביי אים אַ שמייכל אויפן פּנים און ער האָט נאָך די געדולד שמייכלענדיק אים וואָרענען:

— זאָג, דו נעמסט אַביסל בראַנפן? זע, וואָרום דו וועסט אָנווערן די פּענסיע, אויב איך וועל נאָכאַמאָל שפּירן פון דיר!...

ביים פענצטערל, וואו ער נעמט אויף, שטייט אָנגעהויפנט דער עולם, שטעקט אריין די הענט מיט די ביטעס, מיט די דאָקומענטן, וואָס יעדער ברענגט מיט זיך, און אַנדערער שטעקט אריין דעם קאָפּ:

— חבר שמאַטקאָוו, דערליידיקט מיך, איך בעט אייך — ווענדעט זיך אַן אַלטער פּענסיע־נעמער.

— חבר שמאַטקאָוו, מיין מאַמע... — הויבט אָן אַ יונג מיידל און די מאַמע וויינט שוין, ווי איינגעהאַלטענע קוואַלן וואָלטן זיך ביי איר צעעפנט.

איך האָב מיך דערמאָנט אין מיינע אויפנאַם־שעהן אין רעדאַקציע, וואו עס קומט אוים אויפצונעמען שווערע הערצער, און איך האָב געפילט אַן אַנונג פון דעם טעם, וואָס דער גוטער חבר שמאַטקאָוו האָט אין די צוויי שעה געפילט.

איך האָב נישט אויסגעהאַלטן, בין צוגעגאַנגען און זיך געזעגנט מיט אים, איבערלאָזנדיק אים ביי זיין אַרבעט, וואָס האַלט אים עט־

לעכע שעה צייט געבונדן צום גיהנום, וואָס די מלחמה, בירגער־קריג און די פּאָגראָמען האָבן נאָך זיך געלאָזן.

א גיהנום. אָבער ווי זאָגט דער חבר שמאַטקאָוו: וואָס קען מען מאַכן? דאָס זיינען נישט קיין דעקלאַסירטע, וואָס מען קאָלאָניזירט זיי און מען אינדוסטריאַליזירט זיי, אָדער וואָס טראָגן ארום איבער די הויפן סקאָמבריעס געזאָלצענע, נאָר קאַליקעס, מלחמה־קאַליקעס, וואָס איך האָב זיי געזען אין פּאַריז, אין בריסל און אין בערלין שטיין אויף די גאַסן אָדער זיצן אין ווינקעלעך, פון אינגלעך אָדער מיידלעך, געדונגענע אָדער אייגענע קינדער, ארומגעפירט און בעטן א נדבה און מען האָט אויף זיי רחמנות און זיי וועקן פּאַטריאָטישע נקמה און... עקל צו דעם גאַנצן... צו אָט דער וועלט פון גרויסע קאַפּיטאַליסטישע געשעפטן, וואָס מוזן פירן צו מלחמה.

נאָר מיינט נישט, אַז אַלע קאַליקעס זיינען גלייך און אַז אַלע קאַליקעס געפינען זיך אינעם גיהנום פון אומקום; איך האָב געזען מלחמה־קאַליקעס ביי דער אַרבעט. פאַראַן אין די פאַבריקן געוויסע פונקציעס, אַרבעטן אַזעלכע, ביי וועלכע עס ווערן אוועקגעשטעלט קאַליקעס, אַרבעטן, וואָס מען קען מאַכן מיט איין האַנט, אַרבעטן, וועלכע מען מאַכט בלויז זיצנדיק און אַרבעטן, וועלכע מען מאַכט נישט באַנוצנדיק דערצו די אויגן. דער חבר שמאַטקאָוו האָט מיר רעקאָמענדירט צו גיין באַקענען זיך מיט אָט דעם מין אַרבעט אויף די פאַבריקן, וואוהין דער סאָבעז רעקאָמענדירט די קאַליקעס, וואָס קענען, לויט א צייגעניש פונעם דאָקטאָר און לויט א ספּעציעלער קאָמיסיע, באַנוצט ווערן צו וועלכער עס איז אַרבעט.

איך בין אָבער פון דאָרט אוועקגעגאַנגען אַזוי דענערווירט, אַז איך האָב געמוזט האָבן אַן אָפּפרישונג. און כ'האָב באַשלאָסן צו גיין אין אָוונט זען דעם פאַקלצוג פון דעם „קאָמסאָמאָל", וואָס איז אַנאָנסירט געוואָרן לכבוד דעם אַלוועלטלעכן יוגנט־טאָג און האָט געדאַרפט דורכגיין פונעם „פּערעסיפּ" דורך לאַסאַל־גאַס (דעריבאַסאָווסקע) ביז צו פעלדמאַנס בולוואַר (געוועזענער ניקאָלאַיעווסקי).

די אָפּפרישונג האָב איך טאַקע באַלד באַקומען. די פייערונג פונעם יוגנט־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן פאַרפרי דורך א וואָלאָסיפּעדן־צוג, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א זעלטן־שיינעם ספּעקטאַקל,

הונדערטער רייען יוגנט פון ביידע געשלעכטער אויף וועלאָסיפּעדן, מיט בענדער, בלומען און פאָנען, און נישט קיין פּוסטעפּאַסניקעס זיינען דאָס, נישט קיין מה יעשהניקעס, וואָס טויטן זייער צייט אין ספּאָרט, נאָר ארבעטער־יוגנט, געאיבטע, פלינקע, פריילעכע מיט באוואוסטזיין פון פרייע מענטשן און וועלט־באַפרייער.

ביי אַ טישל אין אַ גאָרטן מיט קאַלטן געטראַנק און בלומען זיינען מיר שפּעטער געזעסן אַ היימישע פאַמיליע און צוגעזען דעם גראַנ־דיעזן פאַקלצוג פון דער אַדעסער יוגנט און איך האָב דערמאָנט מיינע חברים די שיין־געדעקטע פאַמיליען־טישן אויף די באַבלומטע גאַסן פון דער סאָציאַליסטישער שטאָט, וואָס עמיל זאָלאַ האָט וועגן איר גע־טרוימט אין זיין בוך „ארבעט".

איך האָב מיך געפילט געטרייסט פאַר דעם אנגסט, וואָס איך האָב צוגעזען אין „סאָבעז" און אין די גאַסן, וואו מען שטויסט זיך נאָך אָן אויף די שפּורן פון דער מלחמה, פון בירגער־קריג און פּאָגראָ־מען. וואָס גייט אונדז אָן די אונטערגייענדיקע עלטער, ווען די יוגנט קומט אויף אַזוי שיין!

51

ס'איז זונטיק און איך בין היינט חבר סודארסקיס גאַסט. נאָך אין כארקאָוו האָט ער מיך געבעטן איך זאָל זיין ביי אים אין אדעס, וואו ער קלייבט זיך פאַרברענגען זיין אורלויב אויף אַ דאַטשע אין לוסטדאָרף. איך טרעף אים אין נעגליזשע, דאַטשעמעסיק. ער זיצט ביי אַן אָפענעם פענצטער און שרייבט. אַן אַנטירעליגיעזע בראשור שרייבט ער.

— אַט אַזוי רוט איר דאָס אָפּ? — ווארף איך אים פאָר — איר שלאָגט זיך מיטן רבונו של עולם!

— ס'איז אַ גאַנץ אַנגענעמע ארבעט — ענטפערט מיר דער חבר סודארסקי — נאָכדעם ווי מען שלאָגט זיך אַ גאַנץ יאָר מיט די יקאָ און דזשוינט־אַגענטן. חבר סודארסקי, ווי באַקאַנט, איז סעקרעטאַר פונעם כארקאָווער קאָמערד, און ער דערציילט מיר טאַקע, וואָס פאַר אַ קאַמף אים איז אויסגעקומען צו פירן מיט די דערמאָנטע הילפס־געזעלשאַפטן. איך האָב שוין אַגב וועגן דעם דערמאָנט.

ער וויל וויסן וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן פאַר אַ מיינונג וועגן דער קאָלאָניזאַציע, נאָכדעם ווי איך האָב באַזוכט זאַפּאַראָזשיע, טשאַנגאַר, קרים און אָדעסטשינע.

— איר ווילט אויף איין פוס, — פרעג איך אים — אָדער באַריכות? די פראַגע שטעל איך, מחמת איך האָב מיך שוין אַ פּאָר מאָל געפונען אין אַ זייער נישט אנגענעמער לאַגע, בעת איך האָב גענומען אויסלייגן מיין קוק אויף דער קאָלאָניזאַציע און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דעם פרעגער ליגט דאָס אין דער לינקער פּאה.

חבר סודאַרסקי וויל גראָד איך זאָל אים איבערגעבן מיין איינדרוק באַריכות און מיט דעם שמועס האָבן מיר פאַרבראַכט ביים מיטיק און ביים באָדן זיך און שיפנדיק זיך אויפן ים, ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַפילו דעמאָלט ווען דער „לאָדאָטשניק" אונדזערער האָט געזונגען אין דער נאַכט אַריין אויף דעם אויסגעצויגענעם וואַסער אַ מעכטיק רוסיש ים־ליד. איך האָב איינגנטלעך אין דעם שמועס פאַר זיך אַליין אויפגעשטעלט דאָס אַלגעמיינע בילד פון דער גרויסער אַרבעט, דעם באַדייט אירן פאַר דעם סאָציאַלן איבערבוי פון די אידישע מאַסן און די שייכות אירע מיט דעם אַלגעמיינעם סאָציאַליסטישן בוי אינעם ראַטנפאַרבאַנד; די באַדייטונג פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, וואָס שרעקט אָפּ אייניקע שוין באַזעצטע און איינגעפונדעוועטע און שאַפט די מעגלעכקייט פאַר דער באַזעצונג פון אַלץ נייע און נייע דעקלאַסירטע, וואָס ווערן פון אָנהויב צוגעוואוינט צו די נייע פאָרמען פון אַרבעט, צו די קאָלעקטיווע פאָרמען. מיר איז אויך קלאָר געוואָרן וואָס פאַר אַ גרויסע באַדייטונג עס וואָלט געהאַט פאַר דעם דערפאָלג פון דער קאָלאָניזאַציע אַ גרעסערע אידישע קולטור־אַרבעט אין די נייע ישובים, מער אַכטונג אויף סאַניטאַרער באַדינונג, און וועלכער עס נויטיקן זיך שטעטלשע מענטשן און עס איז מיר אַפילו איינגעפאַלן איך זאָל פאַרשלאָגן דעם „פּראָקאָר" ער זאָל אָפּגעבן זיין הויפּט־אינטערעס דער הילף פאַר קולטורעלער און סאַניטאַרער באַדינונג אין די נייע אידישע ישובים. איך בין שוין געווען דעמאָלט אויסער דער ערשטער סטאַדיע פון באַגייסטערטקייט מיט דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין אַזאַ קורצער צייט און האָב מיך געקענט ניכטער פונאַנדערקלייבן אין דער לאַגע פון די ישובים און אין זייערע פּערספּעקטיוון.

חבר סודאַרסקי האָט מסכים געווען מיט מיינע מיינונגען, ער איז צופרידן געווען וואָס איך האָב אַזוי ברייט און אָביעקטיוו געזען פאַר זיך די אַרבעט. פאַר דעם וואָס גיט אַוועק דער אַרבעט זיין גאַנצן אינטערעס, איז עס אַ גרויס באַפרידיקונג, ווען ער הערט אַזאַ אָפּשאַצונג פון אַ גאַסט. דער חבר סודאַרסקי דערציילט אייניקע אַנעקדאָטן וועגן געסט, וואָס זיינען געקומען אין די נייע אידישע דערפער זוכן שטעטלשע אידיליע, נישט פאַרשטייענדיק, אַז די שטעטלשע אידיליע פון שבת קודש און כשר־אידישקייט פאַרשווינדט צוזאַמען מיט דעם שטעטל.

דעם צווייטן טאָג איז מיר ווידער אויסגעקומען צו זיין אויף אַ דאַטשע. דאָס מאָל ביי אַ שטיקל קרוב, אַ קוסטאַר, וואָס האָט גע־פראַוועט דעם געבורטסטאָג פון זיינס אַ טעכטערל און דאָ האָב איך שוין גאָר אַנדערש פאַרבראַכט.

געזעסן זיינען מיר אין הויף ביי שיין געדעקטע טישן, מיט היי־מישע מאכלים און משקאות, מיט ביר און מיט וויין, אַ צענדליג איינ־געלאַדענע. אַ מוזיק־לערער מיט זיין פרוי; אַ געוועזנער אַפּטייקער, וואָס איז היינט אַן אָנגעשטעלטער, ער און זיין פרוי; אַ „סלוזשאַש־טשע" אין אַ קאָאָפּעראַטיווע, וועלכער איז געקומען אַביסל אויסגע־טרונקען, צוויי פרויען פון רייכע דייטשע קאָלאָניסטן און היימישע קרובים.

דער עולם איז לוסטיק.

— גאָספּאָדאַ! — ווענדט זיך איינער פון די בייזיצנדיקע — לאָמיר טרינקען...

— פע! — רופט זיך אָפּ דעם אַפּטייקערס פרוי, — אויפן צוועלפטן יאָר נאָך דער רעוואָלוציע — גאָספּאָדאַ!... זאָגט כאָטש „גראַזשדאַניע" (בירגער)!

— איז „גראַזשדאַניע" — פאַריכט זיך דער זעלבער — לאָמיר טרינקען פאַר... בוכאַרינען... איר האָט געלייענט? אין „פּראַוודאַ" איז היינט דאָ, אַז מען האָט בוכאַרינען אויסגעשלאָסן... בוכאַרין, וואָס פאַנימאַיו! (בוכאַרין, אָט דאָס פאַרשטיי איך!) אָן נאָש! (ער איז אַן אונדזעריקער!).

— וואָלט בוכארין געהערט, אַז ער איז אייערער, וואָלט ער זיכער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין „פּראַווי אוקלאָן" (רעכטער אָפּנויג) — רופט זיך אָפּ דער מוזיקער, נישט אַזוי ווייל ער נעמט זיך אָן פאַר בוכאַרינען, ווי ער וויל אַ שטאָך טון דעם „סלוזשאַשטשי". פון וועלכן ער האַלט זיך אַ סך העכער — זאָגט מיר, אַבעטעך, וואו האָט איר דאָס פאַרזוכט אַזוי געשמאַק? איר ווייסט שוין מסתמא וואו מען קען קריגן... זעט איר, בירגער, אָט דאָס קריגט מען אין אַדעס, גייט אָבער זוכט די פּאַרטיטורע פון „פידעליאָ" אין אָן אַדעסער נאָטן־קראָם, צי איר וועט קריגן? מען וועט אייך הייסן וואַרטן, קומען אַ צווייטן מאָל, מען וועט דאָס אויסשרייבן פון אייערטוועגן... אָט אַ פּאָקסטראָט דאָס קענט איר קריגן! ס'איז פּאָלקס־מוזיק, זאָגן זיי...

— און אַ גוטן טשעסוטשאַ קענט איר דען באַקומען? — וואַרפט אַריין איר וואָרט דעם אַפּטייקערס ווייב, — איר זעט אָט דעם טשעסוטשאַ? — ווייזט זי אויפן מאַנס רעקל, וואָס ליגט אויף אים אויסגעפּרעסט און ער אַליין מיט זיינע דאַרע פינגער ווי ביי אַ פלינקן קאָרטן־שפּילער, האַלט שוין אַ פּעשטל קאָרטן און לאָזט דעם ווייב נישט פאַרענדיקן:

— איר שפּילט אַ פּאָקער?

— אַ פּשוט אָקעלע — ענטפערט אים דער „סלוזשאַשטשי" און מען ראַמט שוין אָפּ דעם טיש.

ווען דער באַלעבאָס האָט מיך אַרויסבאַגלייט, האָט ער זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט. אייך איז אוודאי נישט אַנגענעם געווען די געזעלשאַפט...

— פאַרקערט — ענטפער איך אים, — איך וועל ברענגען אַ גרוס פאַר אידן אין אַרגענטינע, אַז אין רוסלאַנד איז נאָך אַ וועלט, מען נעמט אַ שנעפּסל און מען מאַכט אַ קערטל און פאַראַן „סלוזשאַשטשים" און פעדאַנטן מוזיק־לעו'ער, וואָס גייען אַרום איבער די נאָטן־געשעפטן זיכן די פּאַרטיטורע פון „פידעליאָ" און דערציילן דאָס, כדי מען זאָל וויסן, אַז זיי זיינען נישט אַבי ווער.

— איר ווייסט נישט? — פאַרענטפערט ער זיך ווייטער — שכנים!...

צוריקפארנדיק ארום צען אין אוונט פון דער דאטשע אין שטאט אריין, בין איך פארבייגעפארן דעם זומער־לאגער פון די רויט־ארמייער. עס האט זיך געטראגן פון דארט א ווייטלעך באר־געזאנג: „פא מאר־ריאם, פא מאריאם, ניגטשע טוט, זאווטרא טאם"... (איבער ימים, איבער ימים, היינט דא, מארגן דארט...).

איך הער דאס ליד וואס זינגט פון נצחון און פארמעסטונג און טראכט מיר: און דא זיינען נאך פאראן אזוינע ווינקעלעך נישט באַ־רירטע נאך פונעם גרויסן נצחון, ווינקעלעך, וואו צוועלף יאר נאך דער סאציאלער רעוואלוציע, מאכן „גאספאדא" א קערטל, כמקדם, און אזוי זיכער, אז אפילו בוכארינען נעמען זיי אריין צו זיך אין קאן... נאך דער סאציאלער רעוואלוציע, איז ערשט אפנים נויטיק א קולטור־רע־וואלוציע.

און אפשר האב איך א טעות? אפשר איז שוין די קולטור־רע־וואלוציע געמאכט, צוזאמען מיט דער סאציאלער, נאר זי האט נישט דעם זעלבן צווינגנדיקן כוח, וואס די סאציאלע רעוואלוציע און עס איז שוין באשערט דעם פריערדיקן קולטור־דור צו שטארבן ביי דעם שנעפסל און ביים קערטל...

ווי דאס איז, איז מיר נישט גאר פריילעך געווען יענעם אוונט. איך האב מיר דערויף נישט געריכט און עס איז דאך א שאד. די לייט זיינען נאך גארנישט אזוי אלט, אז מען זאל זיך פון זיי דארפן מיאש זיין...

52

דער „אדמינאטדיעל" ציט אלץ מיט דער דערלויבעניש צו פאר־לענגערן מיין וואוינרעכט, האלט ביי זיך מיין פאספארט און מיך אין אדעס. פון איין זייט טוט עס מיר הנאה. נאך א טאג אין אדעס, איז נאך באקאנטשאפטן, נאך בילדער פון נייעם שטייגער, נאך איינדרוקן, וואס ניבן דיר צו וויסן, אז דו געפינסט זיך אין א לאנד נישט ווי אלע לענדער; א לאנד, וואו מען בויט און מען בויט איבער מיט אזא אימפעט און אנטשלאסנקייט און דאך איז מען אין שטענדיקן געפאר איבערגעפאלן צו ווערן און מען קוקט זיך אום אויף הינטן,

אָט איז היינט אַ קאָנצענטראַציע פון אַדעסער מיליטערישן כוח: רויטע אַרמייער פון אַלע געווערן צוזאַמען מיט די רעזערווע און מיט דעם קאָמסאָמאָל, מאַרשירן פון זייערע קאָנצענטראַציע־פּונקטן צום אַל־געמיינעם פּונקט אין לוזאַנאָווקע, וואו זיי וועלן איבערנעכטיקן די נאַכט. אין די רייען זעט איר מיידלעך, קאָמסאָמאָלקעס, אין קאַקי־רעק־לעך מיט רימענס געשנורעוועט, מיט די ביקסן אויף די אַקסלען, די באַקן פאַרפלאַמטע, שפּראַצן מיט יוגנט און אַנטשלאָסנקייט. די טראַמ־ווייען וואָס גייען צו לוזאַנאָווקע זיינען פול. אַדעס פאָרט אַהין. צו אָט דעם פליאַזש, צו זען די גראַנדיעזע קאָנצענטראַציע. איך כאַפּ מיך אַרויף אויף אַ טראַמוויי. מיר יאָגן אָן אַלע נייע מחנות, וועלכע גייען מיט אַ געזאַנג: פּאַ מאָריאַם, פּאַ מאָריאַם, נינטשע טוט, זאַווטראַ טאַם...

ווען מיר קומען אָן, איז שוין דער פּלאַץ אַרום אַ מענטשן־ים. און ווי ברייט וועט אָט דער מענטשן־ים זיך פונאַנדערשפּרייטן! עס קומען אָן אַלץ נייע מחנות. עס קומען אָן אַלץ נייע טראַמווייען גע־פּאַקטע מיט מענטשן! די טראַמווייען, וואָס קומען אָן גייען צוריק ליידיקע. קיינער פאָרט נישט צוריק. דער עולם איז ווי צוגעשמידט צום אָרט. איך בין, דוכט זיך, דער איינציקער וואָס פאָר צוריק. איך פאָר איינער אַליין אין טראַמוויי. איינער אַליין, מחמת די פרוי ביים מאָ־טאָר און די פרוי מיטן בילעטן־קעסטל, האָב איך דעם איינדרוק, זיינען נאָר אויף אַ ווײַלע צוריקגעפאָרן, זיי זיינען אַ טייל פון דער גרויסער קאָנצענטראַציע, וואָס רוישט דאָרט הינטער מיר, ווי אַ צעשטורעמ־טער ים, לעבן דעם רואיקן פליאַזש.

און וואָס פאָר איך צוריק? אין שטאָט דערוואַרט מיך אַ נייער ספּעקטאַקל. זייט אַ פּאָר טעג האָבן די צייטונגען געהאַלטן אויפמערק־זאַם די באַפעלקערונג אויף דער פּראָבע, וואָס ווערט געמאַכט דעם אָוונט, פון 7 ביז 8 מיט דער פאַרהיטונג פון שטיקנדיקע גאַזן. אין דער באַשטימטער שעה, מיט אַן איבערייס פון עטלעכע מינוט פון איינמאָל צום צווייטן, כאַפּט דער מיליציאָנער אויף זיין פּאָסטן אַ שטיק אייזן און נעמט מיט אים קלאַפּן אינעם לאַמטערן־סלופּ, עס נעמען פייפן די סירענעס פון אַלע פאַבריקן, פון אַלע שיפן, אַ וואָרענונג

צו דער באַפעלקערונג, אַז דעם שונאס גאַז דערנענטערן זיך און מען זאָל אָנטון די גאַז-מאַסקעס.

— אדעס — קאָמענטירט דער עולם בעת דעם מאָדנעם ספּעקטאַקל, וואָס וועקט אַ געוויסן אומרו — אדעס איז אויפן ערשטן פייער, טאָמער מאַכט זיך עפּעס. און עס גייט אַוועק אַ שמועס וועגן דער אַלוועלטלעכער פּאָליטיק און וועגן דער סטראַטעגיק: פּוילן האָט שוין געזען, וואָס מען קען מיט איר מאַכן, ווען זי גיט זיך נאָר אַ ריר אויף אונדז... די ווייסע רעאַקציע וועט זיך דעריבער רוקן אויף אונדז דורך רומעניע, כדי פּוילן זאָל קענען קריכן קיין ביעלאָרוסיע... די פּאָליאַקן וועלן מסתמא פּרוּוון זיך אַריינרייסן צו אונדז דורך וואָלין... מיר האָט אַ פּאָליטאינסטרוקטאָר געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זיי?... ביי אונדז אַ רויטאַרמייער איז אַ „סאָזנאַטעלנע", אַ פּאָליטיש־באַוואוסטזיניקער, ביי אונדז אַ רויטאַרמייער מאַכט סטראַטעגישע אויפגאַבן, אַז עס פעלט אויס אַן אָפיציר, קען ער איבערנעמען די קאָמאַנדע. ביי זיי איז נאָך אַזוי ווי ביי אונדז איז אַמאָל געווען אין דער צאַרישער אַרמיי, אַ סאָלדאַט איז אַ שטיק פלייש...

וואָס־זשע, איר מיינט זיי האָבן נישט קיין פּאָליטאינסטרוקטאָרן? די פּע־פּע־עס האָבן אַן אָפּמאַך מיט פּילסודסקין, אַז בשעת אַ מלחמה קעגן אונדז, ווערן זיי די פּאָליטאינסטרוקטאָרן פון דער פּוילישער אַרמיי. זיי וועלן גיין אויף דער פּראָלעטאַרישער מלוכה אין נאָמען פון סאָציאַליזם... כאַ־כאַ־כאַ! וואָט טיעביע פּע-פּע־עס!

— און די פּוילישע קאָמוניסטן זיינען שוין גאָרנישט? איר האָט געלייענט פון דער פּוילישער דעלעגאַציע, וואָס איז געקומען אַהער?... אַלע זיינען זיי אומפּאַרטייאישע. נאָר איר מעגט לייענען. די פּוילישע אַרבעטער און פּויערים גיבן אָפּ זייערע שטימען פאַר די קאָמוניסטן. ביז פּילסודסקי מיט זיינע סאָציאַליסטן וועלן זיך רירן, וועט שוין אין פּוילן זיין סאָוועטן...

דער שמועס קומט פאַר צווישן איין מאָל קלאַפּן און פייפן און צווייטן און, ווי עס זעט אויס, כדי אויך, דער אויסלענדער מיטן קאַפּעלוש און מיטן אַנצוג פון ענגלישן שטאָף, זאָל דאָס הערן. איך זע עס פון די בליקן, וואָס ווערן דערביי געווענדט אויף מיר.

אדאנק מיין פארהאלטן זיך אין אדעס, האב איך דא באזוכט די שיף „טאוואַרישטש", וואס איז געקומען אהער פון וואנדערן איבער ימים. פון די יאטן, וואס זיינען געווען מיט דער שיף אין בוענאס איירעס, האב איך קיינעם נישט געטראפן, אבער וויסן ווייסן די יאטן, אז זייער שיף איז אין בוענאס איירעס אויפגענומען געווארן מיט א סך סימפאטיע און עס האט זיי הנאה געטון, וואס א בוענאס איירעסער חבר באזוכט זיי.

אדאנק דעם האב איך אויך באזוכט די דערעפענונג פונעם אל-פארבאנדישן שאך־טורניר, וואס איז פארגעקומען אין אדעס און צו־געזען עטלעכע שאך־פארטיעס פון דעם טורניר. דער דאזיקער טורניר איז גאר אנדערש ארגאניזירט ווי אין די אייראפעאישע באד־פלעצער. עס האבן אנטיילגענומען אין דעם טורניר די גרעסטע רוסישע מייס־טער, מיט דעם אויסנאם פון באגאליובאוו, וועלכער האט זיך נישט געוואלט אונטערווארפן די באדינגונגען און איז דעריבער אויסגעשלאסן געווארן פון דער רוסישער שאך-געזעלשאפט. עס האט אנטיילגענומען ווערלינסקי, דער באזיגער פון קאפאבלאנקא בעת דעם מאסקווער מייס־טער־טורניר, באטוויניק, פאנין, כארלאמאוו, ליליענטאל, ווילנער, קאן, אידין, ביילין און אנדערע בארימטע מייסטער, שפילער; אבער נישט אלס אינדיווידועלע; זיי זיינען אויסגעטיילט געווארן אלס פארטרעטער פון די קלובן אין די ראטן־רעפובליקן, וואס האבן אינעם טורניר אנטיילגענומען. עס זיינען פארטראטן געווען: גרויס־רוסלאנד, אוקראינע, ווייס־רוסלאנד, אוזבעקיסטאן און קאווקאז. א חוץ דער פאר־טרעטערשאפט פון די מייסטער, זיינען אויך פארטראטן געווען גרופעס, צוזאמענגעשטעלט פון די קלובן אין יעדער איינער פון די רעפובליקן.

ביי דער דערעפענונג, וועלכע איז פארגעקומען אין זאל פון „פארט־קאם", האט איינער פון די באגריסער אין נאמען פונעם שטאטראט, דער חבר ראזנפעלד, אויב איך האב קיין טעות נישט, א געוועזענער גאליציאנער פועלי־ציוניסט, אויסגעוויקלט אין זיין רעדע דעם צוגאנג פון דער ראטנמאכט צום שאך־שפיל: ביי אונדז — האט ער געזאגט — איז עס נישט קיין פארוויילונג פון יחידים, וואס פאטערן דערמיט זייער צייט, נאר א געזעלשאפטלעכע קולטור־ארבעט, אויף וויפל דאס וועקט

ביי די שפּילער זייער אינטעליגענץ, זייער וואַכזאַמקייט און זייער פאַר-שטעלונגס־קראַפט.

צי איז דאָס טאַקע אַזוי, צי וועקט שאַך־שפּיל די אינטעליגענץ, די וואַכזאַמקייט און די פאַרשטעלונגס־קראַפט בכלל אָדער זי וועקט די אַלע מעלות נאָר ביים שפּיל, האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ ספק איינע אַן איינצלהייט, וואָס דאַרף בכלל דינען אַלס אָביעקט פאַר פּסי־כיאַטריע. צווישן עולם בעת דער דערעפענונג האָט זיך אַרומגעדרייט איינער, וואָס האָט נישט נאָר אויסגעזען ווי אַ שוואַכזיניקער, נאָר לויט דער באַציאונג צו אים פון די אָנוועזנדיקע און פון זיין באַציאונג צו זיי, האָט מען אַנדערש נישט געקענט דענקען וועגן אים: — חיימל, ווען האָסטו חתונה? חיימל אַהער, חיימל אַהין. און חיימל האָט געביסן אַ באַר און נאַריש געשמייכלט. אויפן צווייטן טאָג האָב איך אים געזען אין זאַל פון שטאָטראַט זיצן ביים שאַך־טישל מיטן כראָנאָמעטער ביי דער זייט, אַלס איינער פון דער אָדעסער שאַך-גרופּע. מיך האָט צוגע־צויגן צו זיין טישל פּונקט ווי אַ סך אַנדערע און ער האָט בפירוש אַרויס־געוויזן מיט זיינע שאַכצוגן גרויס וואַכזאַמקייט און פאַרשטעלונגס־קראַפט, פאַר וועלכע זיין קעגנער, אַ דורכגעטריבענער מאָסקווער יאָט, האָט זיך געמוזט אונטערגעבן.

ווען איך בין נאָכדעם צוגעגאַנגען צו דער ריי טישלעך פון די מייסטער, האָבן זיי מיך שוין, דעם אמת געזאָגט נישט שטאַרק אינ־טערעסירט. איך האָב מיר דעמאָלט געטראַכט, אַז אויב צווישן די מייס־טער זיינען באמת פאַראַן מענטשן מיט אינטעליגענץ, האָבן זיי געמעגט אויסנוצן די אינטעליגענץ זייערע אויף מער פּרודוקטיווער אַרבעט.

דעם סוף פונעם טורניר האָב איך נישט דערוואַרט, מחמת סוף כּל סוף האָב איך געקריגן מיין פּאַספּאָרט אַ פאַרלענגערטן און האָב מיך באַזאָרגט מיט אַ באַן־בילעט קיין מאָסקווע.

איך זאָג באַזאָרגט, מחמת מען האָט געמוזט אויפשטיין גאַנץ פרי זיך שטעלן אין „אָטשערעד" ביי דער שטאָטישער סטאַנציע, כאָטש דער צוג קיין מאָסקווע גייט אָפּ אין אָוונט, און ערשט האָב איך גע-מוזט קויפן אַ בילעט אין אַ ווייכן וואַגאָן, מחמת אויף די האַרטע זיינען שוין די בילעטן אויספאַרקויפט געווען פון נעכטן.

איך פאַרלאָז דיך אַדעס, אַדעס מיט אירע באַלמעלאָכישע אַרבעטער, און מיט אירע קליינבירגערלעכע באַלמעלאָכעס, וואָס זיינען אויף אַזוי פיל סאָוועטיש, אויף וויפל זיי האָבן מורא פאַר אַ נייער אינוואַזיע פון די ווייסע פּאָגראָמשטשיקעס; אַדעס, וואָס וואַרט אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אַריבער דעם דניעסטער, כּדי צו קענען צוריק ווערן די גרויסע האַפן־שטאָט, וואָס זי איז געווען, די גרויסע סאָוועטישע האַפן־שטאָט.

53

מיט מיר אין קופּע פאָרן נאָך דריי פּאַסאַזשירן. פון אָנהויב איז מען פרעמד. יעדער איז פאַרנומען מיט זיך. די בלומען, רויטע, ראָזעווע, און ווייסע נעלקען, וואָס איך האָב באַצירט מיט זיי דאָס פענצטער, האַלטן פריש די געזעגנונגס-סצענע ביי דער באַן, קושן, אומאַרמונגען, איינגעהאַלטענע טרערן און געמאַכטע מונטערקייט פון איינענע, וואָס זיינען פאַר דער צייט נאָך אייגענער, נאָך נעענטער געוואָרן, פון פריינט און חברים, זייער נאָענט געוואָרענע פאַר דער קורצער צייט פון קאָנטשאַפט.

די שטילקייט רייסט איבער מיין שכן פון קעגנאיבער, וואָס פירט מיט זיך מער קלומקעס און פּעקלעך ווי מיר אַלע צוזאַמען. ער איז אַ מאָסקווער קוסטאַר, זיין ווייב נייט הויזן און ער פאַרקויפט זיי אויף סוכאַרעווקע (אַ מאָסקווער מאַרק). אין אַדעס האָט ער איינגעהאַנדלט זאַכן, וואָס אין מאָסקווע געפינט מען זיי נישט: פּראָבקע־האָלץ. ער פירט עס ווי אַ טייערע מציאה און נאָך אַזעלכע מציאות. דערביי האָט ער שוין איינגעהאַנדלט אַ געניצעוועטן פּאַלטאָ אויף פוקסענעם פוטער מיט אַ באַראַשקענעם קאָלנער. ער רויכערט איין ציגאַרעט נאָכן צווייטן און דער קופּע איז פול מיט רויך, וואָלט ער געוואָלט עפענען דאָס פענצטער. מיינע בלומען שטערן אים דאָס צו טון. אָבער בלומען! ער האָט דרך־ארץ פאַר זיי און אויך צו מיר, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע צאָל באַגלייטער, מיט אַזאַ האַרציקייט און וואַרימקייט, מיט קושן און מיט בלומען, קען ער זיך נישט ווענדן אַזוי גלייך, ווי ער

וואלט זיך געווענדט צו אן אנדערן: „בירגער, זייט אזוי גוט, נעמט אוועק די בלומען, מען דארף עפענען דאס פענצטער"... ער הויבט אן דערפון, וואס ער איז מיך מקנא פאר דער שיינער באגלייטונג, וואס איך האב געהאט:

— מסתמא א גאסט געווען און מסתמא פון ווייט... איר זענט א שרייבער? איר זעט, איך האב געטראפן... איך האב די גאנצע צייט געקוקט דורכן פענצטער און זיך צוגעהערט... איך האט געזאגט יענעם בלאנדן יונגערמאנטשיק ער זאל שרייבן, נאר ער זאל דערציילן פון דאס גרויסע וואס ווערט געטון און נישט פון די קלייניקייטן, פון די פעלערן. און אז ס'איז הוילע פעלערן, פרעג איך אייך? אט בין איך א קוסטאר, איך האב מיך אויסגעלערנט נייען הויזן, ס'הייסט נישט א י ך ניי, נאר מיין ווייב נייט און איך פארקויף זיי אויפן מארק, אויף סוכארעווקע, אויפן ארבאט, אויפן סמאלענסקע, וואו עס מאכט זיך: בין איך דאך א קוסטאר און נאך פון דער ערשטער קאטעגאריע, מחמת איך צאל נישט קיין פאטענט, איך היים אן אינוואליד, איך רעד מיט בודיאנען אזוי ווי מיט אייך, און טאקע ווען נישט בודיאנע, וואלט מען ביי מיר צוגענומען מיין ביסל הויזן; יא, איז מיינט איר, אז דער מיליציאנער האט ביי מיר נישט צוגענומען די סחורה און ס'איז מיר אנגעקומען מיט גרינגע ווערים איידער איך האב זיי ארויסבאקומען?...

ער פארהוסט זיך און בעט ערשט איצט מען זאל אים דערלויבן עפענען דאס פענצטער. ער רויכערט זייער א סך, נאר אז נישט מעג ער רויכערן... דאס איז אים פארבליבן פון דער מלחמה... אזא משוגענער, פאר דער מלחמה איז ער געווען אין לעמבערג ביי זיינער א מומע, האט שוין גערעדט דייטש ווי א וואסער און געפירט געשעפטן, געגאנגען אנגעטאן ווי א גראף, א דייטשקע האט זיך אין אים פארליבט און ער איז שוין אפילו געווען מיט איר אין פאריז: פארלע וואו פראנסע?... נעם איך, משוגענער, און פאר אהיים, וואס איז, פון מיינע עלטערן איז געבליבן א שטוב אין זשמערינקע... א שטוב, א חורבה, נישט די ווערט געהאט קיין צעבראכענעם גראשן, נאר איר ווייסט נישט, ירושה... איך האב דארט געהאט א ברודער, פארוואס זשע זאל די ירושה צונעמען דער ברודער?... איז פון דער מלחמה האב איך זיך ווי עס איז אויסגעדרייט, געדרייט, געהאנדלט: נאר ביי די פאגראמען, מיט פעט־

ליורען, דאָ, האָב איך שוין נישט געקענט בלייבן אַזוי... זיינען מיר גע־פאָרן אַ פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד מיט אַ פּאַיעזד קיין בירזולע. פּלוצים הערן מיר אַז אין וואַפּגיאַרקע שלאָגט מען זיך... אָך, האָבן מיר דע־מאָלט געאַרבעט!... מיר האָבן מיט זיך געהאַט פּוליעמיאָטן (מאַשין־ביקסן), איי, האָבן מיר געשניטן!... דעמאָלט טאַקע האָב איך באַקומען מיין קראַנקהייט. מען האָט מיר געוואָלט „נאַזנאַטשען" אַ פּענסיע, האָב איך נישט געוואָלט, בעסער זאָג איך, גיט מיר אַ דערלויבעניש צו פאָרן האַנדלען, איך וועל פּאַרקויפן מיין אַרבעט אויפן מאַרק... מיין אַרבעט!... ס'רעדט זיך אַזוי, מיין ווייבס אַרבעט, וואָרום איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט ווי מען קריכט אַריין אין אַ פּאָר הויזן... איז וואָס זאָגט איר, מעג מען ביי מיר צונעמען די סחורה אויפן מאַרק?...

— איך קען אייך נישט — מישט זיך שוין אַריין אויף רוסיש דער צווייטער שכן, אַ שיינער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק, — נאָר ס'איז אינטערעסאַנט וויפל פּאָר הויזן טראָגט איר אַרום צו פּאַרקויפן אויף כּכאַרעווקע. איר ווייסט פאַרוואָס איך פרעג אים? — ווענדעט ער זיך צו מיר. — אַזעלכע „קוסטאַרן" זיינען פאַראַן אַן אַ שיר. פאַרשריבן זיינען זיי פאַר קוסטאַרן און אין דער אמתן זיינען זיי פשוטע „ראַז־נאָסטשיקעס" (הויזירער), וואָס נעמען פאַרטיקע סחורה ביי „גע־שעפטסלייט" צום פאַרקויפן אויפן מאַרק. פאַראַן געשעפטסלייט וואָס קריגן שוין שטאָף, טאַקע דורך קוסטאַרן, וואָס נעמען קלוימערשט אַרויס פון דער קאָאָפּעראַטיווע דעם שטאָף פאַר זיך. דער שטאָף ווערט גע־געבן אויף אַהיים צו פרויען און די פאַרטיקע סחורה ווערט געגעבן די „ראַזנאָסטשיקעס", וועלכע גיבן זיך אָן פאַר קוסטאַרן, וואָס פאַרקויפן אייגענע אויסאַרבעטונג...

— איך האָב מורא — רופט זיך אָן דער „קוסטאַר", — אַז איר אַליין זענט אַזאַ געשעפטסמאַן.

— וואָס איך בין — רופט זיך יענער אָן — דאַרף איך אייך נישט זאָגן, נאָר מיר קענען אַ סך אַזעלכע.

אָנשטאָט צו ענטפערן, הייבט דער „קוסטאַר" ווידער אָן דער־ציילן ווי אַזוי ער איז געקומען צו בודיאָנען צו זיך קלאָגן, ער האָט מיט זיך געהאַט אַ בריוו צו אים פון זיינעם אַ קאָמאַנדיר. דער בריוו איז ביי אים געליגן די גאַנצע צייט און ער האָט אים נישט געלייענט

אַפּילו. דער קאָמאַנדיר האָט אים דעמאָלט געזאָגט: נאַ דיר, טאָמער וועסטו עפּעס באַדאַרפֿן, קענסטו גלייך גיין צו בודיאָנען און אים זאָגן: איך האָב אַ גרוס צו אייך, טאָוואַרישטש בודיאָני, פֿון מאַקאַר איוואַנאָוויטשן. אַז ער איז אַרויפֿגעקומען צו בודיאָנען, האָט ער אים טאַקע אַזוי געזאָגט. זאָלט איר געוועזן זען וויאַזוי ער האָט אים אַרומגענומען: גאָלובטשיק, ליובימיעץ, אַט מאַקאַראַ איוואַנאָוויטשאַ?! ער האָט אים שיר געכאַפּט קושן. אַזוי און אַזוי, זאָג איך, טאָוואַרישטש בודיאָני, איך בין אַ קוסטאַר און פֿאַרקויף מיין אייגענע אויסאַרבעטונג אויף סוכאַרעווקע, פּלוצים האָט די מיליץ צוגענומען ביי מיר די סחורה און איך קען זיך נישט דערשלאָגן צו גערעכטיקייט, אומעטום זאָגט מען: „מיר קענען אייך"‥ איי, חברל, שיק צו, גיב אַ קוק, ווי אַזוי מיין ווייב זיצט באַטאָג און איך זיץ באַנאַכט און מיר נייען די הויזן; ניין, דאָס ווילן זיי נישט; וואו נעם איך סחורה, זאָל איך זיי זאָגן, ווי אַזוי פֿאַרקויף איך הויזן אויפֿן טוץ די קרעמער, וואָס קומען פֿון דער פּראָווינץ? אמת, ס'איז דאָ אַזעלכע, און גראָד אַזעלכער גייט צו צום מיליציאָנער און ווייזט אָן אויף מיר. יענער ווייזט אָן אויף מיר, מיינט דער מיליציאָנער אַז יענער איז כשר; איי איך בין אַן אָרנטלעכער מענטש און ווייז נישט אָן אויף יענעם, איך בין נישט קיין מסור, זאָל אַ איד האָבן פּרנסה... ביטער דעם געמיינעם...

אַז דער אַנדערער קוקט אויף אים מיט נישט גלויבן, הויבט ער אָן פֿון אַן אַנדער זייט:

— און איר מיינט אַפֿנים, אַז איך בין עפּעס אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער? אַז איך בין אַלט געוועזן צען יאָר, האָב איך שוין געכאַפּט קלעפּ פֿונעם אַלטן קאַנעלסקין אין אַדעס, קאַנעלסקי פֿון דער גילזן־פֿאַבריקע, איך בין אַריין אַהין פֿאַר אַ לערנאינגל, דער אַלטער, קאַנעלסקיס פֿאָטער, פֿלעגט מיר דערגיין די יאָרן, פֿלעגט מיך שיקן מיט אַ פּאַק גילזן־שאַכטלען, העכער פֿון מיר. בין איך אַמאָל געגאַנגען אַזוי אין אַ פֿראָסט, אַז ס'האָט געברענט און אין די פֿינגער איז מיר אַזש פֿאַרגאַנגען „זאַשפּערעס", האָב איך אַראָפּגעלאָזט די שאַכטלען, איז ער געגאַנגען הינטער מיר, דער אַלטער כלב און אין מיטן גאַס מיר אָפּגעלאָזט אַ פּאַטש, אַז איך געדענק אים נאָך איצט. איך בין דעמאָלט

אַנטלאָפֿן אין אַ קלייט, האָב איך געראַפּט ניאַנטשען די קינדער און טראָגן די פּאַמוויניצעס...

— איך בין גראָד נישט קיין אַרבעטער — זאָגט יענער — מיין טאַטע איז געווען אַ רייכער סוחר אין מאָסקווע. איך האָב געלערנט אין גימנאַזיע, שוין אַפילו אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט, ווער האָט דעמאָלט געזען אַ אידן אין מאָסקווע? אָט איך קען אַפילו קיין אידיש נישט, איך פאַרשטיי נאָר עטלעכע ווערטער פון דעם וואָס די אַלטע פלעגן ריידן צווישן זיך אין אידיש, אַז מיר זאָלן נישט פאַרשטיין. איצט איז מאָסקווע פול מיט אַזעלכע סוחרים ווי איר...

— איר זענט אַן אַנטיסעמיט, אָט וואָס, אַ איד אַן אַנטיסעמיט...

דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק האָט זיך גראָד נישט באַליידיקט, נאָר צו מיר גיט ער אַ וואונק, אַז יענער איז נישט ביי די געדאַנקען. און ווען דער „קוסטאַר", וואָס פאַרקויפט הויזן אויף סוכאַרעווקע און פירט מציאות פון אדעס, איז אויף אַ ווײַלע אַרויסגעגאַנגען, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ סטאַנציע, זאָגט ער דאָס מיר. זיין קראַנקהייט, זאָגט ער מיר, איז נישט פון קיין פאַרקילונג אויף דער מלחמה; פריער, איידער איך בין אריינגעקומען, האָט ער אַרויסגענומען פּאַפּירלעך פון דער קעשענע, האָט ער באַמערקט ביי אים אַ רעצעפּט קעגן אַ מיאוסער קראַנקהייט; די קראַנקהייט האָט אים שוין, אַפּנים, צוגעשלאָגן צום קאָפּ... איר האָט באַמערקט — זאָגט ער מיר — ווי ער כאַפּט זיך אַלעמאָל פון הינטן ביים קאָפּ?... איר מעגט זיין פאַר־זיכטיק ווען ער הוסט און שפייט...

דער פּאַרטיזאַן־אינוואַליד און קוסטאַר־הענדלער איז דערווייל צו־ריקגעקומען באַלאָדן מיט עפּל, אין די קעשענעס און פּאַר זיך אין די אָרעמס אַרומגענומען ביים האַרצן. ער האָט געהאַנדלט אַ מציאה. אין מאָסקווע וועט איר פּאַר זיי דאַרפן צאָלן 5 קאָפּיקעס אַ שטיק און דאָ האָט ער געקויפט 3 פּאַר 5 קאָפּיקעס. ער וואָלט זיי געקענט קויפן נאָך ביליקער, ווען ער האָט נישט מורא אַז דער פּאָיעזד זאָל רירן. ער איז אונדז מכבד. נאָך דער אָנמערקונג וועגן אים פון דעם מאָסקווער געווע־זענעם סטודענט, גלוסט זיך נישט נעמען דעם כיבוד, נאָר באַליידיקן גלוסט זיך נישט. דער געוועזענער סטודענט דערמאָנט זיך ווי אַזוי ער איז אַמאָל נאָכגעלאָפן דעם צוג מיט אַ קלומעקל אויף די פּלייצעס. אי־

נעם הונגער-יאָר איז עס געווען. מען פלעגט זיך דעמאָלט אַוועקלאָזן פון מאָסקווע אין דער וועלט אַריין איינהאַנדלען אַביסל מעל אויף ברויט, האָט ער אָנגעשפּאַרט דעמאָלט טאַקע אין די מקומות, אין פאָדאָליע, דאָ איז געווען. און איר מיינט ער האָט זיך נישט אַרויפגעכאַפּט! אמת, די באַנען זיינען דעמאָלט נישט געלאָפן אַזוי ווי איצט, ערגעץ איז שטענדיק קאַליע געווען און אפשר האָט דער מאַשיניסט ספּעציעל געפירט אַזוי לאַנגזאַם, כדי ער זאָל זיך קענען אַרויפכאַפּן... ווייט אַרויס פון די סטאַנציעס ביי דער לענג פון דער ליניע, פלעגן דעמאָלט שטיין אַזעלכע סוחרים ווי ער, מיט די קלומקעס מעל אָדער זאַלץ און זיך אַרויפכאַפּן...

אונדזער פּערטער שכן, וועלכער איז די גאַנצע צייט נישט געווען, איז אַריינגעקומען נעמען זיינע זאַכן, ביי דער קומענדיקער סטאַנציע שטייגט ער אָפּ. ס'איז אַ רויטאַרמייער. די גאַנצע צייט איז ער געווען אין אַ צווייטן קופּע, וואו עס פאָרט אַ שיין מיידל.

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, רופט זיך אָן צו מיר דער געוועזענער סטודענט:

— וואָס זאָגט איר? אין צאַרס צייטן, האָט אויך געקענט אַ פּראָסטער סאָלדאַט פאָרן אין אַ קופּע פון צווייטן קלאַס?... הערט, איך היים דאָך אַ פאַרשפּילטער, קיין קאַריערע קען איך נישט מאַכן און וואָס איז היינט אַ קאַריערע? — אַ דאָקטער, אַן אַדוואָקאַט, פאַרדינט ווייניקער ווי אַן אַרבעטער — נאָר, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אין צען יאָר אויפגעטון אין רוסלאַנד!...

אויף דערזעלבער סטאַנציע, וואו דער רויטאַרמייער איז אָפּגעשטיגן, באַקומען מיר אַ נייעם שכן צו אונדז אין קופּע, אַ איד מיט אַ קיילעכדיק ראַזירט פּנים, וואָס האָט זיך באַלד גענומען צום פּעקעלע וואורשט מיט ווייס ברויט און אַריינגעקייעט.

מיין שכן פון וויזאַווי ווערט באַלד היימיש. ער צערעדט זיך מכוח דעם פּלוצימדיקן מאַנגל פון שרייב-העפטן אין מאָסקווע: סאַמע ערב דערעפענונג פון די שולן, פעלט אויס העפטן. און נישט נאָר העפטן פעלן אויס, נאָר אפילו גלאַט פּאַפּיר... הערט, וואָס איך וועל אייך בעטן — גיט ער זיך אַ ווענד צו אונדז אַלע דריי — אז מירן קומען קיין קיעוו, וועט איר דאָך מסתמא אַראָפּגיין אין שטאָט, דער פּאַיעזד

שטייט אין קיעוו צוויי שעה, קויפט, פאַזשאַלויסטאַ פאַר מיר צו פּאָר צענדליק טעטראַדן, וואָסערע נישט איז... מיינע קינדער דאַרפן אָנ־הויבן גיין אין שולע און קיין טעטראַדן קען מען אין מאָסקווע נישט קריגן. איך האָב אפילו געקויפט עטלעכע צענדליק אין אדעס, נאָר טאָמער פעלט זיי אויס דערנאָך...

מיר האָבן אים אַלע דריי צוגעזאָגט, נאָר אַלע דריי האָבן מיר זיך איבערגעקוקט און שטומערהייט געקומען צו אַ הסכּם. אַז מיר זאָלן דעם צוזאָג פאַרגעסן.

— איר'ט אָנמאַכן אַ יקרות אויף טעטראַדן אויך אין קיעוו, האָב איך מורא. — זאָגט אים דער נייער שכן.

און איך האָב מיך געטראַכט גאָרנישט אויף אַ שפּאַס, אַז אָט אַזעלכע „קוסטאַרן" זיינען נישט קיין קלענערע מכּה פאַר דער ראַטנ־מאַכט, ווי די גרויסע נעפּלייט און שפּעקוליאַנטן. און זיי זיינען דאָך נאָך מיוחסים: פּאַרטיזאַנען, אינוואַלידן פון מלחמה און בירגער־קריג.

„מתי מדבר" — האָט איך ביי מיר אין געדאַנק פאַרענדיקט.

54

מיין נייער שכן אינעם קופּע, אַז ער דערוויסט זיך, אַז איך בין אַ זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר פון אַ אידישער צייטונג אין אַרגענטינע, הויבט זיך אָן פאַרשטעלן פאַר מיר: — איר קענט דוד בערגלסאָן, אויך אַ זשורנאַליסט — זאָגט ער — פרעגט אים, וועט ער אייך זאָגן, ער קען מיך. מיין טאַטע איז אַלע זיינע יאָרן געווען געשעפטספירער ביי זיין שווער אין גוראַלניע. הערט איר, גאָר אַנדערע יאָרן געווען... ווי האָט מיין טאַטע געוואוסט פון צייט! באַטאָג און באַנאַכט איז ער איבערגעלעגן אין גוראַלניע. מען פלעגט אים קוים זען אמאָל אין דער היים אינמיטן דער וואָך. נאָר אַז ס'איז געקומען נאָכן באַלאַנס און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען פאַרן יאָר 25 טויזנט רובל ריווח, האָט דער אַלטער געשיקט רופן דעם טאַטן און אים גע־זאָגט: „נאַ, דאָ האָסטו טויזנט רובל, האָסט זיי כשר פאַרדינט". האָט דער טאַטע געזאָגט ניין, ער וויל נישט קיין געלט, נאָר וואָס דען. די שטוב, וואָס ער האָט געוואוינט בויען, שטייט אָן אַ דאַך, איז, אַז ער

וויל, זאָל ער הייסן דעקן דעם דאַך. שטייט טאַקע נאָך היינט זייער שטוב אין שטעטל מיט אַ גוטן בלעכענעם דאַך. איצט, איז די גוראַלניע אַ סאָוועטישע. דאָס בין איך טאַקע דער געשעפטפירער פון דער גוראַלניע. נאָר ס'איז נישט דאָס. גיי, שטעל צו באַלאַנסן מיט גרויסע רווחים, אַז דאָס טאָר מען נישט און יענץ טאָר מען נישט און מ'האָט אויף זיך דעם פּראָפסאָיוז מיטן פאַבקאָם און אַליין, מיינט איר, איז מען זיכער מיט דער שטעלע?... מען האַלט מיך, ווייל איך בין אַ „ספּעץ", ווייל איך קען גוט דאָס געשעפט, נאָר זאָל אונטערקומען עפּעס אַ קאָמסאָמאָל, אַ יונג בחורל, וואָס האָט געכאַפּט דעם שניט, וועט מען אים אַוועקשטעלן ביים געשעפט און מיר וועט מען הייסן גיין. אירט זען, איך וועל נאָך זיין ביי אייך אין אַרגענטינע, כ'האָב מורא, אַז גאָר אינגיכן; איך, מיט מיינע פעאיקייטן וואָלט אין אויסלאַנד וועלטן איבערגעקערט...

די מורא פון דעם „ספּעץ", אַז מען וועט אים פאַרבייטן מיט אַ יונגן אינזשעניער, פון די וואָס ווערן צוגעגרייט צו פאַרשידענע ספּעציאַליטעטן אין די „וואוזן" (אוניווערזיטעטן) געגומען פון די אַרבעטער, וועלכע זיינען שוין באַקאַנט מיט די אונטערנעמונגען, איז פאַר מיר קיין נייס נישט געווען. איך האָב שוין געהערט אַ היבש ביסל טענות פון אַזעלכע „ספּעצן" פאַר דער צייט, וואָס איך האָב מיך געפונען אינעם ראַטנפאַרבאַנד. די „ספּעצן" ריידן, פאַרשטייט זיך, מיט גרינגשעצונג וועגן די גיי־געבאַקענע ספּעציאַליסטן פון די אַרבעטער, כאָטש אין דער אמתן — און דאָס איז אפשר דאָס וויכטיקסטע דערביי — זיינען די „ספּעצן" אַליין גאָר קיין ספּעציאַליסטן נישט געווען אין די פאַכן, צו וועלכע זיי האָבן זיך געשטעלט, האָבן קיין שום צוגרייטונג נישט געהאַט און האָבן בלויז אימפּראָוויזירט מיט זייער הייםישן חוש פאַר געשעפט. די יונגע, פעלט, אמת, דער חוש פון אָנשמועקן געשעפט, דערפאַר אָבער האָבן זיי מעטאָד, אָרגאַניזאַציע, ציפערן. מיטלען, וואָס מיט זייער הילף דערגרייכט מען אַ סך מער ווי מיט בלויזן חוש. און דאָס וויל דאָך אייגנטלעך די סאָוועט־רעגירונג. זי וויל אַוועקשטעלן די אינדוסטריע און דעם האַנדל, די אויסאַרבעטונג פון די פּראָדוקטן און זייער אויסטויש אויף אַ וויסנשאַפטלעכן יסוד, אָנגעשטאָט וואָס אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט, איז סיי די אינ־

דוסטריע און סיי דער האַנדל כּאָטיש, מען אַרבעט אוים אַן אַ מאָס און אַ צאָל און מען האַנדלט אָן אַ שום זין, מען פאַרקויפט סחורה, וואָס איז אַפילו אויפן מאַרק נישטאָ און אַנדערע סחורה ליגט און שימלט און ווערט פאַרפוילט, מחמת ס'איז נישטאָ וואו זי אָפּצוזעצן; שאַפן זיך דערפון קריזיסן, הויבן זיך און פאַלן די פרייזן, ברענגען אומרעגלמעסיקייטן אין די ביודזשעטן פון די פאַמיליעס און פון די מלוכות, אַרבעטסלאָזיקייט וכדומה פּורעניותן פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער פאָרמע פון ווירטשאַפט...

איך גיב אים דאָס אַלץ צו פאַרשטיין און זאָג אים, אַז ער אַלס „ספּעץ", וואָלט דאָס אַליין באַדאַרפט פאַרשטיין און אָנשטאָט דער קאָפּ זאָל אים פליען קיין אויסלאַנד, וואו עס זיינען פאַראַן גענוג „וועלטנקערער" אָן אים, וואָלט ער באַדאַרפט זיך צולערנען, כּדי מען זאָל נישט דאַרפן שטעלן קיין יונגן, אומדערפאַרענעם אויף זיין אָרט און ער זאָל בלייבן ווי אויפן וואַסער...

און געזאָגט האָב איך דאָס נישט נאָר אים, נאָר אויך די אַלע „ספּעצן", וואָס האָבן זיך מיר דערויף באַקלאָגט און אָוועקגעשטעלט דעם ענין אַלס פּראָבלעם פאַרן ראַטנפאַרבאַנד.

— וואָס וועט זיין מיט די אַלע „ספּעצן", וואָס די יונגע אינ־זשעניערן פאַרנעמען זייער אָרט?

— זיי וועלן זיך שטעלן צו דער אַרבעט.

— ס'איז גרינג צו זאָגן. אַ מענטש האָט זיך צוגעוואוינט צו זיצן ביים שרייבטיש, ריידן מיט מענטשן, באַפעלן, און דאָ שטעל זיך אוועק אַרבעטן.

— און וואָס טוט דער פאַבריק־דירעקטאָר און דער סעקרעטאַר פונעם פאַבקאָם, אַז מען ווילט אוים אַ צווייטן אויף זייערע אַמטן?...

— ס'איז נישט קיין גלייכן...

— אָבער, אַז מען מוז...

מיר האָבן זיך דערווייל דערנענטערט צו דער שיינער שטאָט סיעוו. די שטאָט, וואָס זעט אוים פון וויטן ווי אַ גרויסער גרינער ביזאַנטי־שער קלויסטער־קופּאָל באַזעצט מיט ווייסע טורעמלעך, האָט זיך גע־נומען אויסשפּרייטן פאַר אונדז מיט אירע הייזער און קלויסטערס אין גרינגס פאַרזונקענע. און אָט איז דער קיעווער וואָקזאַל. ער בויט זיך

נאך... מיר דערמאנט זיך דער שם וואס קיעווער וואקזאל האט געהאט, אידישע מיידלעך פלעגן אויסנייען אויף קאנווע־פאפיר א שטוב מיט א רויטן דאך און פון אונטן מיט בלויע אותיות: „דער קיעווער וואק־זאל" אויף אידיש אדער אויף רוסיש: „קיעווסקי וואקזאל" און אויפ־געהאנגען אויף דער וואנט ווי א „מזרח". איר קענט זיי נאך היינט טרעפן, די „קיעווער וואקזאלן" אין אידישע הייזער און איך בין נישט ערוב אויב ביי אונדז אין ארגענטינע הענגט נישט אויף דער וואנט ביי א אידיש ווייבל אין שטוב, צוזאמען מיט די פארגרעסערטע ביל־דער פון איר טאטן אין א יארמולקע און איר מאמען אין א זיידן טיכל, א קיעווער וואקזאל, אויסגענייט מיט צלם־שטעך אויף קאנווע־פאפיר... אזא ליבע צו קיעוו ביי אידן! און אין קיעוו האבן אידן נישט געטארט וואוינען, און אין קיעוו איז דאך געבוירן געווארן די לעגענדע מיט די אידישע מיידלעך קורסיסטקעס, וואס האבן זיך פארשריבן פאר פרא־סטיטוטקעס, כדי צו מעגן דא וואוינען! און אין קיעוו איז געווען די גיפטיקע נעסט פון כוליגאנישער רשעות און אנטיסעמיטיזם, וואס האט אויסגעפלאצט אין דעם בלוט־בלבול מיט דעם ביילים־פראצעס!... וואס פאר אן אפטימיזם ביי אידן איז פאראן! וואס פאר א טיפע איינגע־ווארצלטקייט אין דער היים, טראץ אלע נגישות און רדיפות! און דער אפטימיזם און די איינגעווארצלטקייט האבן זייערס גענומען: היינט איז קיעוו א גרויסער צענטער פון אידישן מאסן־לעבן און מאסן־קולטור. היינט געפינט זיך אין קיעוו א אידישע וויסנשאפטלעכע אקאדעמיע, א אידישער מלוכה־טעאטער...

קנאפע צוויי שעה האב איך אויף צו באזוכן די שטאט. איך האב אדרעסן, לעבעדיקע גרוסן אפצוגעבן פון אזוי וויט, חברישע און פא־מיליען גרוסן. איך וועל שוין מוזן דאס אלץ דערליידיקן צוריקפארנדיק, איך מוז פארברענגען באטש איין טאג א גאנצן אין קיעוו אויף צו בא־זוכן די אידישע קולטור־אינסטיטוציעס. דערווייל, כאפ איך א טראמ־ווי, וואס פירט איבערן „קרעשטשאטיק", די בארימטע גאס פון די רייכע געשעפט־הייזער. די שילדן אויף די געשעפטן מעלדן, אז היינט זיינען זיי קראמען פון דער קיעווער מלוכהשער קאאפעראציע. איך פאר דורך ביבער־געשעפטן, צווישן זיי פענצטער מיט אידישער ליטעראטור, שילדן פון אידישע אינסטיטוציעס, „געזערד", „געזקולט". אין מיטן

פלאַץ אַ גרויסער גלאָבוס מיט אַ וועלט־מאַפּע. דאָס איז אַ טריבונע פאַר רעדנער. אַ שיינער איינפאַל. דער רעדנער פּראָקלאַמירט די אמתן פונעם קאָמוניזם און פונעם ראַטנפאַרבאַנד איבער דער גאַנצער וועלט. די וועלט איז די הערשאַפט פונעם ארבעטער און פויער. איך פאָר צו ביז דער גאַס, וואָס ציט זיך ביים דניעפּר. ער איז דאָ באַשעפטיקט, דער דניעפּר, ער טראָגט אויף זיך באַרזשעס מיט גערילץ, מיט קוילן. אויך איך בין באַשעפטיקט, מען דאַרף אויפזוכן די אַדרעסן. אומזיסט, איך טרעף נישט קיינעם אין דער היים. ווידער טראָג איך זיך אין טראַמוויי איבער די באַלעבטע גאַסן צום וואָקזאַל.

אין וואַגאָן טרעף איך אַלע מיינע שכנים וואַרטן אויף מיר:

—מיר האָבן שוין מורא געהאַט איר פאַרבלייבט ביז מאָרגן אַ קיעווער...

— איר ווייסט ווער ס'פאָרט מיט אונדז אין וואַגאָן? — רייסט זיך אַריין דער פּאַרטיזאַן־קוסטאַר. — אַ „טשלען־צעקאַ". איר מעגט אים גיין אָנקוקן... גייט, זעט, ווער ס'איז אונדזער רעגירונג... אַ פּשוט־ער גוי... אַ איוואַנציע.. איך ווייס נישט צי ער קען זיך חתמענען... ער פאָרט אויפן צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע... מ'קלייבט אויס אומיסטן אַזעלכע... איר קענט זיך פאָרשטעלן, אַז ער ווייזט מיר זיין קאַרנעט, אַז ער איז אַ מיטגליד פונעם „צעקאַ"...

— זעט איר, דאָס זענט איר גערעכט — זאָג איך אים אויף צו ערגערן — אייך וואָלט ער נישט באַדאַרפט ווייזן. ער האָט אייך אַ פּנים, אָנגענומען פאַר אַ אָרנטלעכן מענטשן...

דער „ספּעץ", וואָס האָט פריער מיטגעשמייכלט מיטן פּאַרטיזאַן־קוסטאַר, האָט באַלד געביטן דעם אויסדרוק אויפן פּנים און זיך אָנ־געבאָטן מיך צו באַקענען מיט דעם וציק־מיטגליד, וואָס פאָרט אין צווייטן קופּע. ער איז ביז איצט געזעסן און געשמועסט. דאָרט פאָרט אויך אַ דאָקטאָר, אַ זייער אינטערעסאַנטער מענטש.

דער „וציק"מיטגליד, איז אַן אָרימער פויער פון אַ דאָרף אין יאַמפּאָלער אויעזד, פּאָדאָליער קרייז. כדי איך זאָל אים גלויבן, אַז ער איז טאַקע אַ מיטגליד פון „וציק", באַווייזט ער מיר זיין קאַרנעט. דער קאַרנעט טראָגט דעם נומער 86. אויסגעוויילט האָבן אים די פויע־רים אין צעקאַ, מחמת ער איז אַ גראַמאַטנע און אַליין אַ בעדניאַק,

וועט ער וויסן ווי צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די בעדנייאַקעס. דעם אמת געזאָגט, זאָגט ער מיר, איז עס מיר געקומען אומגעריכט. איך האָב מיך אין פּאָליטיקע קיינמאָל נישט געמישט, איך האָב אין זינען געהאַט מיין אָרימע כאַזאַיסטוואָ און האָב געלייענט. דאָס יאָ, איך האָב ליב געהאַט צו לייענען ווי אַזוי ס'לעבט זיך אונדזער אָרי־מען מענטשן אויף דער וועלט און פלעג דאָס דערציילן די שכנים. אַז מען האָט געדאַרפט אויסוויילן אַ מיטגליד אין „צעקאָ", האָבן די שכנים אָנגעוויזן אויף מיר. איך האָב דאָס נישט גענומען אַזוי ערנסט. ערשט איך לייען אין צייטונג, זע איך, אַז איך בין אַ קאַנדידאַט און אַזוי האָט מען מיך אויסגעוויילט... אָט ווי אַזוי ס'איז ביי אונדז אינעם ראַטנפאַרבאַנד! — גיט ער צו צום סוף.

— און איר, חבר, זענט אַוש פון אַרגענטינע, פון דרום־אַמערי־קע, — זאָגט ער ווייטער, — דאַרטן די ערד, ווי אומעטום באַלאַנגט צו די פּריצים?...

איך דערצייל אים אין קורצן וועגן אונדזערע אַגראַר־פאַרהעלטע־נישן און פּראָבלעמען.

— יאָ, ער ווייסט, ער האָט געלייענט וועגן די לאַטיפונדיעס, וועגן דער פּיצוכט, וועגן דער עקסטענסיווער ווירטשאַפט, וועגן דער אָרענדע און וועגן די פאַרמען פון דער קאָלאָניזאַציע...

און אָט דעם באַלעזענעם, נאָר צו אָרנטלעכן פּויער אויף חושד צו זיין עמיצן אין בייזוויליקייט, האָבן מיינע צוויי שכנים, דער פּאַרטי־זאַן, וואָס פאַרקויפט הייזן אויף סוכאַרעווקע אין מאָסקווע און דער ספּעץ, וואָס קען בערגלסאָנען פאַר אַ זשורנאַליסט, אויסגעלאַכט און שיר נישט „גענומען אויף דער העצקע", ווי די וואָוילערישע קליינ־שטעטלדיקע שניטקרעמער פלעגן טאָן, ווען עס פלעגט זיך באַווייזן אין אַזומערדיקן וואָכעדיקן פּוסטן טאָג אָן פּדיון, אַ פּויער צווישן די קראָמען.

איך האָב שוין טאַקע ביז מאָסקווע פאַרבראַכט מערסטנס אינעם קופּע פונעם פּויערישן צעקאָ־מיטגליד, וועלכער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז גאַנץ קלאָר אין דער סאָוועטישער אַגראַר־פּאָליטיק און ווייסט וואָס ער וויל. ער ווייסט גאַנץ קלאָר, אַז די קאָלעקטיווע אַרבעט וועט אַ סוף מאַכן צו די „קולאַקעס", וועלכע זיינען ערגער פון די פּריצים.

די פּריצים, זאָגט ער מיר, האָבן גענומען ביים פויער פאַר דער ערב א דריטל פונעם שניט און די „קולאַקעס" עסן אויף דעם אָרימען פויער אינגאַנצן.

איך האָב מיך געזעגנט מיט דעם פויערישן צעקאַ־מיטגליד אויף צו טרעפן זיך אין פויערים־הויז.

55

אַט בין איך שוין ווידער אין מאָסקווע. איך טראָג אַראָפּ מיינע טשעמאָדאַנעס פון וואַגאָן. נאָר וואו איך וועל מיך אָפּשטעלן, ווייס איך נישט. ס'איז איצט נישט שייך צו רופן אַ „איזוואָזטשיק" און אים הייסן מיך אָפּפירן אין אַ האָטעל, אַ בעסערן אָדער אַן ערגערן; אַ צי-מער אָדער אַ בעטל אין אַ האָטעל דאַרף מען באַשטעלן באַצייטנס. דער „ספּעץ" האָט מיר אָפילו פאַרגעלייגט נעמען צוזאַמען מיט אים אַ צימער אין אַ האָטעל, וואו ער שטעלט זיך שטענדיק אָפּ; אָבער, ער איז נישט זיכער צי וואַרט אויף אים אַ ליידיקער צימער אין יענעם האָ-טעל. גיבן מיר דעריבער אָפּ אונדזערע זאַכן „נאַ כראַניעניע" (אויף צו היטן), וואָס דאָס קאָסט אינגאַנצן 20 קאָפּיקעס אַ טאָג און מיר לאָזן זיך אין שטאָט. איך — צום „געזערד", ער צום האָטעל; אויב עס איז דאָ אַ צימער, וועט ער מיר צו וויסן געבן דורכן טעלעפאָן.

אין „געזערד" טרעף איך חברים פון דער דעלעגאַציע, בריוו פון דער היים, אַ טעלעגראַמע אַ אומגעדולדיקע, וואָס פאָדערט אַ שנעלן ענטפער, חברים פון דער איקאָר־דעלעגאַציע און פון דער אַמעריקאַ-נישער עקספּערטן־קאָמיסיע און דאָ איז שוין אַפילו פאַרטיק און פון אַ טייל חברים שוין אונטערגעשריבן אַ דערקלערונג וועגן דעם רעזול-טאַט פון אונדזער נסיעה, פאַרפאַסט מיט פאַרטיקע קלישע־פראַזן פון אונדזער סעקרעטאַר.

עס גלוסט זיך נישט אונטערשרייבן אַזאַ באַנאַליטעט, וואָס ווייזט נישט אַרויס קיין שום באַנעמונג פון דער אַרבעט אין דער סטאַדיע, אין וועלכער מיר האָבן זי געטראָפן; נישט די ווירקונג פון דער קאָלעק-טיוויזאַציע אויף דעם וואוקס פון דער קאָלאָניזאַציע, נישט דער מאַנגל

אין קולטור און סאניטאר־באדינונג, וואס האט זיך מיר געווארפן אין די אויגן און מיך וואונדערט דעריבער וואס אין דעם שטעל ווענן ביר ראבידזשאן איז גראד פאראן אזא אנמערקונג וועגן חסרונות; מיך וואונ- דערט, וואס אונדזער סעקרעטאר, וועלכער איז זיך באגאנגען מיט די איבעריקע דעלעגאטן ווי א דורכגעטריבענער בעלפער מיט חדר־אינג־ לעך און אומעטום געזוכט זיי צו פארשטעלן, האט דערלאזט די ביראָ־ בידזשאן דעלעגאטן זאגן עפעס אויסער דער קאזיאנער באנאליטעט. עס ווילט זיך אבער נישט שטערן די איינהייטלעכקייט פון דער דע־ לעגאציע, איך פרואוו עטוואס פאריכטן, ארייננשרייבן צווישן די שורות און שרייב אונטער.

מיין „ספעץ" האט אפנים נישט געפונען קיין צימער און האט מיר נישט טעלעפאנירט. איך קלינג דערוויל אן אין טעלעפאן צו באקאנטע: חבר משה טייטש, וועלכער איז בעת מיין אנקומען דאס ערשטע מאל אין מאסקווע, געווען אין קאווקאז צוזאמען מיט זיין פרוי, איז שוין צוריק אין מאסקווע. ער בעט מיך דורכן טעלעפאן איך זאל צוקומען צו אים נאך היינט אויב ס'איז מעגלעך. נישט מעגלעך, ענטפער איך אים, ווייל איך האב נאך נישט געליזט מיין וואוינונגס-פראגע. קומט, ענטפערט ער, מיר וועלן דא לעזן די פראגע.

פון דעם אוונט אן בין איך געווען דער גאסט פון חבר משה טייטש ביז איך בין אפגעפארן פון מאסקווע. ביי חבר משה טייטש אין שטוב האב איך אויך געהאט די געלעגנהייט צו באקענען זיך און אינטים באפריינדעט ווערן מיט די דיכטער א. קושנירעוו, י. ראסין, מיט דער דערציילער יודל יאפע, דעם פעדאגאג באקשט, דעם ביבליאָ־ גראף ראטנער; ליבע הארציקע מענטשן, ליב און הארציק ווי דער חבר משה טייטש און זיין פאמיליע, און די באציאונג זייערע צום חבר משה טייטש איז אזא אינטימע, אן אנטיילנעמענדיקע, און דאס אייגענע פארקערט. אין דער גרויסער שטאט מאסקווע, אין דער שטאט פון אנ־ געשטרענגטער געזעלשאפטלעכער ארבעט, פון שטרענגן „היטן די לי־ ניע", פון געזעלשאפטלעכער פאראנטווארטלעכקייט, וואו איר ריכט זיך צו טרעפן בלויז אנגערוקטע ברעמען — אזא ליבע היימישקייט און אמתע פריינטשאפט! און נישט נאר דא, ביים חבר משה טייטש אין שטוב און צווישן די אידישע דיכטער, וואס פון דרויסן, פון אויסלאנד

קוקנדיק אויף זיי, דוכט זיך, אז זיי גייען אום מיט מעסערס אין די גארטלען און שיסן זיך אויב נישט מיט רעוואלווערס, איז מיט בייזע בליקן, הערשט אט די היימישקייט און פריינטשאפט, נאר אין יעדן הויז וואו איר קומט אריין. דאס איז דארט, אין דעם צונויפגעפארע־נעם, נישט איינגעזעסענעם, נישט באזעסענעם און נישט איינגעהיימישטן אויסלאנד, צי דאס איז בערלין, צי דאס איז ב. איירעס, דארט גייען זיי אום די פארביטערמע און פארביסענע, די נישט פארגינער, וואס שיסן זיך איינער דעם צווייטן אין גדאנק! און אזוי וויט פארבי־טערט און פארביסן איז מען ביי אונדז, אז מיר האבן שוין פארגעסן ווי דאס זעט אויס חברישקייט און פריינטשאפט.

ביי חבר משה טייטש אין שטוב האב איך אויך געהאט א ביישפיל פון באציאונג צום מיליטער־דינסט ביי אידן. חבר יעקב טייטש, דער עלטערער זון, א צייכנער, שוין א חתונה געהאטער, איז גערופן גע־ווארן צום „פריזיוו" און איז צו זיין גרויסער פרייד אנגענומען גע־ווארן. ער ווייסט שוין, אז מען וועט אים שיקן אויפן ווייטן מזרח. דער־ווייל האבן זיך אונטערגערוקט די געשעענישן אויף דער מזרח־כינעזי־שער באן און דער אינגערער זון פון חבר טייטש גיט זיך אן אלס פריי־וויליקער. די מוטער, וועלכע איז געקומען פון קאווקאז ערנסט קראנק, ווייסט נאך נישט דערפון און איך, נעמענדיק נאענט צום הארצן די דאזיקע סיטואציע, פרעג איך דעם חבר משה טייטש צי איז עס טאקע נישט א געפאר פארן געזונט פון זיין פרוי, אז זי זאל זיך דערוויסן איצט וועגן אירע צוויי זין, וואס גייען ביידע צום פראנט.

— טאקע א מאמע — זאגט מיר דערויף חבר משה טייטש — אבער זי באציט זיך דערצו פונקט ווי דער טאטע און ביי מיר איז עס א פרייד, וואס מיינע זין גייען צום פראנט. ס'איז א פרייד ביי יעדן טאטן און מאמען, ווען דער זון ווערט אנגענומען אין דער רויטער ארמיי. ווי ווייט מיר האלטן איצט פון מענדעלעס „פריזיוו"־צייטן!...

איך טראכט פארן קיין קיעוו, קיין לענינגראד, איך דארף נאך זיין אין מינסק, איך וואלט געוואלט זען כאטש איין פארשטעלונג פון אידישן מאסקווער קאמער־טעאטער, וואס הויבט אן זיינע פארשטע־לונגען דעם 4־טן אקטאבער, אבער ווען איז נאך ווינציק, די צייט איז קורץ, מיין פראלאנגאציע ענדיקט זיך דעם 1־טן אקטאבער און א

נייע איז נישט מעגלעך צו באקומען, כאטש נעם און פארבלייב אין ראטנפארבאנד, ווי עס ראטן מיך מיינע נייע חברים, וועלכע זיינען גרייט צו באזארגן מיך מיט ארבעט. דער נסיון איז גרויס. עס שטארקט זיך אבער מיין פאראנטווארטלעכקייט פאר דער ארבעט, וואס איך האב איבערגעלאזט אין ארגענטינע, די בענקשאפט נאך מיין פאמיליע און איך באשליס מיך, אויסצונוצן ווי בעסער די עטלעכע טעג, וואס איך מוז פארברענגען אין מאסקווע, אויף צו דערליידיקן מיינע פאס-פארט-ענינים, אויף צו מאכן א נייע פוילישע וויזע, וואס זאל מיר דערלויבן פארבלייבן א פאר וואכן אין פוילן — די וואס איך האב געהאט, האט מיר בלויז געגעבן דאס רעכט דורכצופארן פוילן — און דער עיקר: צו באקומען א דערלויבעניש אויף צו האבן מיט זיך ביים אריבערפארן די גרעניץ אויסלענדישע וואליוטע, וואס איך האב נויטיק אויף רייזע-הוצאות. בא־טאג גיין אין די געהעריקע אנשטאלטן, שטיין אין דער ריי, אויספילן בלאנקן, ווארטן אויף אונטערשריפטן און אין אוונט באזוכן טעאטער, קלובן, פארזאמלונגען, פריינט און חברים, וואס איך האב מיך פאר דער צייט מיט זיי באקענט און באפריינדעט.

אין רעדאקציע פון „עמעס", איז די טאג-טעמע מעשה פאלעס-טינע און דער ארויסטריט פון די פיר שרייבער, אברהם רייזען, לייוויק, מנחם און ראבאי פון דער „פרייהייט". מעשה פאלעסטינע איז קלאר פאר יעדן. א דערקלערונג פונעם קאמינטערן האט קלאר געמאכט די סיטואציע, וואס דער ענגלישער אימפעריאליזם האט דארט געשאפן מיט דער באלפור-דעקלאראציע, כדי צו פארשארפן די נאציאנאלע רייי-בונגען און דערנאך אונטערצוקומען מיט איר אונטערדריקונג. דאס אלץ איז קלאר, נאר נישט קלאר איז די מעשה מיט די פיר שרייבער, וואס האבן זיך אויסגעשלאס; פון דער „פרייהייט", כאטש א טייל האבן מיר מודה געווען, אז אין דער אנגעהייצטער אטמאספער, וואו דער פשוטער איד פון א גאנץ יאר איז אומגעגאנגען פארטשאדעט און מיט א ביטער געשריי צו הימל אויף דער עולה, וואס איז געטון געווארן צו אידן, האט א גרויסער „קאפ" אין „דער פרייהייט" מכוח „א פאגראם פון אידן אויף אראבער", געקענט אוועקשטעלן אין א שווערער לאגע אירע מיט-ארבעטער, וועלכע זיינען נישט קיין פארטיי-לייט און קענען פון איר נישט פאדערן קיין אנדער שטעלונג אין דעם ענין. זיי האבן אויך פאר-

שטאַנען, אַז דאָס בריוול, וואָס אברהם רייזען האָט אָפּגעדרוקט, פּאַ־דערנדיק, אַז „די פּריוויהייט" זאָל זיך אַנטשולדיקן פאַרן אידישן פאָלק, איז נישט געווען קיין פּאַררעט, נאָר פאָלקיסטישער סענטימענטאַליזם, אַ פּראָדוקט פון לאַנגע יאָרן פאָלקיסטישער ליטעראַרישער טראַדיציע. די פאָלקיסטישע ליטעראַרישע טראַדיציע, וואָס האָט נישט אין דער אַמעריקאַנער אידישער סביבה קיין שטורמער און קיין ברעכער — און אַ פאַקט איז דאָך, אַז די וואָס זיינען באַרופן צו זיין די שטורמער און ברעכער פון דער טראַדיציע, האָבן מיט איר שלום געמאַכט, אריינגע־מענדיק די פיר שרייבער אין זייער אָרגאַן — האָט אפילו מגין געווען ביי מאַנכע אויך אויף די אַנדערע דריי און אפילו אויף לייוויקן, דעם „סיביריאַק", וואָס מען האָט זיך גענומען אַרומקוקן, אַז זיין „גולם", ווי זיינע „שמאַטעס", זיינען נישט קיין רעוואָלוציאָנערע ווערק, ווי מען האָט זיי געטייטשט, נאָר אַלטע קליינבירגערלעכקייט... די מער־הייט אָבער פון די שרייבער, מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען צו שמועסן וועגן דעם ענין, זיינען באַהערשט געווען פון דעם גייסט פון זעלבסט-קריטיק, איך וואָלט געזאָגט, פון זעלבסט-פייניקונג, וואָס האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט אַדאַנק דער מעשה באַרים פּילניאַק אין רוסישן לאַגער מיט זיין דערציילונג „רויט האָלץ" וואָס איז געדרוקט געווען אין אַן אויסלענדישן „ווייסן" זשורנאַל און געטראָגן דעם כאַ־ראַקטער פון אַ פּאַמפלעט קעגן דער ראַטנמאַכט און אַדאַנק דער מעשה קוויטקאָ אין אידישן לאַגער, מיט זיינע פּאַראָדיעס אויף אידישע לי־טעראַטור-פירער. „שרייבער, האָבן זיי געזאָגט — וואָס האָבן זיך גע־שטעלט אין די רייען פון דער רעוואָלוציע, מוזן דולדן אפילו די פע־לערן, אויב זיי זיינען געמאַכט געוואָרן און נישט איבערלויפן צום שונא."

— ביי אַ שווערן וואָגן, איז גוט צו גיין צופוס... — כאַפּט זיך ביי מיר אַרויס און, ווי גרויס איז די צאָל אידישע שרייבער, וואָס זיינען נישט קיין מיטגייער, מיטלויפער, ווי מען רופט זיי, נאָר עכטע פּראָלעטאַריש אויסגעקאָוועטע שריפטשטעלער?

אויב אָבער אין פּריוואַטן געשפּרעך, זיינען געווען מקילים בנוגע די פיר שרייבער, איז אָבער אויף דער פאַרזאַמלונג פון די אידישע שרייבער אין קלוב קאָמוניסט בנוגע דעם ענין, קיין איינער נישט גע־

ווען, וואס זאל עפעס זאגן צו זייער פארטיידיקונג. דאס זיינען אלץ געווען פראקוראָרישע רעדעס, אנהויבנדיק פון ליטוואקאָווס, גאדינערס, קושניראָווס א. א. וו.

איך בין דעמאלט אויסגעשטאנען א גרויסן נסיון, אויב איך האב נישט גענומען דאס וואָרט, אויף צו זאגן: ווער פון אייך איז ריין פון קליינבירגערלעכער זינד און נאציאנאליסטישן טשאד אין זיין שרייבערישער קאריערע, דער זאל וואַרפן אין די פיר שרייבער דעם ערשטן שטיין.

56

אין קלוב „קאמוניסט", וואו עס איז אנאנסירט געווען אויף היינט זונטיק פריי די פארזאמלונג פון די אידישע שרייבער וועגן די פאלעסטינער געשעענישן און דעם ענין פון די פיר שרייבער, וואס זיינען ארויסגעטרעטן פון דער „פרייהייט", איז נאך פוסט. אנאנסירט איז די פארזאמלונג אויף 10 און געקומען זיינען מיר, איך מיט חבר משה טייטש, 10 מיט 15. די לאנגע הילצערנע בענק, וואס זיינען צערוקט אין אומאָרדענונג, די פיאנא און עטלעכע קלעזמער־אינסטרומענטן אין א ווינקל שווייגן איצט דאס ליד פון דער איינזאמקייט נאך דעם נעכטיקן פריילעכן אָוונט.

די רחבות פונעם זאל מיט זיינע הויכע פענצטער אין גאס ארויס און מיט זיין נישט געפארבטן פאל, די זייטיקע צימערן, וואס גייען פון אים ארויס און די ברייטע קויטיקע טרעפ, וואס פירן אהער ארויף און איבער וועלכע מיר זיינען געגאנגען אין דער פינצטער, מחמת די גרויסע גאס־טיר, וואס גייט ארויס אויף טווערסקע, איז געווען פארמאכט און מיר זיינען אריינגעגאנגען דורך א צווייטן אריינגאנג אין א הויף פון א שמאלן געסל, דאס אלץ דערמאנט אין א געוועזענעם „טראקטיר", וואו מאכקווער „אביוואטעלעס" פלעגן שוויצן ביי א „פארל" טיי און „פילאזאפירן" אדער סקאנדאלעווען, בעת זיי זיינען געווען אונטער אביסל וואדקע.

די מערסטע אַרבעטער־קלובן זײַנען געװעזענע „טראַקטירן". אין מאָסקװע קען מען נאָך טרעפן אַ „טראַקטיר", אַזאַ טײ־הױז, לעבן אַן אײַנפאָר־הױז אױף די מערק, נאָר די גרױסע „טראַקטירן" װאָס פלעגן „באַשײַנען" אַזאַ הױפּטגאַס װי די טװערסקע, זײַנען הײַנט פאַרביטן אױף קלובן אָדער אױף „סטאָלאָװעס", װאו מען טראָגט אײַך צו נישט קײן „פּאָרל" טײ, װאָס איז באַשטאַנען פון אַ גרױסן טשײַניק מיט געזאָטענער װאַסער און מיט אַ טשײַניקל „סענץ", בײַ װעלכן איר האָט געקענט זיצן אַ גאַנצן טאָג, נאָר אײנע, אַ גלאָז טײ מיט צובײַסן, אױב איר װילט. און מאָסקװער אַלטע „אַבײַװאַטעלעס", אַ קױטשער מיט אַ מעשענער באָרד און אַן אַלטער פאַרקױפער פון געזײַערטע עפּל, מוזן זיצן בײַ אַזאַ מאָדערן טישל, און זײַערע פילאָזאָפישע געשפּרעכן האָבן שױן גאָרנישט דעם טעם װאָס אַמאָל; זײ ציען זיך נישט אַזױ לײַכט און מיט אַזאַ שפע, װי די פּאָרע פונעם גרױסן טשײַניק. איר זיצט בײַ אַ מאַרמאָרן טישל, טרינקט אײַער גלאָז טײ מיט צובײַסן, דערלאַנגט נישט פון קײן „שעסטיאָרקע", נאָר פון אַן „אָפיציאַנט", אָדער „אָפי־ציאַנטקע", װאָס איר באַצאָלט תיכּף מיט די קװיטלעך, װאָס איר האָט געקױפט אין קאַסע. און װען איר הערט פונקט בײַ אַזאַ טישל און פונקט אַזױ סערװירט, אַ געשפּרעך צװישן צװײ מאָסקװער מעשענע בערד װעגן „מענטשלעכן װילן און פאַרשטאַנד", װעגן „דער קראַפט, װאָס איז פאַר אונדז נישט פאַרשטענדלעך", װעגן „אונטערגעבן זיך דעם שיקזאַל" אָדער „מיר מוזן זען אין דעם אַ געטלעכן פאַרשטאַנד", פאַר־שטײט איר, אַז אונטער אָט די פילאָזאָפישע געשפּרעכן ליגט דער צו־זאַמענשטױס פון די אַלע געװאױנהײטן מיט די נײַע אײַנפירונגען.

אַזאַ סאָרט פילאָזאָפירנדיקע „אַבײַװאַטעלעס" זײַנען שױן אָבער פונקט אַזױ זעלטן אין אַ סטאָלאָװע, װי אַ „פּאָרל" טײ אין מאָסקװע; מערסטנס קומט מען אַרײַן אַהער, יונגע מענער און פרױען אָפּעסן און אָפּטרינקען, אױף שנעל, װי אין אַ „באַר אױטאָמאַטיקאָ"; פאַרברענ־גען, שמועסן װעלן זײ שױן אין קלוב. און אױך נישט פון „שיקזאַל", „געטלעכן פאַרשטאַנד" און „אומפאַרשטענדלעכער קראַפט", נאָר פון קאָנקרעטע אינטערעסן, װאָס הױבן זיך אָן אינעם ענגן קרײַז פון זײַער צוזאַמענװאױנונג, פון זײַער פאַבריק און דערגרײכן ביז דער װעלט־פּאָליטיק און דער אַלװעלטלעכער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג.

אין קלוב „קאָמוניסט", געוועזענער „באַראַכאָוו" און פאַר דעם זי־
כער געוועזענער „טראַקטיר", איז נאָך פרי. חבר משה טייטש וויל מיר
באַווייזן די ביבליאָטעק, אָבער זי איז צוגעשלאָסן, ס'איז זונטיק און
ס'איז פרי. מיר גייען אין צימער פון דער פאַרוואַלטונג. דעם סעקרעטאַר
טרעפן מיר אָבער נישט דאָרט, נאָר אין אַ דערבייאיקן גרעסערן צי־
מער מיט בענק, ווי אין אַ קינדער־שול, באַזעצט קאָפ אויף קאָפ.

דאָ איז אַ פאַרזאַמלונג פון בערג־אידישער שטודירנדיקער יוגנט,
וואָס באַהאַנדלט די פראַגע פון אומבייטן דעם העברעאישן אלף־בית,
מיט וועלכן זיי שרייבן זייער מוטער־שפּראַך, טאַטיש, און דרוקן מיט
אים זייערע צייטונגען. די פאַרזאַמלונג וועט זיך באַלד אָנהויבן, עס
האַלטן אין אָנקומען אַלץ נייע יונגעלייט און מיידלעך, מיט קאַווקאַ־
זישן גלאַנץ אין די שוואַרצע אויגן, נאָר מיט אידישער צניעות און
סאָוועטישער פשטות אין דער קליידונג און האַלטונג. מיר טרעפן דאָ
אונדזער מיטאַרבעטער ז. וועגדראַף. ער באַווייזט מיר אַ טאַטישע צײ־
טונג. פון די אוניווערסאַלע ווערטער, וואָס איך טרעף אָן אויף די
שפּאַלטן, געשריבן מיט דער אָרטאָגראַפיע פון דעם ספרדישן לאַדינאָ,
— ווי איך דערווייס מיך, איז די אָרטאָגראַפיע אַריינגעבראַכט געוואָרן
אַלס רעפאָרמע דורך די ציוניסטן, קעגן דער טענדענץ פון באַנוצן די
אָרטאָגראַפיע פון אידיש — כאַפּ איך, אַז דאָרט רעדט זיך טאַקע וועגן
דעם ענין.

עס עפנט זיך די פאַרזאַמלונג. אַלס פאָרזיצער ווערט פאָרגע־
שלאָגן „אונדזער עלטערער חבר", סאָלאָוו (אויב דער זכרון נאַרט מיך
נישט), אַ רויטאַרמייאישער אָפיציר, מיט אַ פיין געשניצטער קאַווקאַ־
זער נאָז און שוואַרצע וואָנצעלעך, אַ מיטגליד פון „וציק". עס האַלט
אַ פאָר איינלייטנדיקע ווערטער אינעם נאָמען פונעם אָרגאַניזיר־קאָמי־
טעט, אַ בערג־איד מיט אַ פאַרשפּיצט שוואַרץ בערדל, וואָס מאַכט אים
ענלעך צו אַ שפּאַנישן פּראָפעסאָר און ער איז טאַקע פּראָפעסאָר פון
אַזיאַטישע שפּראַכן אינעם מזרח־אוניווערזיטעט. זיין נאָמען איז: מצליח
(מאַצליאַך) און איז אַ באַקאַנטער פאָרשער פון אָריענט. אויפן טאָג־אָר־
דענונג איז פאַראַן זיינער אַ רעפעראַט מכוח דעם ענין און ער זאָגט טאַ־
קע דעריבער, אַז ער איז מקצר, מחמת לענגער וועגן דער פראַגע, וועט ער
זיך אָפּשטעלן אין זיין רעפעראַט. עס נעמט דערנאָך אַ וואָרט צום באַ־

גריסן חבר משה טייטש, וועלכער רעדט אַלס אידישער שריפטשטעלער, וואָס כאָטש ער שרייבט אויף אידיש, די שפּראַך פון די אזוי־גערופענע אשכנזישע אידן, איז אים אָבער, אַלס אידן, פארשטענדלעך די קולטור־פּראָבלעם פון די באַרג־אידן, וואָס האַלטן ביי אַרויסרייסן זיך פון דער רעליגיעזער געטאָ, מיט וועלכער די קולטור זייערע איז צוזאַמענגע־בונדן און פון וועלכער מען מוז זי אָפּבינדן, כדי די טאַטישע שפּראַך זאָל ווערן אַ פאַקטאָר פון וועלטלעכער און סאָוועטישער קולטור פאַר די באַרג־אידן. חבר משה טייטש דערקלערט, אַז אַלס מיטאַרבעטער אינעם „קאָמנאַראָבראַז", איז ער געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געצווינגען די אויפמערקזאַמקייט אויף די באַרג־אידן, איבער וועלכע די ציוניסטן האָבן אויסגעאיבט זייער השפּעה און אַדאַנק דעם אָנווענדן צו זיי, ווי צו אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פונעם ראַטנפאַרבאַנד, זעען מיר איצט די באַרג־אידישע יוגנט גיין אַלץ פאָרווערטס אויפן וועג פון וועלטלעכקייט און סאָוועטישקייט.

חבר משה טייטש רעדט זייער פּאָפּולער. זיינע ווערטער זיינען אויסגעטייטשטע און באַטאָנטע און לייגן זיך אַוועק אינעם מוח אויף צו פאַרבלייבן דאָרט.

עס באַגריסט אויך דער סעקרעטאַר פונעם קלוב, מיט אַ לעטישע־ווער אָדער טולטשינער רוסיש פון אַ שניידער, וואָס איז אינגלווייז אַוועק קיין אַמעריקע און איז פון דאָרט ערשט אַ פּאָר יאָר. ער איז זיך מודה, ער האָט נישט געוואוסט פון אַזעלכע אידן און עס וואָלט אים ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען, ווען ער ווייסט, אַז זיי זיינען פאַראַן און דאַווענען צום אידישן גאָט, פונקט ווי עס גייען אים נישט אָן אַנ־דערע קאַווקאַזער אָדער אַזיאַטישע שבטים, וואָס דאַווענען צום מו־סולמענישן גאָט; נאָר איצט קוקט ער אויף די שטודירנדיקע יונגעלייט און זיי זיינען אים פּלוצים שטאַרק נאָענט געוואָרן. ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז ער איז געגאַנגען אין חדר און מען האָט אים געלערנט זאָגן עברי אין סידור און מיט אָט דער קענטעניש האָט מען אים אַרויס־געלאָזט אויף דער וועלט; די זעלביקע עברי פונעם סדור, מיט וועלכער די גרויסע טייל באַרג־אידן האָבן אָפּגעפינצטערט זייער אונטערדריקט לעבן און פון וועלכן זיי רייסן זיך אַרויס אַדאַנק דער נאַציאָנאַלער פּאָ־

ליטיק פֿון דער ראַטנמאַכט, וואָס מאַכט זייער מוטער־שפּראַך פֿאַר אַ שפּראַך פֿון סאָוועטישער קולטור.

דער פּראָפֿעסאָר הױבט אָן זײַן רעפֿעראַט מיט אַ װיסנשאַפֿטלעכער דערקלערונג װעגן דער טאַטישער שפּראַך. די טאַטישע שפּראַך איז זייער נאָענט צו דער פּערסישער און דערפֿון האָט מען געדרונגען, אַז די באַרג־אידן זײַנען געקומען קיין קאַווקאַז פֿון פּערסיע אין די צייטן פֿון המן הרשע, און דעריבער ריידן זיי אַ פּערסישן זשאַרגאָן. די װיסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג האָט אָבער באַװיזן, אַז טאַטיש איז כמעט די ריינסטע אורשפּרינגלעכע איראַן־שפּראַך, די שפּראַך, וואָס האָט פֿאַרצייטנס געהערשט אויף דעם שטח אין אַזיע, וואָס געפֿינט זיך צווישן אינדישן אָקעאַן, דעם טײַך טיגר (הדקל), דעם קאַספּישן ים און דעם פּערסישן גאָלף, וואו עס געפֿינען זיך הײַנט אַזערבײַדזשאַן, בעלודזשיסטאַן, אַפֿגאַניסטאַן און פּערסיע, און פֿון וועלכער די פּערסישע, אַרמענישע און די אַנדערע שפּראַכן, וואָס הערשן אין די לענדער, האָבן זיך צעצווייגט. טאַטיש איז דעריבער נישט קיין פּערסישער זשאַרגאָן, נאָר דער אור־קוואַל פֿון פּערסיש און קיין קאַווקאַז זײַנען די באַרג־אידן דערום געקומען שוין גאָר לאַנג, ווען די איראַן־שפּראַך האָט נאָך געהערשט אויף דעם אַזוי־גערופֿענעם איראַן־שטח, וואו די דאָזיקע אידן האָבן פֿריער געוואוינט און געגרענעצט זיך מיט קאַווקאַז, און האָבן אָנגעהאַלטן די ריינקייט פֿון דער שפּראַך.

איבערגייענדיק צו דער טעמע, גיט ער אַ געשיכטלעכן איבערבליק פֿון דער באַוועגונג איבערצובייטן דעם העברעאישן אַלף־בית אויף דעם לאַטײַנישן און די שטערונגען, וואָס זי האָט באַגעגנט, פֿון איין זייט האָט דאָס אַרויסגערופֿן די קעגנערשאַפֿט פֿון די ציוניסטן, וועלכע האָבן דערנאָך מסכים געווען, מיט דער כונה, אַז אויב טאַטיש וועט געשריבן ווערן מיט לאַטײַנישע אותיות, וועלן די קאָנסערוואַטיווע באַרג־אידן, וואָס וועלן נישט וועלן מוחל זײַן אויף די אותיות, זיך ווענדן צו העברעאיש. און אַזוי אַרום וועט אַרויס מיט געווינס די העברעאישע שפּראַך, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן אַרײַנברענגען צווישן די באַרג־אידן.

פֿון דער צווייטער זייט, האָט דאָס אַרויסגערופֿן אַנטיסעמיטיזם צווישן די פֿירער פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג אויף קאַוו־

קאַז, וואָס דעקט זיך צו מיט אַ סאָוועטישן מאַנטל. די דאָזיקע נאַציאַ־
נאַליסטישע באַוועגונג ווערט געשטיצט פון דער מוסולמענישער קירכע
און פון די רייכע מוסולמענער, וועלכע זעען אין דעם איבערגאַנג צום
לאַטייניש אלף־בית, ווי דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין טערקיי,
אין אוזבעקיסטאַן און צווישן די טאַטערן אין קרים, אַן אפיקורסות,
וואָס דערווייטערט דאָס פאָלק פון זייער השפעה.

דער איבערגאַנג פון טאַטיש אויף לאַטייניש אלף־בית איז אַ ביי־
שפּיל פאַר די אַנדערע קאַווקאַזער פעלקערשאַפטן און כדי דאָס ווירק־
לעך צו זיין, האָט דער באַרג־אידישער קאָמיטעט, וואָס שטייט אונטער
זיין, דעם פּראָפעסאָרס, אַנפירונג, זיך געווענדעט מיט אַ מעמאָראַנדום
צו דער קולטור־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זיינען פעדערירט די
קאַווקאַזער פעלקערשאַפטן (איך געדענק נישט דעם נאָמען אירן) און
באַקומען האָט זיך צוערשט איגנאָרירונג און ביים צווייטן מאָל אַן
אַנטיסעמיטישער ענטפער.

פאַר דעם דאָזיקן אַנטיסעמיטיזם, זאָגט דער פּראָפעסאָר, איז
נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן. ער האָט קורצע הענט און אין סאָוועט־
רוסלאַנד. גייט נישט דער אַנטיסעמיטיזם בכלל ווייטער פון אוממעכ־
טיקן צאָרן; אין דעם פאַל דינט ער בלויז אויף אויפצודעקן דעם פּרצוף
פון דער דאָזיקער קולטור־פעדעראַציע, וואָס טראָגט אַזאַ פאַרגעשרי־
טענעם נאָמען און איז אין דער אמתן אַ נעסט פון רעאַקציע און אָפּ־
געשטאַנענקייט.

געכאַפּט זיך, אַז מיר זיינען געקומען נישט צוליב דער טאַטישער
שפּראַך, נאָר צוליב דער שרייבער־פאַרזאַמלונג, וואָס דאַרף מישפּטן
די געשעענישן אין פאַלעסטינע און די פיר אידישע שרייבער א.
רייזען, מנחם, לייוויק און ראַבאָי, זיינען מיר צוריק אַוועק אין גרויסן
זאַל, וואו מיר האָבן שוין געטראָפן אַ גרויסן עולם שרייבער און כלל־
טוער. חבר משה טייטש, יאַנקל לעווין, די מיטאַרבעטער פונעם
„עמעס": קירזשניץ, סטרעליעץ (גאָלדנבערג), קאַצנעלסאָן (א. ד. מי־
ראָל), דער דיכטער א. קושניראָוו, שטעלן מיר פאָר אַלץ נייע פּנימער:
ש. האַלקין, כאַשטעוואַצקי, גאָדינער... און אָט זיצט אַ צעשטראָלט
פּנים מיט אַ שעוועליורע שוואַרצע האָר צעטיילט מיט אַ שרונט אינ־
מיטן. — ווער איז ער? — ס'איז דער אינזשעניער שיין, אָט דער,

ביי וועלכן חיים ווייצמאַן האָט צוגענומען זיין דערפינדונג, וואָס האָט אים געמאַכט קרוב למלכות...

דעם רעפּעראַט וועגן פּאַלעסטינער געשעענישן האַלט אַבו זיאַם. איך בין מיך מודה, אַז ווען איך האָב דערזען דעם „אַבו זיאַם" פאַר־נעמען זיין פּלאַץ ביים טיש, האָב איך מיך אַביסל אַנטוישט; איך האָב דערוואַרט צו זען אַן אַראַבער, אַן אַראַבישן קאָמוניסט, וואָס קען רוּ־סיש, צום סוף איז ער אַ איד מיט אונטערגעשוירענע וואָנצעלעך און רעדט אַזאַ פּליסיקן ליטווישן אידיש. צווישן עולם ווער איך געוואָר, אַז היינט הייסט ער גאָר אַוועראַבוך, אַלעקסאַנדער כאַשינס אַ ברודער, וועלכער איז געווען עטלעכע יאָר אין פּאַלעסטינע און איצט איז ער אַ מיטגליד אין קאָמינטערן. אַבו זיאַם רופט ער זיך, ווייל ער האָט אַ אינגעלע זיאַמע. אין אַראַביש מיינט דאָס זיאַמעס טאַטע. לצים האָבן דערביי געזאָגט — אויך פון דעם מין פעלט נישט אין קלוב „קאָמוּ־ניסט", — אַז ביי די זיצונגען פון קאָמינטערן, טראָגט ער אַ רויטע פּעסקע. זיין רעפּעראַט דויערט אַנדערהאַלבן שעה, ער וויקלט פונאַנ־דער די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן אין פּאַלעסטינע, די לאַגע און די ראָל פון יעדן סאָציאַלן שיכט באַזונדער, די ראָל פון ענגלאַנד און איר פּאָליטיק און דערציילט פאַקטן און געשעענישן, וועלכע דערפירן צו דער לעצטער געשעעניש.

מ. ליטוואַקאָוו נעמט דאַן דאָס וואָרט אויף צו דערגאַנצן. אַזוי ווי, זאָגט ער, די היינטיקע פאַרזאַמלונג איז פון אידישע שרייבער און אין פאַרבינדונג מיט די געשעענישן אין פּאַלעסטינע, איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען דער שוין באַקאַנטער פאַראַט פון די פיר שרייבער, איז דעריבער וויכטיק, אַז דער ענין זאָל דאָ געלופטערט ווערן און עס זאָל וועגן אים אַרויסגעטראָגן ווערן אַ רעזאָלוציע.

ווי איך האָב שוין אין פריערדיקן קאַפּיטל געזאָגט, איז צווישן די אַלע רעדנער מכוח דעם ענין, קיין איין פאַרטיידיקער נישט געווען. די רעזאָלוציע איז בשעתה געווען געדרוקט אין די צייטונגען.

אַרום דריי אַזייגער האָב איך פאַרלאָזן דעם קלוב „קאָמוניסט", כדי צו קומען אַהער אַ צווייטן מאָל, אין אָונט, אויף צו באַקענען זיך מיט דער אַרבעט, וואָס ער פירט דורך צווישן די אידישע אַרבעטער אין מאָסקווע.

51

דער ערשטער איינדרוק איז אָפטמאָל פאַרפירעריש און מעגלעך אַז אויך פאַרפירט מיך דער איינדרוק, וואָס איך האָב באַקומען פאַר דער צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין אוקראַינע און מאָסקווע, אַז דער רוב אידישע קולטור־טוער, זיינען „אויסלענדישע": פוילישע, עסט־רייכישע און רומענישע אָדער רוסישע אידישע אַרבעטער, וואָס האָבן לאַנג פאַרבראַכט אין אויסלאַנד און די אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט זיי צונויפגעבראַכט ווי אַ קיבוץ גליות. עס קומט מיר אָבער אויפן געדאַנק אויך אַ חשבון, וואָס באַפעסטיקט מיין איינדרוק: די געדיכטע צענטערן פון אידישער קולטור־טעטיקייט, וואָס האָבן פריער באַלאַנגט צו רוסלאַנד — וואַרשע, ווילנע — זיינען געבליבן אויסער דעם ראַטנפאַרבאַנד; אין מינסק נאָר און טיילווייז קיעוו און אדעס, זיינען געווען צענטערס פון אידישער קולטור, האָט אויך פון דאַנען די אידישע אינטעליגענץ געוואַנדערט און געבויט קולטור-נעסטן אין קאַוונע, אין ריגע א. א. וו. די מלחמה און דער בירגער־קריג וואָס האָבן אָפּגעריסן פון קולטור־אַרבעט און דער ערשטער אימפּולס פונעם קאָמוניזם, וואָס האָט ביי דער אידישער יוגנט זיך אידענטיפיצירט מיט קאָסמאָפּאָליטיזם, זיינען נישט געווען קיין גינסטיקע פאַקטאָרן פאַר דער אַנטוויקלונג פון אידישער קולטור־אַרבעט און ווען די ראַטנפאַרבאַנדישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, האָט געגעבן דעם לאָזונג: פּראָלעטאַרישן קולטור־אינהאַלט אין די נאַציאָנאַלע קולטור־כלים, האָט מען געמוזט אָנקומען צו די צוריקגעקומענע „אויסלענדער".

איך האָב שוין פאַרבייגייענדיק און זייטיק געגעבן אָנצוהערן, אַז דער סעקרעטאַר פונעם קלוב „קאָמוניסט" איז אַן אַמעריקאַנער „קלאָקמייקער" אָדער „קעפּמייקער", וואָס איז אינגלווייז אַרויסגעפאָרן אַהין פון טולטשין צי פון לעטיטשעוו. איך קען נאָר צוגעבן, אַז בעת איך האָב מיך באַקענט מיט אים דעם אָוונט אין סעקרעטאַר־צימער, האָט ער מיט מיר גערעדט פון די אַמעריקאַנישע יוניאָן-געשעענישן און דעם קאַמף צווישן די רעכטע און לינקע מיט „פאָרווערטס" און „פרייהייט" אינמיטן און גאַנץ ווייניק וועגן די אידישע אַרבעטער און זייער קולטור־אַרבעט אין מאָסקווע.

און אט זיצט אן אלטער גענאסע פון לאנדאן, וואס האט אוועק־געגעבן זיין יונגן הייסן טעמפעראמענט דעם לאנדאנער „ארבעטער פריינט״ און דערציילט מיט באגייסטערונג וועגן זיין ארבעט נאך צו־זאמען מיט ווינטשעווסקי און פיליפ קראנץ און דערנאך מיט ראקערן און ווי אזוי ער האט זיך דא געטראפן מיט דעם אלטן ווינטשעווסקין בעת דער אלטער איז געקומען קיין מאסקווע. און אט איז א פויליש אידיש מיידל מיט שווארצע אויגן, אזוי ענלעך צו די טוערנס אינעם שניידער ארבעטער פאראיין ביי אונדז אין בוענאס אייעס און אין די ארבעטער־קלובן פון בוענאס איירעס, פאריז און בריסל. בכלל האט זיך מיר דארט געדוכט, אז איך געפין מיך אין איינעם פון די דער־מאנטע קלובן.

לויט די רייד פונעם סעקרעטאר רעכנט מען אין מאסקווע 150 טויזנט אידן און צווישן זיי זיכער 30 טויזנט ארבעטער. אין קלוב קומען זיי אבער נישט. מען קלויבט זיך די דאזיקע צענדליקער טויזנ־טער ארבעטער, וואס געפינען זיך אויף די מאסקוועער פאבריקן, אויפ־צוטרייסלען; מען דענקט פארופן א דעלעגאטן־פארזאמלונג פון די אי־דישע ארבעטער אויף די מאסקוועער פאבריקן, כדי צו וויסן ווי גרויס איז אין מאסקווע דער כוח פון די אידישע ארבעטער און אנהויבן מיט זיי א ברייטע אידישע קולטור־ארבעט אין מאסקווע. גרינדן אידישע ארבעט-שולן, כדי צו פארטרייבן די חדרים; פארשטארקן די אנטי־רעליגיעזע פראפאגאנדע, שאפן גרעסערע אוידיטאריעס פאר אידיש טעאטער און א. וו.

ווי איך האב שפעטער געליינט, איז אזא דעלעגאטן־פארזאמלונג פארגעקומען און דער סעקרעטאר פון קלוב „קאמוניסט״ האט קיין טעות אין חשבון נישט געמאכט. עס זיינען געקומען פארטרעטער פון דרייסיק טויזנט אידישע ארבעטער אין מאסקווע און איך מיין, אז די דאזיקע קאנפערענץ האט ווירקלעך אויפגעטרייסלט די מאסקוועער אי־דישע ארבעטער; זי האט זיי ארויפגעטרייסלט פון אויבן ווי מען טרייסלט ארויף די ווייץ־קערנער אין א הויפן געמישטער תבואה און וועט צוריקברייגען די אידישע ארבעטער צו אידישער קולטור און צו געזעלשאפטלעכער ארבעט אין דער אידישער סביבה, פון וועלכער

זיי האָבן זיך פריער דערוווייטערט אָדער געזוכט זיך צו דערווייטערן און עס ווילן זיך מער נישט אָנזען אַזוי די „אויסלענדישע" אידישע אַר־בעטער אַלס די אידישע קולטור־טרעגער אין ראַטנפאַרבאַנד, ווי מען פלעגט אַמאָל אָנזען ליטווישע מלמדים אין בעסאַראַביע.

די אַרבעט אין קלוב איז אַ פאַרצווייגטע, עס אַרבעטן קאָמיסיעס אויף קאָמיסיעס: אַ קאָמיסיע פון אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, אַ קאָמיסיע פאַר ליטעראַטור, אַ קאָמיסיע פאַר ליטעראַרישע אָוונטן און פאָרשטעלונגען א. א. וו.

דעם אָוונט, וואָס איך בין געקומען אין קלוב זיינען געזעסן צוויי קאָמיסיעס: פאַר אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע און אַ טעאַטער־קאָמי־סיע. די ערשטע, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען אַלעקסאַנדער כאַשין, משה קאַץ, אברהם וועוויאָרקע, האָט זיך אביסל פאַרשפּעטיקט, בין איך אַריינגעגאַנגען צו דער טעאַטער־קאָמיסיע, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען דאָברושין, סטרעלעץ און אַנדערע. עס האָט זיך געהאַנדלט פון אַ צווייאַקטיקער זאַך, אָנגעשריבן פון אַ קלוב־מיטגליד, אַ באַריסאָווער יאַט, וואָס אפרים לויטער, דער לייטער פונעם דראַמ־קרייז, האָט זי טעאַטראַליזירט. דער מחבר לייענט זיין זאַך — די טעמע איז דער איבערגאַנג פון דער שטעטלשער יוגנט צו דער אינדוסטריע — און אפרים לויטער אינפאָרמירט וועגן דעם פּראָיעקט וואָס ער האָט געמאַכט ווי די זאַך צו טעאַטראַליזירן. דער הויפּט־געוויכט אין די דעבאַטן אַרום דעם פּלאַן ווערט געלייגט אויף די אופנים ווי אונטער־צושטרייכן דאָס פּאָזיטיווע סאָוועטישע אין דער זאַך, מחמת די דאָ־זיקע זאַך, פונקט ווי די זאַכן ביי די שוין אָנערקענטע שרייבער, גיט זיך צופיל אָפּ מיטן נעגאַטיוון פון דער אידישער סביבה. עס איז לייכ־טער צו שילדערן און אָנצוגרייפן דאָס עקזיסטירנדיקע איידער פאַרצו־שטעלן דאָס וואָס דאַרף ערשט געשאַפן ווערן. שניידט מען, דרייט מען, מען פאַרענדיקט מיט אָפּמעקן...

י. דאָברושין, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט געכאַפּט דעם שניט. זיין מיינונג איז אָנגענומען געוואָרן און אַז ער האָט באמת גע־כאַפּט דעם שניט, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען שפּעטער מיט אַ אָוונט ביי אַ רעפּעטיציע פון זיין פּיעסע „דאָס געריכט גייט" אין אידישן קאַמער־טעאַטער.

ער האט אויפגעשטעלט א מעשה וועגן א חרובדיקער מיל, וואס די מלוכה האט קאנפיסקירט. קומט אויפן געדאנק דעם אלטן סטאליאר, לאמיר אים אנרופן חיים, א קוסטאר, וואס האט אן ענטוזיאסטישע טעכטערל א קאמוניסטקע און אים אליין ציט אויך צו די יונגע, אייג־צוארדנען דארט א ווערקשטאט צוזאמען מיט דעם יונגן עולם, צווישן וועלכן עס געפינט זיך אויך א באלעבאטיש זונדל, ניומא, א גאנצער רעוואלוציאנער, אין סאציאלן ווי אין פאמיליארן זין, — ער פארליבט זיך אין א ניט-אידישער מיידל פון די חברטעס און שווערט מיט איר חתונה צו האבן. פון דער אנדער זייט דרייען זיך ארום דער מיל עט־לעכע שטעקעלע אידן, קאמבינאטארס, וואס ווילן מאכן אן „ארטעל“, אין וועלכער די יונגעלייט זאלן ארבעטן און זיי זאלן זיין די באלע־באטים, אלס געלט־שותפ וועלן זיי נעמען ניומאס פאטער, ספּעציעל מיט דעם חשבון וואס ניומא איז א קאמוניסט און ניומאן טאקע מאכן פאר דירעקטאר. דאס געשעפט מאכן זיי אן ניומאס וויסן, און די ביטע צו דער מאכט מען זאל זיי אפגעבן די מיל אין ארענדע, שרייבן זיי אין ניומאס נאמען און זיין פאטער רעדט מען איין, ער זאל אונ־טערשרייבן ניומאס נאמען, אויף דעם סמך, וואס דער זון וועט נישט וועלן מאסערן דעם טאטן. די עלטערן רופן ניומאן אהיים, ער גיט זיך אונטער דער ווירקונג פון די עלטערן, ווערט דירעקטאר, דערנאך ברענגט ער די כלה, די עלטערן ווייסן נישט אז זי איז נישט קיין אידישע, און ווי דורך א חלום מאכט זי מיט די צערעמאניעס פון חופה וקדושין; איר מאדנע האלטונג דערקלערן זיך די עלטערן דערמיט וואס זי איז א דארפישע און נישט געוואוינט צווישן אידן, ביז עס ברעכט אויס דער קאנפליקט. ניומא קען מער נישט אויסהאלטן זיין דאפלטע לאגע, ער מאסערט דעם טאטן; זיין פרוי, וואס האט פון אים געהאט א קינד און אים פארלאזט, גיט איין אין געריכט און מאנט אויסהאלט ביים... אלטן. עס ענדיקט זיך מיט דעם געריכט.

און איצט זאגט אליין אויב דאברושין האט נישט געכאפט דעם שניט... פון אן אמעריקאנישן פיעסן־שרייבער אדער פון א ליברעטא־שרייבער פאר קינא־בילדער.

וואס איז די מעשה?

מען דאַרף האָבן פּיעסן פאַרן אידישן טעאַטער און פאַר די אי־דישע דראַמאַטישע קרייזן און די פּיעסן מוזן זיין פּאָזיטיוו־סאָוועטישע. מ א כ ט מען זיי.

אָבער, דאָ קומען צוגיין די גרויסע מיטלען, וואָס דאָס רוסישע טעאַטער בכלל און אויך דאָס אידישע טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד פאַרמאָגט, רעזשי און טעכניק, מוזיק און אַרטיסטישער טאַלאַנט און עס ווערט פון דער דאָזיקער ליברעטאָ געשאַפן אַ גרויסאַרטיקער ספּעקטאַקל.

איך האָב דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל געזען אין אַ רויער פאָרם, שטיקלעכווייז און דערביי עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט און איינגע־קנעלט, אויף די רעפּעטיציעס, אָבער יעדן מאָל ווען דער אַרטיסט זיס־קינד האָט דורכגעמאַכט די סצענע ווי ער שטייט אַלס דער אַלטער סימ־פּאַטישער בעל־מלאכה ביים וואַרשטאַט, הובלעוועט און זינגט זיך צו צום טאַקט אַ לידל, מיט ספּעציעלער מוזיק פון דעם קאָמפּאָזיטאָר פולווער, און יעדן מאָל וואָס זיין ענטוזיאַסטישע טעכטערל די „ציג“, האָט דורכגעפירט אירע אַ סצענע; ווי גיומאַס פאָטער, דער רייכער פאַרעקשנטער איד מיט די בייזע ברעמען, שפּאַצירט אום אין שטוב מיט אַ שטורמיש בייזן אידישן ניגון — אויך פון פולווערן — אָדער ווי די דריי מעקלער קומען צו אים אין שטוב און ריידן אים איין דאָס געשעפט, בין איך צוגעוואַקסן געוואָרן צו זיי און האָב פאַרגעסן אויף דער ליברעטאָ.

איך האָב געהאַט דעם מוט שפּעטער דאָס צו זאָגן דאָברושינען, ביי אים אין שטוב און ער האָט מיר מודה געווען, אַז ס'איז ביי אים אַן אַרבעט אויף באַשטעלונג און מען צוט דערפון חיונה; זיין ליטעראַ־רישער געביט, זיינען די קינדער־דערציילונגען, און באמת איז ער פון די געציילטע אידישע שרייבער פון קינדער־ליטעראַטור און דערויף גיט ער אַוועק זיין צייט, וואָס בלייבט אים נאָך די לעקציעס, וואָס ער לייענט אין אוניווערזיטעט וועגן אידישער ליטעראַטור און נאָך זיינע פאָרשונגס־אַרבעטן וועגן דער אידישער ליטעראַטור.

ריידנדיק וועגן דער רייכקייט פון די מיטלען אין רוסישן טעאַ־טער, קען איך מיך נישט אָפּהאַלטן נישט צו דערמאָנען דעם ספּעק־

טאַקל, װאָס איך האָב געזען אויפֿגעפֿירט אין מאָסקװער טעאַטער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרײנען: „מיאַטיעזש" (בונט) פֿון פֿורמאַנאָװ. „מיאַטיעזש" איז מער װי אַן עפּיזאָד פֿון דעם בירגער־קריג אין אוזבעקיסטאַן, אַרויסגענומען פֿון פֿורמאַנאָװס אַ בוך, װאו ער שילדערט דעם בירגער־קריג. עס שפּיגלט זיך אין אים אָפּ דער קלאַסן־קאַמף אין דער דאָזיקער מאָנגאָלישער רעפּובליק בעת דאָרט האָבן געקעמפֿט די װײַסע מיט די רויטע. די בינע און אויך דער פֿאַרטער װערט דאָרט פֿאַרװאַנדלט אין איין גרויסן שױ־פּלאַץ פֿון קריג, װאָס מאַכט מיטלעבן יענע גרויסע צײַט און גרויסע מעשׂים. מחמת װאָס? מחמת עס פֿעלן נישט דער רעזשי און די מיטלען דערצו: עס װירקט מיט די רויטע אַרמיי, עס װירקן מיט אוזבעקיסטאַנער, מיט זײער פֿאַרביקער הלבשה און מיט זײער גאַנצן ספּעציפֿישן שטײגער פֿון ריידן און האַנדלען, אויך אַקטיאָרן פֿאַר די ספּעציפֿישע ראָלן זײַנען אוזבעקיסטאַנער. און עס באַקומט זיך פֿון אַן עפּיזאָד אַ גראַנדיעזער ספּעקטאַקל, װאָס ערגעץ אַנדערש איז אים אוממעגלעך אויפֿצושטעלן. און אַזױ איבערצײַגנדיק איז דער ספּעקטאַקל און די האַנדלונג, אַז איר באַמערקט נישט, אַז דאָס איז אַ סאָװעטישע פּראָפּאַגאַנדע. זי דרינגט אין אײַך אַרײַן, די פּראָפּאַגאַנדע, אָן אײַער װיסן, אַזױ טיף, אַז װען איר זעט אויף דער בינע דעם רעװאָלוציאָנערן קאָמיטעט פֿאַרמשפּטן צום טויט אַ חבר און אים דערשיסן, זענט איר פּונקט װי זײ אַזױ האַרט אינעם דין און אַזױ האַרט צו זיך װי זײ, די אַ׳מדערשיטערטע קעמפֿער און איר גײט אַרויס פֿון טעאַטער מיט אַ שבֿועה בײַ זיך אין האַרצן: אָט אַזױ װעל איך זײַן, אָט אַזױ װי זײ, די ליכטיקע, די גרויסע קעמפֿער.

58

אין מאָסקװע איז קײן צײַט נישטאָ צו פֿאַרטראַכטן זיך. איר גײט, איר זעט, איר װערט פֿאַרכאַפּט פֿון דער נײַקײט, פֿון דער גראַנדיעזקײט, איר װערט פֿאַרכאַפּט. פֿאַרװאונדערט, נאָר פֿאַרטראַכטן זיך, דערקלערן זיך די דערשײַנונגען האָט איר קײן צײַט נישט. — איך זאָג דאָס בנוגע אונדזערן אַ מענטשן, װאָס קומט אויף אַ װײַל, אויף עטלעכע

טעג און וויל אַלץ זען — נאָר אַז איר קומט אַהיים און איר פירט דורך פאַר אייערע אויגן דאָס, וואָס איר האָט געזען, פאַרגינט איר זיך צו זוכן דערקלערונגען און ערשט דעמאָלט באַקומען די געזעענע זאַכן נאָך מער פאַרנעם, זיי וואַקסן אויס, און נישט נאָר אין דער ברייט און דער לענג, נאָר אויך אין דער טיף פון די צייט און רוים-באַגריפן.

איר קומט אַהיים, ציט אויס די מידע פיס אויפן זאַרגעוודיקן מיט באַזונדערער באַקוועמלעכקייט צוגעגרייטן געלעגער ביי אייער פריינט אין שטוב, איר באַטעמט און אַנטשולדיקט זיך פאַר זיך אַליין אייער מיסברויך מיט דער גאַסטפריינטלעכקייט און דאָן, ווען די אויגן רוען, לאָזט איר דורכגיין פאַר זיך דאָס געזעענע און געהערטע און איר פרעגט זיך און פאַרענטפערט זיך, דאָס וואָס פריער האָט איר קיין צייט נישט געהאַט צו טון.

איר האָט געזען קונסט: טעאַטער, קינאָ, מוזיק-אינסטיטוציעס, געהערט קאָנצערטן, אָפּערע, באַלעט, זיך באַקאַנט מיט מאַלעריי און סקולפּטור, מוזייען, אַרכיוון און איר טראַכט זיך: אַט דאָס אַלץ אין אַזאַ גראַנדיעזן פאַרנעם, אַזוי אויסערגעוויינלעך רייך, אַזוי פענאָמענאַל ריזיק און אויגן-פאַררייסנדיק הויך קענגאיבער דעם, וואָס איז אויף דעם געביט פאַראַן אין דער „רייכער" מערב-אייראָפּע, מיט אירע פעט-ביילדיקע קונסט-קויפער, אין אַ לאַנד פון פעטע ביימלען, אין אַ לאַנד פון גרייטע אָנגעזאַמלטע קאַפּיטאַלן, וואָס איר קאַפּיטאַל-אָנזאַמלונג ווערט געמאַכט דורך אַזאַ אַלעמען פאַרכאַפּנדיקער אָנשטרענגונג און אַזאַ אימפּעט, דורך דעם פינפיאָר-פּלאַן, די „פּיאַטילעטקע", וואָס אירע ציפערן, פאַרביקע דיאַגראַמען און אַפּישן, לאָזן אייך נישט פאַרבייגיין גלייכגילטיק מיט זייערע טרעפנדיקע ווי פיילן און צוציענדיקע ווי מאַגנעט פאָרמען, פאַרבן און פייערן. איר זענט דאָך אַליין אויך פון אַ גרויסער שטאָט, מיט פאַרביקער, פייערדיקער רעקלאַמע אין אירע צענטראַלע גאַסן, און דאָ, אין מאָסקווע, איז אפילו קיין הונדערט חלק נישט פון אַט די פאַרביקע רעקלאַמע-פייערן אין דער נאַכט, ווי אין פּאַריז, בערלין און בוענאָס איירעס און דאָך האָט איר דעם איינדרוק, ווי די לויכטנדיקע רעקלאַמעס און אַפּישן אין יענע שטעט זיינען נישט מער ווי אַ דעקאָראַציע פון אַ פּרעמדן פּאַלאַץ, ווי אַן אילומינאַציע צו אַ

מלוכהשן טראַדיציאָנעלן יום-טוב, וואָס האָט שוין לאַנג זיין לעבעדיקע באַדייטונג אָנגעוואוירן, בעת דאָס ווייניקע דאָ אין מאָסקווע, שטעכט אייך אויף אויף זיינע פיילן און מאַכט אייך איינס מיט די לייכטנדיקע ציפערן און צילן.. איז אָט דאָ, אין דער הויפּטשטאָט פון אַלעמענס אימפּעטדיקן און אָנגעשטרענגטן לויפן און צילן צום אָנגעצייכנטן ציל פונעם פינפיאָר־פּלאַן — די גייסטע פאָרמען פון דער קונסט און די העכסטע פאַרערונג און פיעטעט צו איר!

אָט בין איך געווען אין „די מלוכהשע מוזיקאַלישע קורסן" אויפן נאָמען פון איגאָר סטראַווינסקי, דער אינסטיטוט, וואָס ווערט אָנגעפירט פון פּראָפעסאָר אברהם (אבראַם באַריסאָוויטש) געלפגאַט. אַז דער אינסטיטוט זאָל זיין אָנגעפירט פון אונדזער פריינט און מיטאַרבעטער פּראָפעסאָר געלפגאַט, — דעם מאַרקסיסטישן מוזיק־געלערנטן, דעם וואונדערלעכן מאַרקסיסטישן קאָמענטאַטאָר פון סקריאַבין און די אַנדערע רוסישע מוזיקאַלישע גאונים, דעם ליבן פאָלקס־מענטשן און איבערגעגעבענעם סאָוועטישן בירגער, ווען אַפילו נישט קיין פּאַרטיי-מיטגליד — דאָס האָב איך פאַרשטאַנען; אָבער אַז אַ סאָוועטישער מלוכהשער אינסטיטוט, וואָס גרייט צו מוזיקאַלישע כוחות פאַר אָפּערע און כאָר־קאָנצערטן, פאַר די סימפאָנישע און אָפּערן־אָרקעסטערס, פאַר עסטראַדע מוזיקער און אַפילו רוטאַרמייאישע קאַפּעלמייסטערס, זאָל טראָגן דעם נאָמען פון איגאָר סטראַווינסקי, דעם אַנטיסאָוועטישן ווייסן עמיגראַנט, וואָס וואוינט ערגעץ ביים „בלויען ברעג" אין איטאַליע, צי וואו, — דאָס האָב איך זיך נישט פאַרגעשטעלט. און אין קאַבינעט פון דער דירעקציע, אויף דער וואַנט אין סאַמע אויבנאָן, הענגט דאָס בילד פון איגאָר סטראַווינסקי, מיט זיינעם אַ פאַקסימיל. און אויפן טיש ביים דירעקטאָר, דאָס אָריגינעלע בילד אין אַ קאַבינעט־ראַמל, מיט דער אויטענטישער חתימה פון איגאָר סטראַווינסקי. און שוין נישט לונאַטשאַרסקי — דער ראַפינירטער אייראָפּעער, וואָס קען זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם אייראָפּעאישן בורזשואזן קולטור־האָניק, ווי שמשון הגבור פון דעם האָניק אין דעם לייבן־שאַרבן — איז שוין געשטאַנען בעת מיין באַזוך — אין דער שפּיץ פונעם אַלפאַרבאַנדישן קאָמיטעט־ריאַט פון פאָלקס־בילדונג, וואָס אונטער זיין אויפזיכט עס געפינט זיך

אויך דער מלוכהשער אינסטיטוט, נאָר בובנאָוו, דער פאַרהאַרטעוועטער פּראָלעטאַרישער קולטור־טוער פון די רוסישע זאַוואָדן! און אַז איך האָב מיין פאַרוואונדערונג אַרויסגעזאָגט דעם ליבן פּראָפעסאָר געלפּ־גאַט, האָט ער מיר געזאָגט: איגאָר סטראַווינסקי איז דער מאָדערנסטער מוזיק־געני פון אונדזער צייט, זיין פּאָלימיק שענקען מיר אים אוועק, אים געפעלט נישט דאָס באָלשעוויסטישע פּאַטערלאַנד, זאָל ער זיך וואוינען געזונטערהייט אין אויסלאַנד, נאָר זיין מוזיק איז אונדזערע, ער איז דער מאָדערנסטער מוזיקאַלישער אויסדרוק פון רוסלאַנד און אַלס אַזעלכן וועלן מיר אים נישט אוועקשענקען דער אויסלענדישער סנאָביסטישער בורזשואַזיע, וועלכע פאַרשטייט אים סיי ווי נישט. ער אַליין, סטראַווינסקי, פילט זיך דערמיט, מיט אונדזער אָנערקענונג, אַרויסגעהויבן פון דער פאַרשידענער עמיגראַנטישער „סוואָלאָטש".

און ווייסט איר, וואו איך האָב די דאָזיקע מלוכהשע אינסטיטוציע געטראָפן? אין אַ הויף, אַ זייער שיינעם, גרויסן און ציכטיקן הויף, אין פעטראָווסקי געסל נומער 3, נאָר א י ן א ק ע ל ע ר, איז אַ „פּאָדוואַל", ווי מען רופט עס אין רוסיש. ס'איז נישטאָ קיין דירה אויבן, לעבט מען אונטן, מען ציט טענער אויף אַלע שטימען און אויף אַלע אינסטרומענטן אונטער די געוועלבטע סטעליעס פון די קעלער־צימערן.

אויפגענומען אַלס שילער ווערן די באַגאַבטערע, די אמת פּעאַי־קע, די וואָס ווילן מאַכן אַ מוזיקאַלישע קאַריערע: עס ווערן דעריבער נישט אָנגענומען גלאַט בעלנים צו קענען זינגען אָדער שפּילן צום איי־גענעם צייט־פאַרטרייב; פאַרשטייט זיך, אַז „באַרישניעס", אָן פּראָ־לעטאַרישן יחוס, ווערן נישט אָנגענומען. עס מערקט זיך און עס איז אויך ווינשאַפטלעך־סיסטעמאַטיש באַוויזן — זאָגט מיר דער פּראָפעסאָר געלפּגאַט, אַז עס פעלן זיך טענאָרן. עס ווערט אויף דער וועלט אַלץ ווייניקער טענאָר־שטימען. צווישן די פּרויעןן שטימען ווערן אַלץ ווייניקער מעצאָ־סאָפּראַנאָס. די דאָזיקע דערשיינונג פילט זיך אויך אין ראַטנפאַרבאַנד. ביי אַ גוטן טענאָר אָדער מעצאָ־סאָפּראַנאָ איז מען דעריבער נישט אַזוי מקפּיד אויף זיין „סאָציאַלער לאַגע", דאָס הייסט אויף זיין פּראָלעטאַרישן יחוס.

מיט דעם פּראָפעסאָר געלפגאט בין איך אויך געגאנגען זען רו־
כישע אָפּערע און רוסישן באַלעט. מערסטער רוסישער באַלעט איז גע־
בויט אויף די פאָלקס־מעשיות, „איוואנושקא דוראטשאָק", „ קאָניאָק
גאָרבונאָק", „פּעטרושקאַ" און ענלעכע. פאַראַן שוין אָבער אויך באַ־
לעט אויף מאָדערנע טעמען, דעם גרעסטן פוראָר מאַכט אין מאָסקווע
דער באַלעט „קראַסני מאַק" (רויטער מאָן). די טעמע איז נישט קיין
גוואַלדיק סאָוועטישע און אויף וויפל זי איז סאָוועטיש, אויף אזוי פיל
איז זי נאַריש, מחמת אזאַ איז איר סאָוועטישקייט; ס'איז א מעשה, ווי
אַזוי אַ קאַפּיטאַן פון א רוסישער שיף אין כינע, נעמט זיך אָן פאר א
כינעזישער קאַבארעט־זינגערן, א „גיישאַ", וואָס ווערט עקספּלואטירט
און געשלאָגן פון איר „רופיאַן", בעת א קאַפּיטאַן פון אַן ענגלישער
שיף, א גאַנצער „זשענטעלמען", אונטערהאנדלט מיט דעם רופיאַן וועגן
פּרייז פון איר „ליבע"; נאָר אויף דערויף זיינען עס דאָך באַלעטן, אז
זייערע טעמעס זאָלן זיין נאַריש. דער באַלעט טיילט זיך אָבער אויס
פון אַלע אנדערע, וואָס א חוץ דער זיסער ביז צום פארשלעפערן, „גן־
עדן"־מוזיק, מיט וועלכער ס'זיינען פול אַלע אַנדערע באַלעטן, זיינען
דאָ פאַראַן איינציקע נייע מאָטיוון, מאָטיוון פון אַרבעט און בונטאַריש־
קייט. איינער אזאַ מאָטיוו, איז דער ריטם פון טרעגער, פון כינעזישע
„קולים", וואָס לאָדן אָפּ אָדער לאָדן אָן די שיפן, מיט וועלכן דער באַ־
לעט הויבט זיך אָן; דער צווייטער מאָטיוו איז א מאַטראָסן־טאַנץ אונ־
טערן פּאָפּולערן אין דער רעוואָלוציע־צייט רוסישן לידל „יאַבלאָטשקאָ"
(עפּעלע): „יאַבלאָטשקאָ קודאַ קאָטישסיאַ?" (וואוהין קייקלסטו זיך
עפּעלע?) א טאַנץ, וואָס דערגרייכט צו גרויסן עקסטאַז. פּראָפעסאָר
געלפגאט האָט מיר אויך רעקאָמענדירט צו זען דעם סימפאָנישן אָר־
קעסטער, וואָס שפּילט אָן א דיריגענט; א נייס, וואָס מען האָט פון אָנ־
הויב אויסגעלאַכט און איצט האָט זיך עס אימפּאָנירט, מחמת דער
דאָזיקער סימפאָנישער אָרקעסטער שטייגט אריבער מיט זיין צוזאמענ־
שפּיל די אַנדערע אָרקעסטערס, וואָס ווערן דיריזשירט. אנשטאָט, וואָס
אַנדערע אָרקעסטערס טראָגן דעם כאַראַקטער און דעם טעמפּעראַמענט
פון זייערע דיריגענטן, איז דער טאָן און טעמפּעראַמענט פון דעם אָר־
קעסטער, א רעזולטאַט פון א קאָלעקטיוון שטודיום. די איניציאַטאָרן פון
דעם אָרקעסטער זיינען דריי אידן, וועלכע מען האָט, ווי געזאָגט, צו־

ערשט אויסגעלאכט און אפילו אנגערופן משוגעים, איצט רעדט מען וועגן זיי מיט גרויס רעספעקט.

און אט איז קינא. איך גיי זען דאס בילד „סאלאווקי", א פילם פון דעם סאוועטישן פארשיקונגס-אינדזל, אדער אינדזלען ביים ווייסן ים, וואס באווייזט ווי אזוי פארברעכער ווערן רעגענערירט ביי ארבעט. דא בילד איז פול מיט אויגנפארכאפנדיקער פאנאראמע פון יענער ווייטער קאלטער געגנט. אבער נישט דאס איז דער עיקר. דאס בילד פארמאגט צום סוף אן אפאטעאז פון ארבעט און טעכניק, וואס דער וואס האט דאס בילד נישט געזען, קאן זיך קוים פארשטעלן ווי גראנדיעז עס איז אט דער אפאטעאז פון דער טעכניק, פון דעם וואלד מיט פאסן, שרויבן און באוועגער, וואס קריצן איין אין מוח די אידייע פון דער וועלטבאוועגנדער מאכט פון דער טעכניק.

איך האב מיך דערמאנט אין אט דעם קינא־בילד, אין דעם אפאטעאז פון דער טעכניק, וואס די נייע רוסלאנד האט איר וועלטבאוועגנדיקע מאכט איינגעשפאנט אין איר געיעג צום סאציאליזם. און עס איז מיר אויך קלאר געווארן די ראל פון דער דאזיקער טעכניק אינעם אויפשטייג פון דער קונסט אינעם ראטנפארבאנד און נישט קיין ווידערשפרוך האב איך שוין געזען אינעם וואוקס פון דער קונסט בעת דעם אימפעט פון דער ארבעט, נאר דעם הארמאנישן געלויף פון די צוויי מענטשלעכע און געזעלשאפטלעכע טעטיקייטן אויף דעם וועג צו דער פולקאמענהייט. כאטש, האב איך מיר געטראכט, א סך פון דער הויך און דעם פרעסטיזש, וואס די רוסישע קונסט האט פאר זיך דערווארבן, געהער צו יענער צייט, ווען דעם ארט פון דער טעכניק, האט ביי די רוסישע קינסטלער פארנומען דער אידעאליסטישער שטרעבן און די ליבע צום פאלק; פאקטארן, וואס ווירקן היינט מיט צוזאמען מיט דער טעכניק, אין דער קונסט, ווי אויף אלע אנדערע געביטן.

איך האב מיך נישט איינגעהאלטן און האב אונטערן צודעק אויף מיין געלעגער, כמעט אויסגעשריגן:

דאס גרויסע רוסלאנד!

דעם צווייטן טאג, האבן איך בייגעוואוינט אזא סצענע:
אין דער אויסלענדישער אפטיילונג פון דער מאסקווער אדמיניס־

טראציע, וואו איך בין געקומען פארטיק מאכן מיינע דאקומענטן צום אפפארן, איז דער זאל פול געווען מיט כינעזער.

איבער א מאה זיינען זיי דא געווען. זיי זיינען געווען אין ראטנ־פארבאנד אויף באזוך און עס האט זיך זיי געענדיקט דער טערמין. און געקומען זיינען זיי אין דער אדמיניסטראציע בעטן מען זאל זיי דער־לויבן צו פארבלייבן אינעם ראטנפארבאנד. זייער דאלמעטשער האט אין זייער נאמען געטענהט: מיר זיינען פריינט פון רוסלאנד. ווי קענען מיר פארלאזן רוסלאנד!

און די אדמיניסטראציע, ווי אדמיניסטראציעס אויף דער גאנצער וועלט, וויל פון גארנישט נישט וויסן. און ס'איז אויך נישט איר זאך צו וועלן וויסן. איר פסק איז א פארטיקער.

און אט איז אן אונגאר. ער ארבעט דא און פארדינט און האט ליב רוסלאנד, נאר זיין פרוי האט זיך פארבענקט נאך די עלטערן אין אונגארן און די עלטערן האבן געשיקט אויף הוצאות פאר דער גאנצער פאמיליע, אויך פאר אים מיט די קינדער. ער האט שוין פארטיק גע־מאכט די פאפירן, אלץ איז פארטיק צו אפפארן. אבער, ער קען נישט! שטייט ער דא ביים פענצטערל און בעט זיך: ער האט זיך באקלערט, זאל פארן זיין פרוי מיט די קינדער, זיי וועלן נאך צוריקקומען. ער וועט בלייבן דא. זאל מען אים ארויסנעמען פונעם אלגעמיינעם פאס־פארט וואס ער האט געמאכט...

דער אדמינאטדיעל וויל נישט וויסן.

צי דער אדמינאטדיעל האט אים מיטגעפילט? אפשר. אבער איך, האב אים זייער און זייער מיטגעפילט.

שווער צו פארלאזן דאס נייע רוסלאנד, דאס שטייגנדיקע סאווע־טישע רוסלאנד!

59

די דערלויבעניש צו וואוינען אינעם ראטנפארבאנד האב איך שוין נישט. דער באאמטער פון דער מאסקווער אדמיניסטראציע האט דעם דאקומענט ביי מיר אפגענומען און דערביי פארחידושט געקוקט אויף

מיין פּראָלאָנגאַציע. אָנשטאָט דעם האָב איך ביי מיר אין פּאַספּאָרט אַ וויזע אויף אַרויסצופאָרן דורך ניעגאָרעלאָיע און אַ וויזע פונעם פּוילישן קאָנסול אין מאָסקווע, מיט אַ דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אַ פּאָר וואָכן אין פּוילן. איך באַטראַכט מיך ווי אַ מת נאָך דער טהרה, גרייט מיט אַלעם גרייטן, שוין אַפילו מיט אַ צעטל פון דער חברה קדישא אַריבערגעפּעקלט צו ווערן אויף יענער וועלט.

געזעגנט האָב איך מיך שוין אויך מיט יעדן. אַ טייל פון מיינע נייע חברים האָבן צוגעזאָגט זיין ביי דער באַן. חבר משה טייטש באַזאָרגט מיך מיט אַן אויטאָ. ער וויל מיך באַגלייטן, נאָר זיין פרוי איז נישט געזונט. עס באַגלייט מיך דאָס יונגע פּאָרפּאָלק טייטש. און אָט איז קושנירעוו. דער יונגער טייטש כאַפּט זיך צום זייגער; אַז קושנירעוו איז שוין דאָ, איז אַ סימן, אַז עס פעלט צוויי מינוט די באַן זאָל אָפּגיין... נאָר קושנירעוו איז גראָד געקומען מיט גאַנצע צען מינוט פריער. מיר האָבן נאָך צייט צו שפּאַצירן פאַרן פענצטערל פון מיין קופּע און עסן אַ לעצטן חברלעכן כיבוד, אַנטאָנאָווער עפּל.

נאָר די שיינע מינוטן זיינען געציילטע. עס ציילט זיי דער גרויסער זייגער פונעם פעראָן און דער צוג־באַגלייטער, וואָס שטייט גרייט מיט זיין פייפל ביז עס געשעט. זיי זיינען פאַרבליבן, מיינע באַגלייטער — פאַרבליבן אין מאָסקווע דער שטאָט פון דער וועלט, וואָס באַגייט זיך — און מיך האָט דער צוג אַוועקגעפירט.

איך האָב נאָך פאָר זיך מינסק. מאָרגן אַרום 9 אַזייגער בין איך אין מינסק. און מינסק איז די שטאָט פון אידישער סאָוועטישער קולטור, מיט וועלכער איך וועל מיך באַקענען. איך האָב נאָך פאָר זיך אַ טאָג סאָוועטיש און אידיש־סאָוועטיש לעבן...

אָבער, אַז מען פאָרט אין קופּע אַליין און עס איז נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײַדן, גלוסט זיך אַריינגיין אין עס־וואַגאָן, טרינקען אַ גלאָז טיי. און דאָ — דאָ זענט איר שוין אין „אייראָפּע". דער מעניו אויף די ווייס געדעקטע און מיט בלומען באַפּוצטע טישלעך, פאַרמאָגט אַ רייכן אַסאָרטימענט פון וויינען און ליקאָרן, מאכלים מיט פראַנצויזישע נעמען, „אַ לאַ פּאָמפּאַדור", די קעלנער ריידן אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך איר ווילט: „פּראָשע פּאַנאַ", „ביטע" און „גראַן מער־

סי". און שוין זיצט ביי אַ טישל אַ הער מיט אַ דאַמע, ער אין שוואַרצן פראַק און זי אין ליכטן „סואַרע", מיט די עלנבויגנס אויפן טיש און די דלאָניעס אונטער דער גאָמבע פון אַ פּנים מיט צוגעפיקסטע ברעמען און צוגעזשמורעטע אויגן, וואָס קוקן אויף דעם הער, ווי זיי וואָלטן אים „געשטודירט" — קאַבאַרעט־מעסיק.

זיצט איר און טרינקט אַ גלאָז טיי און אַ צווייטע און רויכערט איין ציגאַרעטל נאָכן צווייטן, ביז מען פאַרמאַכט... און עס דאַכט זיך אייך, אַז איר זענט שוין אַריין אין דעם עולם התוהו, וואוהין עס האָט זיך אייך נישט געגלוסט אַריין, ווי עס גלוסט זיך נישט שטאַרבן.

שלאָפן גיין גלוסט זיך אויך נישט. עס דוכט זיך, ווי מיטן שלאָפן גיין, וואָלט איך ביי זיך געפועלט אָט דאָס שטאַרבן, ווי יענער נאָמבערגישער העלד, שפּיגלמאַן, וואָס האָט שוין גאַרנישט צו פאַרלירן און איך נעם גיין איבער די וואַגאָנען זוכן אַ מענטשן מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורייד ן. אַז מען זוכט געפינט מען. איך האָב געפונען אַ אידישן יונגנמאַן, וואָס שפּאַנט די אויגן אין דער טונקעלער שויב פונעם וואַגאָן־פענצטער. נישט קענענדיק אים און נישט זעענדיק זיין פּנים, איז ער מיר נאָענט געוואָרן. אין דער טונקעלער שויב פונעם פענצטער ליגט די נאַכט, דאָס פינצטערע האַלבע לעבן אונדזערס, וואָס מיר אין די שטעט האָבן אויך האַלב באַלויכטן און לעבעדיק געמאַכט, מיט קינסטלעכן ליכט און קינסטלעכן לעבן, מיט אַ יום־טובדיקן איבערטראָגן זיך, מיט טעאַטער און קאַבאַרעט, בעת אויסער דער שטאָט רעזיגנירט מען פאַר איר פינצטערניש און מער ווי אַ פּאָר שעה, אויף וועמשערע אַפּצועסן, נעמט מען ביי איר נישט... אַז ער קוקט, מסתמא זעט ער דאָס אייגענע וואָס איך: די שלאָפנדיקע האָרעפּאַשנע וועלט, וואָס רעזיגנירט פאַר דער פינצטערניש פון דער נאַכט, און ער וויל אויפבאַפן, טראָגנדיק זיך מיט דער ציוויליזאַציע — באַן, די פייערלעך אין דער פינצטערניש, סימנים פון לעבן אין דער נאַכט אַריינגעריסענע, שעהן ביים טויט אַוועקגעריסענע... אַז ער קוקט, מסתמא האָט ער, ווי איך, אַמאָל אַלס קינד מורא געהאַט פאַר דער פינצטערניש און נישט איינמאָל מסתמא אינמיטן דער קינדערישער פרייד דאָס געלעכטער אָפּגעהאַקט אַ קוק טוענדיק אין דער פינצטערער שויב און איצט, איז ער דער וואַגנדיקער, איצט רופט ער אַרויס די פינצטערניש אויף קאַמף...

ער איז אָבער גאַנץ פּראָזאיש געשטימט. עס שלאָפט זיך אים נישט, שטייט ער דאָ אין דורכגאַנג ביים פענצטער. מיר זיינען שוין ביי וויאַזמאַ, פיר אַזייגער וועלן מיר זיין אין סמאָלענסק, ביים סמאָלענסקער וואָקזאַל וועט אים אַ מענטש אָפּוואַרטן, ער האָט אים עפּעס איבערצוגעבן...

דער יונגערמאַן האָט זיך מיט זיין דערקלערונג אַריינגעריסן ווי אַ „חול המועד" צו מיר אין יום־טוב אַריין. ער האָט מיר מיט זיין דערקלערונג דערמאָנט אין אַ צווייטן שטיק נאַכט, אין דער לעצטער שעה פון דער נאַכט, וואָס די אַרבעט רייסט פון איר אַוועק, אינעם „פּאַרטאָג" אויפשטיין פון די פורמאַנעס, פון די באַן און האַפן־טרעגער, פון די שפּייז־באַזאַרגער, וואָס ציען זיך פון די דערפער אין די שטעט מיט זייערע וועגענער קרויט און קאַרטאָפל און דערנאָך אויך אין די נישט אויסגעלאָשענע פייערן פון די שמעלצאויוונס, ביי וועלכע עס טורנירן זיך די גיפער־אַרבעטער דורך די נעכט ווי דורך די טעג...

ער פאָרט אויך קיין מינסק, דער יונגערמאַן. זיין באַשעפטיקונג? ער מיידט אוים מיר צו ענטפערן דירעקט. ס'איז נישט גוט, זאָגט ער. ערד... יאָ, ס'איז אפשר דאָס בעסטע, גיין אויף ערד, ער איז גרייט אפילו צו פאָרן קיין ביראָבידזשאַן, נאָר, כ'ווייס, ס'דאַכט זיך, אפשר, פאָרט, אַזוי איז מען אַ שטיקל מענטש, מען פאָרט אַרום, מען זעט זיך מיט מענטשן און דאָרט, אַ פּויער, אַרבעט און שלאָף... נאָר ווידער, אַזאַ יאָר אויף מיר, זאָגט ער, ווי זיי איז בעסער פון מיר; די אידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף קאַמאַראָווקע (מינסקער אידישער ערד־פאָנד), אויף קאַלינקאָוויטש (מאָזירער אידישער ערד־פאָנד) און זאַכאָד (האָמלער אידישער ערד־פאָנד), מער ווי צען טויזנט אידישע משפחות, האָבן זיך שוין איינגעלעבט; מיינער אַ קרוב האָט שוין אפילו באַקומען אַ „פּאַכוואַלני ליסט" (אַ לויב־פּאַפּיר), אויף דער אויסשטעלונג פון „געזערד" אין מאָסקווע, פאַר זיין אַרבעט. און ס'איז גאָרנישט אַזוי שווער, ווי מען האָט געמיינט, בפרט, אַז מען אַרבעט בחברותא, אין אַ קאָלעקטיוו. און איר מיינט, זאָגט ער, איך בין שוין נישט געווען פאַרשריבן אויף ביראָבידזשאַן? — פון אונדז זיינען פאַראַיאָרן אַוועקגעפאָרן אַ סך יונגעלייט קיין ביראָבידזשאַן — האָב איך פאָרן פאָרן חרטה געהאַט. אַ פאַרשאָלטענע זאַך דאָס מסחר! עס

דאכט זיך, אט שיס איך דעם פויגל. חזיר־האר איז ביי אונדז היינט א גרויסע זאך. מען שיקט עס קיין אויסלאנד, נאר איבל מסתמא סוף כל סוף גיין אויף ערד...

ער ווערט דערביי געוואר, אז איך פאר אין שליחות פון א אידי־שער ארגאניזאציע, וואס העלפט דער אידישער באזעצונג אויף ערד און ער ווערט נאך באריידעוודיקער:

— וואס זאל איך אייך זאגן? אידן גייען נישט מיט גרוים חשק אויף ערד, נאר מען גייט. איר שטעלט זיך פאר, אז ביאלארוסיע האט זיך אמאל גערעכנט פאר א געגנט מיט א סך אידישע פויערים, מיט גאנצע אידישע פויערישע דערפער און אין מינסק (ביי אים קומט עס ארויס מינצק) איז אפילו געווען אוועקגעשטעלט פון דער יקא א שולע אויף צו לערנען ערד־ארבעט. וויפל, מיינט איר, איז געווען אידישע פויערים אין ביאלארוסיע פאר דער מלחמה? קיין צוויי טויזנט נישט געווען. און איצט איז דא העכער צען טויזנט. ס'איז א חשבון פון העכער פופציק טויזנט נפשות. איך בין אייך ערב, אז אין א יאר ארום וועט זיין וויניקסטנס פופצן טויזנט פויערים אידישע, פינף און זי־בעציק טויזנט אידישע נפשות אויף ערד, א חוץ וואס מען וועט אוועק־פארן קיין קרימייע (קרים) און בירא־בידזשאן. מען נעמט שוין ביי אונדז טריקענען די בלאטעס, וואס דאס וועט זיין די בעסטע ערד און מען רייניקט שוין אויך די „ליאדעס" (וואלד־ערד) אויף צו באזעצן די אידישע משפחות, וואס האבן זיך פארשריבן.

אויפן צווייטן טאג, ווען איך בין אריינגעקומען אין מינסקער „גע־זערד"־ביורא און פארפירט א שמועס מיטן סעקרעטאר מכוח דער אר־בעט און דעם צושטאנד פון דער אידישער ערד־איינארדענונג אין ווייס־רוסלאנד, האב איך באקומען ציפערן, וואס זיינען מיר גאנץ גאענט באקאנט געווען. דער יונגערמאן, וואס קען זיך נישט אפרייסן פון דעם האנדל מיט חזיר־האר, האט זיך ארויסגעוויזן, איז גאנץ גוט באקאנט מיט דער זאך. און נישט נאר ער — גאנץ מינסק; מינסקער אידן, וועלכע האבן זיך ארום מיר ארומגעשטעלט אין א רעדל אין שיל־הויף, האבן אלע גערעדט ווען דער ערד־איינארדענונג, ארויסווייזנדיק בקי־אות אין ציפערן. א באווייז, אז דער הויפט־אינטערעס אין שטאט דרייט זיך ארום דער ערד־איינארדענונג.

דער שמועס מיט דעם יונגנמאַן, וואָס האָט געקוקט אין וואַגאָן־פענצטער, וואַרטנדיק אויף דער סטאַנציע סמאָלענסק, האָט מיך אויס־געניכטערט, ארויסגעפירט מיך פון דער שטימונגס־וועלט; די בייַנק־שאַפט נאָך מאָסקווע, וואָס איך האָב פאַרלאָזן, האָט פאַרנומען מינסק, וואָס ליגט מיר אין וועג.

60

ס'איז נאָכמיטיק. אין רעדאַקציע פון „אָקטיאַבר" האָט זיך שוין אָנגעהויבן די אַרבעט. עס איז שוין דאָ דער שעף־רעדאַקטאָר, חבר דוניעץ, אַ געוועזענער בונדישער טוער, וואָס פאַרנעמט דאָס אָרט פון חבר אַשעראָוויטש, וועלכער איז אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע. פאַראַן דער דיכטער משה קולבאַק, וועלכער אַרבעט מיט אין רעדאַקציע, לייַמע ראָזנהויז, אַ געוועזענער אָנפירער פון די פועלי־ציון, וועלכן מען שטעלט מיר פאָר אין שפּאַס, אַלס דער „רענעגאַט" און אַ גאַנצע רייַ יונגערע און עלטערע שרייבער און דיכטער.

איך זאָג, עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט און אויב איר זענט אַמאָל געווען אין אַ צייטונג און האָט זיך צוגעקוקט צו דער צייטונגס־אַרבעט, באַטאָגיקער, ווען מען אַרבעט איבער די צוגעשיקטע אָריגי־נאַלן און באַנאַכטיקער, ווען מען נעמט אויף די נייעסן און רעפּאָר־טאַזשן, וואָלט איר זיכער אַ טעותדיקע פאַרשטעלונג געהאַט וועגן דער אַרבעט אין „אָקטיאַבר". רײדנדיק וועגן דעם מהות פון אַ צייטונג אין סאָוועטרוסלאַנד, האָב איך אין איינעם פון מיינע פריערדיקע קאַפּיט־לען שוין געזאָגט, אַז אַ צייטונג אין סאָוועטרוסלאַנד איז אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענטן־אָרגאַניזאַציע און אַן אָפיציעלע קאָנטראָל־אינסטיטור־ציע. „אָקטיאַבר" איז דאָך אויך און דערצו, פּונקט ווי אַלע, אַ פּאַרטיי־צייטונג; אָבער אין קיין איינער פון די צייטונגען, וואָס איך האָב באַ־זוכט אין ראַטנפאַרבאַנד, אין מאָסקווע, כאַרקאָוו, אָדעס, אין די אידישע ווי אין די ניט־אידישע, האָב איך נישט געפילט אַזוי דעם פּולס פון דער געזעלשאַפטלעכער און פּאַרטיי־טעטיקייט ווי דאָ אין מינסקער

„אָקטיאַבר". און ווען איך זאָג, אַז אין „אָקטיאַבר" האָט זיך שוין אָנגעהויבן די אַרבעט, מיין איך עס אָט די אַרבעט, די געזעלשאַפטלעך־פּאַרטייאישע.

דאָ, אין „אָקטיאַבר" גופא, דאַרף היינט פאַרקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די מינסקער שרייבער בנוגע דעם אַרויסטריט פון די פיר שרייבער פון דער גיר־יאַרקער „פרייהייט", אַן אַרבקאָרן־פאַרזאַמלונג, אַ פאַר־זאַמלונג פון אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדיסטן. איך וויל זיין אויף אַלע פאַרזאַמלונגען. פון אָט די פאַרזאַמלונגען קען מען זיך באַקענען מיט דעם אופן פון דער אַרבעט אויף די מינסקער פאַבריקן, אַרטעלן און אַנדערע אונטערנעמונגען, דאָ קען מען זיך באַקענען מיט דעם גראַד קולטור פון מינסקער אידישער באַפעלקערונג און מיט די שטימונגען פון די אָרטיקע שרייבער. וויל איך אָבער אויך באַזוכן די מינסקער אידישע אַנשטאַלטן, דעם געזערד, דעם פעדטעכניקום (לערער־סעמי־נאַר), די וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע, דאָס אידישע טעאַטער. און דערצו האָב איך פאַר מיר איין טאָג צייט. איך דערקלער מיין סיטוא־ציע פאַר חבר דוניעץ און ער רעקאָמענדירט מיר אַ חבר, איינעם פון די יונגע דיכטער, וועלכער וועט מיך אומעטום פירן. מיר אַרבעטן אויס אַ סדר. מינסק איז נישט אַזוי גרויס, אַז די נסיעה פון איין אָרט צום צווייטן זאָל לאַנג דויערן. מיינע באַזוכן אין „געזערד" און אין פעד־טעכניקום זיינען כמעט בלויז פאָרמעלע. דאָס וואָס איך האָב באַדאַרפט וויסן וועגן זיי, האָב איך שוין געוואוסט, געדאַרפט האָב איך בלויז באַ־שטעטיקן מיינע ידיעות. אוודאי וואָלט געווען גוט דורכפאָרן זיך אויף די אידישע ישובים, זען די ערד־אַרבעטער־קאָלעקטיוון; אוודאי וואָלט גוט געווען פאַרבלייבן אַ טאָג און צוזען, ווי עס גייען די למודים אינעם פעדטעכניקום, בייזיין אַ פּאָר לעקציעס, נאָר ווי געזאָגט, האָב איך שוין דערויף קיין צייט נישט. איך באַטראַכט די בנינים, פאַרצייכן דאַטן, וואָס איך נעם ביי די פאַרוואַלטערס.

אין דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע נעמט מיך אויף דער דעקאַן פּראָפעסאָר סאָשעס. ער באַקענט מיך מיט מאַקס עריק, וועלכער איז שוין אַ וואָך צייט אין מינסק און סאָשעס מאַכט זיך נאָך אָפּנים נישט וויסנדיק, אַז עריק איז געקומען אויף זיין פּלאַץ. פּראָפעסאָר סאָשעס

קלערט מיר אויף די פונקציע פון דער אַקאַדעמיע, וואו עס זיינען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע פאַרשונגען אַכצן „קאַנדידאַטן". דער רעזולטאַט פון דער אַקאַדעמישער אַרבעט, פון די פאַרשונגען, ווערט איבערגעגעבן אין די צייט-ביכער, וואָס ווערן פון דער אַקאַדעמיע אַרויסגעגעבן. מיט די אַרויסגעגעבענע ביכער בין איך גראַד באַקאַנט, און כדי צו מאַכן דעם וויזיט וואָס קירצער, בעט איך דעם סעקרעטאַר פון דער אַקאַדעמיע, לעאָן דושמאַן — אַגב אויך אַ טעאַטראַל, וואָס איז געווען אין בוענאָס איירעס אַלס סופליאָר אין 1912-1913 און דערקענט מיך — ער זאָל מיך באַזאָרגן מיט אַלע אויסגאַבן פון דער אַקאַדעמיע.

ביים געזעגענען בעט מיך ערוק: איר וועט זיין אין ווילנע, זאָגט דאָרט, אַז איך פיל מיך דאָ זייער גוט. ערשט דאָ קען מען טון אידישע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט...

ווידער בין איך אין „אָקטיאַבר". עס קומט פאָר די פאַרזאַמלונג פון די שרייבער. מיט אַ טייל בין איך שוין באַקאַנט, מיט אַ טייל באַקען איך מיך. דער אייגלייטער איז ליימע ראָזענהויז. ער רעדט וועגן דער לאַגע אין פאַלעסטינע, וואו ער געפינט זיך ווי ביי זיך אינדערהיים — דערויף איז ער דאָך געווען אַ פועלי-ציוניסט! — ער איז קלאָר אינעם ועד הלאומי, אין הסתדרות, אין אחדות העבודה, אין די מפסן, אין די פעלאַכן און עפענדים, אין די גדודניקעס און קבוצהניקעס, און אַז ער רעדט, דאַכט זיך, ווי אָט כאַפּט ער חיים וויַיצמאַנען און פלעכט אים צונויף ווי אַן הבדלה מיט דעם גרויס-מופטי און שמייסט מיט זיי ביידן מיסטער טשעמבערליינען מיט מאַקדאָנאַלדן, די פאַרשטייער פונעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. פון דאָרט כאַפּט ער זיך אַריבער קיין ניו-יאָרק, וואו די פיר שרייבער פון דער קאָמוניסטישער „פרייהייט" האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פון ציון און פונעם כלל ישראל, שטעמפּלט זיי אַלס געזעלשאַפטלעך נישט ראוי זיך צו ציילן צווישן די רעוואָלוציאָנערע אידישע שרייבער...

עס נעמען דערנאָך ווערטער אַנדערע שרייבער. קיינער געפינט נישט קיין גוט וואָרט פאַר די פיר אַרויסגעטראָטענע פון דער „פרייהייט", נישט פון די יונגע וועלכע זיינען דערצויגן אויף שטרענג פּאַרטייאישער

דיסציפלין און אויסגעהאלטנקייט, נאר אויך נישט די עלטערע, צווישן זיי צדוק דאלגאפאלסקי, וועלכער האט אמשארפסטן אנגעגריפן די פיר שרייבער, באזונדערס לייוויקן און אברהם רייזען, די פון וועלכע ער האט עם ווינציקער ווי פון אלע אנדערע דערוואַרט.

די רעזאלוציע איז געווען צו אייניקן זיך מיט דער רעזאלוציע פון דער מאסקווער אידישער שרייבער־פארזאמלונג. און אנגענומען איז זי געווארן מיט די שטימען פון אלע אנוועזנדע אויסער איינעם.

דער איינער איז געווען נח גארעליק, וועלכער האט ביי זיך נישט געקענט פועלן צו פארמשפטן און ארויסווארפן פון דער רעוואלוציא־נערער שרייבער־משפחה, דעם דיכטער לייוויק.

פון דער פארזאמלונג גיי איך מיט צדוק דאלגאפאלסקי אין טעא־טער, אין ווייסרוסישן אידישן מלוכה־טעאטער, וואס ווערט קינסט־לעריש פארוואלטעט פון דעם באקאנטן ראפאלסקי. דאס טעאטער שפילט נאך נישט, נאר עס גייען איצט דארט רעפעטיציעס פון צדוק דאלגאפאלסקיס פיעסע „מאשינען־געראנגל".

די פיעסע איז א סאוועטישע. די געבורט פון דער נייער אינדוס־טריע אין שטעטל; צוזאמענשטויס פון אלטע געוואוינהייטן מיט נייעם שטייגער, ארבעטער מיט אלטער באציאונג צו די פארוואלטער ווי צו באלעבאטים, אלטע און נייע פאמיליען־באציאונגען. די ארטיסטן — יונגעלייט, מיט יוגנטלעכן ברען, אן אקטיארישער רוטין, נאר דערפאר פריש און שפילעוודיק. און ראפאלסקי! ער ווערט נישט מיד איבער־צוחזרן א סצענע צום צענטן מאל. און אט איז אים א נייער איינפאל געקומען. בייטן א פאזיציע, בייטן אן אקטיאר, אן אקטריסע, און ער שרייט: נאכאמאל, נאכאמאל. און איך בין געזעסן און האב גע־טראכט: עס וועלן נאכדעם קומען צושויער אין טעאטער וועלן הנאה האבן פונעם ספעקטאקל און וועלן גארנישט חושד זיין וויפל אר־בעט, וויפל ענערגיע, וויפל נערוון עס זיינען דא פארשוועגדט אויף ארויסצובאקומען אט די הארמאניע, אט דער צוזאמענ־שפיל, וועלכן מיר זיינען געוואוינט אויפצונעמען ווי א מין „עקס מא־שינא", ווי א מין וווּנדער, וואס איז פונעם ים־שוים ארויסגעשפרונגען. אינעם לאנד פון ארבעט, פון שאפן, האב איך מיר געטראכט, איז מיר

שוין אפנים באשערט צו זען נישט נאר ווי עס ווערט געשאפן די אינ־
דוסטריע און דער סאציאליזם, נאר אויך ווי עס ווערט געשאפן טעאטער.

עס איז שוין געווען פינצטער אין דרויסן, ווען מיר זיינען ארויסגע־
גאנגען פונעם טעאטער, איך דער צושויער, מיטן מחבר און רעזשיסער
און עס האט א רעד געטון אין זיי דער לאקאלער פאטריאטיזם: מינסק
ווערט א גרויסע שטאט, א שיינע שטאט. איר זעט, מיר האבן שוין
פארטיק די טראמוויי־ליניעס איבער גאנץ מינסק. אין א חודש ארום,
ווען איר קומט, וואלטן מיר אייך מכבד געווען זיך דורכפארן אויף
אונדזער טראמוויי. אין א חודש ארום וועלן שוין אנקומען די וואגאנעס.

דערווייל גייען מיר צופוס. די גאס איז א גאנץ ציכטיקע, איינע
פון די נייע גאסן. נאר אט קומען מיר אריין אין צענטער און דא מוז
מען שוין גיין אויף נאסע בלאטיקע שטיינער און צעבראכענע טראָ־
טוארן. צי איז עס מחמת שבת צו נאכט, ערב דעם אפיציעלן רו־טאג
און נאכן אידישן רו־טאג, וואס האלט זיך נאך דא מיטן כוח פון דער
טראדיציע — מחמת וואס דאס זאל נישט זיין, נאר אין גאס קען מען
זיך קוים דורכרוקן, די טראטוארן זיינען פארפלייצט מיט שפאצירנ־
דיקע. מיר זיינען אריינגעגאנגען אין א קאפע־הויז און עס איז נישט
געווען קיין איין לײדיק טישל. דער עולם פארברענגט, שפאצירט און
לאזט זיך וואוילגיין. מינסק ווערט א גרויסע שטאט.

א גרויסע שטאט מינסק, נאר קיין האטעל קיין לייטישן, אויף
איבערצונעכטיקן, האב איך נישט באקומען. מיר איז אויסגעקומען צו
נעכטיקן אין אן אכסניה ביי א אידן, וואס האט אריינגעשטעלט אין
א קליין צימערל, וואו עס מעג אפשר שטיין איין בעטל, גאנצע דריי.
זיינען דעריבער די בעטלעך קורץ, און עס איז געווען דעם ערשטן מאל
אין מיין לעבן, וואס איך בין צופרידן געווען מיט מיין נישט הויכער
וואוקס און האב שטארק באדויערט איינעם א הויכן פויער, וואס איז
געשלאפן מיט מיר אין דעם זעלבן צימער פונקט אויף אזא בעטל,
אויף וועלכן איך האב די פיס נישט געקענט אויסשטרעקן.

איך בין אויפגעשטאנען ווען עס איז נאך געווען פינצטער. איך
דארף זיין ביי א פארטאגיקער באן, האב איך געזאגט א תירוץ, כדי
נישט צו פארשעמען די באלעבאסטע, וועלכע האט אזוי פרי שוין גע־
עוסקט זיך אין קיך, וואו איך האב מיך באדארפט וואשן, און בין טא־

קע אוועק צום ברייטן, באקוועמען וואקזאל, וואו איך האב ארויסגע-נומען פונעם באגאזש־קאמער מיין טשעמאדאן און אויף איינע פון די בענק די פיס אויסגעשטרעקט.

א גרויסע שטאט מינסק, האט א שיינעם וואקזאל, האט שוין נייע, ציכטיקע גאסן, האט נייע אינסטיטוציעס, פון סאוועטישער געזעל־שאפטלעכקייט, קולטור, בילדונג, וויסנשאפט; נאר פרנסות אידישע זיי־נען נאך דא פאראן אלטע און אידישקייט אלטע, אן אלטע ירושה, א נוטה למותדיקע הייזקע, אן אלטע, פארגעלטע, צעריסענע קאפאטע, מיט וועלכע די מינסקער אידן איז שווער זיך צו שיידן.

און אט בין איך שוין אינעם אינטערנאציאנאלן צוג. מיר לויפן פארביי די סטאנציעס. קיידאנאוו! לויפט פארביי א נאמען. אברהם רייזנס שטעטל. געפינען זיך עס אין סאוועטנרוסלאנד, אין דעם לאנד, וואו עס בויט זיך דער סאציאליזם, נאר אידן זיצן נאך דארט אין בית־מדרש און אן פרנסה. אין אט דער וואלדיקער רחבות שטייט דארט הינטן א שטעטל מיט „א געזינט זאלבעאכט און בעטן נאר צוויי"... אבער האפנונג האט דאס, דאס שטעטל, עס וועט קומען צו דעם די ריי, ווי זי איז געקומען צו דער גרויסער שטאט, אויפגעריכט צו ווערן.

אקארשט מען זעט נישט בין איך שוין אין ניעגאריעלאיע. אויף דער זעלביקער גרעניץ־סטאנציע, אויף וועלבער איך בין אפגעשטיגן ביים אריינפארן.

וואס פיל איך? שווער דאס איבערצוגעבן.

איך פיל מיך פול מיט נייע דערפארונגען און איינדרוקן פון א נייער וועלט, וואס שאפט זיך פון א וועלט, וואס איז ערשט אזוי אלט געוועזן, פון א וועלט מיט אזוי פיל זאפטן אויף ארויסצוברייינגען א ניי לעבן, א נייע געזעלשאפט און אין דער זעלבער צייט פיל איך אזא אומעט. אט, נאך א שפאן און איך בין אין דער אלטער אייראפע, וואס זעט אויס ווי אן אלטע מאכטלאזע נאר ראפינירטע פריצטע, וואס הערשט נאך אבער, מיט דעם כוח פון דער טראדיציע, איבער דעם גוט מיט די פאראבקעס. אט ווי יענע פריצה, איוואן טורגעניעווס בא-בע, וועלכע פלעגט צורופן אירן א כלאפ: קום אהער, וועל איך דיך פאטשן.

ניעגאַריעלאַיע!

איך האָב באַוויזן מיין רערלויבעניש אַרויסצופירן מיט זיך 50 דאָלאַר וואַליוטע און מען האָט מיך אַפילו נישט מזכּה געווען מיט רעווידירן מיין געפּעק.

סטאָלפּצע!

מען שטעמפּלט די וויזעס.

אַ פּוילישער אָפיציר קלינגט מיט די שפּאָרן, בליאַסקעט מיט זיין שווערד־שיידל און שפּיציקע אויגן פול מיט שנאה קוקן אויף איך בעת זיין ריטערלעכער זשעסט בעט איך: „פּשעפּראַשאַם".

צו די ווידעס פון בירא בידזשאַן

פ. קאַצן אַ מתנה.

באָרוויסע ווידעס,
באַוואַקסן מיט בערד
פּאַשען אויף לאָנקעס
בהמות און פערד.

טרעמפּן די סטעפּעס
מיט נאַקעטע פיס
און ברומען זיך פריידיק
אַ ניגונדל זיס:

סאָוועטנלאַנד, טייערע
ווי ליב איך דיין ערד!
און ס'פונקען די אויגן
און ס'שיינען די בערד.

געלייטערט ליגט פאַר אייך
אַ זוניקע לאַנד,
וואָס האָט אייך דערלאַנגט שטאָלץ,
פאַרברידערט, די האַנט.

גערופן אייך חבריש:
— קומט, לעבן באַנייט!
נו, העלפט איצט בויען
און פאַשעט מיט פרייד.

דערפאַר איז דער לעבן
אַ יום־טוב פאַר אייך, —
מיט קי אין די שטאַלן
מיט פיש אינעם טייך.

מיט פרייהייט וואָס יובלט
אויף יעדן טריט,
מיט פעלדער פאַרזייטע
וואו עס שפּראָצט און עס בליט!

און איר ווי די אינגלעך
פאַריונגטע צוריק —
טאַנצט איבער סטעפּעס
מיט אויפגאַנג פון גליק.

צו אייך איז מיין ברכה
אַצינדערט געווענדט:
זיידעס, — איך גריס אייך
און כ'בענטש אייערע הענט:

און אויבן, די חימלען
הויך איבערן דאָרף —
גיסן מיט שטראַלן,
פאַרגילדן דעם טאָרף;

פאַרכלינען מיט גאָלד־ליכט
דעם בוימיקן סטעפ
און קושן מיט ליבשאַפט
די זיידענע קעפ.

א, זיידעס פאַריונגטע
וואָס פאַשען די קי —
איך בענטש אייך מיט יאָרן
פאַר הייליקער מי!

געבענטשט איז אייער לעבן
מיט גרויסן פאַרמעג:
מיט בליענדע פעלדער,
מיט זוניקע טעג!

מיט רעכט נאָך דער פראַצע —
מיט ליבנדער היים —
פון ציגל, צי ברעטער,
צי אפשר פון ליים.

דאָך רואיקע זענט איר—
אָן שרעק פאַרן „חאַר"...
באַפרייטע פון אומעט,
פון נויט און פון צער.

די הענט, וואָס זיי העלפן
אויפבויען אַ לאַנד,
באַפרייטע פון קראָמען, —
פון שפּאָט און פון שאַנד.

אונטער דער פרייד פון חבר פּ. קאַצס „מיין נסיעה אין ראַטנפאַרבאַנד" האָב איך דאָס געשריבן.

איך שענק עס אים מיט דאַנקבאַרקייט.

י. ה. ראַדאָשיצקי.

ניו־יאָרק, יאַנואַר 1930.

א לעצט וואָרט

אַ לעצט וואָרט

געלייענט אויף אַ פּראָקאָר־אַקט דעם 15־טן נאָוועמ־בער 1929 אין „פּרינץ זשאָרזש האָל" צוריקקומענדיק פון דער רייזע.

חברים, נישט צו אַ באַריכט נעם איך איצט דאָס וואָרט. דערצו וועלן מיר זיך נאָך טרעפן מיט אייך און איך מיין, אַז איר וועט נישט מיד ווערן די באַריכטן צו הערן און צו לייענען. דאָ וויל איך, קורץ, ווי מיר וועט מעגלעך זיין, זיך טיילן מיט אייך מיט דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, וואָס איך האָב באַקומען אינעם ראַטנפאַרבאַנד אויף מיין שליחות פונעם „פּראָקאָר", וועגן דער אַרבעט, צו וועלכער מיר דאָ אין אַרגענטינע, לייגן צו אַ האַנט.

כדי אייך צו מאַכן פאַר שותפים צו מיין אַלגעמיינעם איינדרוק, וועגן דער אידישער באַזעצונגס־אַרבעט, וועגן דער אינדוסטריאַליזאַ־ציע פון די מאַסן און וועגן זייער קאָלעקטיוויזאַציע, מוז איך אייך אָבער פאַר דעם דערציילן וועגן אַן אַנדער אַרבעט, פון וועלכער אונדזער אַרבעט, דאָס הייסט, די אין וועלכער מיר נעמען אַ דירעקטן אָנטייל, די געזערד־אַרבעט, איז בלויז אַ חלק — די ערשטע אין דער וועלט־געשיכטע סאָציאַליסטישע בויאונג, וואָס קומט פאָר אינעם ראַטנפאַרבאַנד, אַן אַרבעט, צו וועלכער עס ווערט אָנגעווענדט דאָס לעצטע וואָרט פון דער טעכניק און פון דער וויסנשאַפט בכלל, אין אַ לאַנד וואָס איז פריי פון אַלטע אינדוסטריעלע טראַדיציעס, וועלכע שטערן דער אַנטוויקלונג פון די נייע אינדוסטריעלע פאָרמען, ווי דאָס קומט פאָר אין ענגלאַנד, למשל: פריי פון דער טראַדיציאָנעלער אייראָ־

פּעאישער פּאָליטיק, פאר וועלכער די מאסן זיינען בלויז קאָנאָנען-פליייש און וואל־מאטעריאל, נאָר נישט קיין באוואוסטזיניקע בויער; פריי פון די אלטע איינראָפּעאישע איבלען, נאָר באלאדן מיט דער גאנצער דערפאַרונג פון דער טעכניק און פון דער וויסנשאפט, מיט דעם גרויסן אוצר פון גלויבן, טאלאנט און נישט אויסגעשעפּטע כוחות, וואָס זיינען פאראן אין די ראטנפארבאנדישע מאסן, באוואָפנט מיט דעם קלאָרסטן און ניכטערסטן מעטאָד פון דערלערנען די וועלט־געשעענישן, דעם מארקסיסטיש־לעניניסטישן און מיט אן אויסדויער און עקשנות, וואָס איז אזוי נישט צום הארצן די אלטע וועלט־רויבער און זייערע וויילייביקע הומאניטערע משרתים, וועלכע מען האָט אָנגעטון דאָס מיצל פון פירער און הארן, ווערט געבויט דאָס סאָציאליסטישע לאנד. עס ווערט אויפגעבויט אן אינדוסטריע מיט די אלע טעכנישע און מעטאָדישע דערגרייכונגען פון דייטשלאנד און פון די פאריייניקטע שטאטן, נאָר מיט דעם חילוק וואָס אין איר ארבעטן נישט קיין לוין-שקלאפן, נאָר די באלעבאטים פון דעם לאנד; די אגריקולטור, וועלכע איז די באשעפטיקונג פון אכציק פּראָצענט באוואוינער פונעם לאנד, ווערט מעכאניזירט און אלס פועל יוצא דערפון גייט זי איבער צו העכערע פאָרמען פון ווירטשאפט, צו די קאָלעקטיווע פאָרמען, וועלכע פארפילפאכן די פּראָדוקטיוויטעט און פארלייכטערן די ארבעט.

אינעם לאנד פון סאָציאליסטישער בויאונג, איז, גאנץ פארשטענדלעך, די ארבעט און אויך דער פּראָדוקט פון דער ארבעט, נישטאָ מער שוין אינעם ראטנפארבאנד קיין פאבריקאנטן און קיין סוחרים. פון דעם מין זיינען בלויז פאראן אזעלכע, וואָס נארן אָפּ, ווי קאָנטראבאנדיסטן, די אויפמערקזאמקייט פון דער ראטנמאכט דורך פארשידענע שפּיצלעך, אָדער זיי נוצן אויס די שוואכקייט ביי א טייל פון די באאמטע, אָפּקויפנדיק זייער אויפמערקזאמקייט. די פּראָדוקטן ווערן פארטיילט צווישן פאָלק דורך די קאָאָפּעראטיוון, וועלכע ווערן אלץ מער און מער פארפולקאָמט.

איז אָט אין דעם לאנד פון שנעלער מעכאניזאציע, וואָס שטויסט ארויס פון דער ארבעט דעם האנטווערקער און וואו דעם אָרט פונעם האנדל פארנעמט די קאָאָפּעראציע, וואוינען די מאסן אידן, א גרויסער טייל פונעם אידישן פאָלק, וואָס זיין הויפּט-באשעפטיקונג

אימעטום און אויך אין אַלטן רוסלאַנד איז זי געווען דער האַנדל און די האַנטווערקערײַ. די דאָזיקע מעכאַניזאַציע און קאָאָפּעראַציע דער־קלאַסירט, אָדער בעסער געזאָגט, זי האָט שוין דעקלאַסירט, אַרויס־געשלאָגן פֿון זײַער סאָציאַלער פּאָזיציע די אידישע מאַסן. איך בין געווען אין שטעטלעך, וואו עס האָבן זיך צוגעשלאָסן די לעצטע קלייט־לעך און האָב געזען אין די שטעט פֿאַרעקשנטע קעגן דער קאָלעקטיווער אַרבעט באַלמעלאָכעס, וואָס גייען אום ווי די שאָטנס און פֿאַלן אַרײַן אין פֿולשטענדיקער דעגענעראַציע.

אין אַנדערע לענדער, ווי פּוילן, למשל, וואָס איך האָב אויך באַ־זוכט, וואו מען לאָזט דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס גיין מיט דער סטיכיע, אין דער רוטין און אין דעם זומפּ פֿון שאַכערן און מאַכערן מיט דעם צווייטנס מי, לאָזט פֿאַלן אָט די סטיכיע ווי די בלעטער אין האַרבסט הונדערט־טויזנטער הענדלער און באַלמעלאָכעס, צו־זאַמען מיט די עקספּלואַטירטע און אויסגענוצטע אַרבעטער, די מיליאָ־נען פֿונעם פֿאָלק, קימערט עס נישט די מאַכטהאַלטער, וו אָ ס עס וועט פֿון אָט די אַראָפּגעפֿאַלענע מאַסן, ווי מען קימערט זיך נישט וועגן די בלעטער אין אָסיען: צעלויפֿט אײַך און צעפֿליט אײַך מיטן ווינט אָדער ווערט פֿאַרפֿוילט אויפֿן אָרט!... נאָר דאָרט, אין דעם לאַנד, וואו די ווירטשאַפֿט ווערט געפֿורעמט לויט דעם ווילן פֿון די מאַסן און לויט אויסרעכענונגען און פּלענער, ווערט געזוכט אינעם זעלבן ווירטשאַפֿטס־פּלאַן אַן אָרט, און אַ נוצלעך אָרט פֿאַר די מאַסן, וואָס ווערן דורך דער טעכניק און דורך דער קאָאָפּעראַציע אַרויסגעשטויסן פֿון זײַער פֿריער־דיקער סאָציאַלער פּאָזיציע.

אָט דאָס אָרט אין דער ווירטשאַפֿט, וואָס די ראַטנמאַכט האָט באַשטימט פֿאַר די דעקלאַסירטע אידישע מאַסן, איז די ערד־אַרבעט און די אינדוסטריע. גרייט שטייען פֿאַר די אידישע מאַסן ברייטע שטחים לאַנד איבערן גאַנצן ראַטנפֿאַרבאַנד נישט נאָר אין קרים, אין אוקראַינע, אין ווײַסרוסלאַנד און די מיליאָנען העקטאַרן פֿון בירא־בידזשאַן, נאָר אומעטום, וואו נאָר עס איז פֿאַראַן פֿרײַ פּלאַץ. איך האָב מיך אין מאָסקווע אָנגעטראָפֿן מיט אַ אידישן קאָלאָניסט אַזש פֿון אָמסקער קרײַז אין סיביר, וואו עס געפֿינט זיך אַ גרופּע פֿון דרײַ קאָלעקטיווע ישובים באַזעצט מיט 140 משפּחות און אַזעלכע קאָלעק־

טיוון, זיינען פאַראַן אין אַ גרויסער צאָל, דאָרט וואו אידן האָבן פאַר־
שטאַנען אויסצונוצן דעם פרייען באָרן פאַר זיך. פאַר דער אינדוסט־
ריאַליזאַציע פון די אידישע מאַסן, זיינען באַשטימט די פּראָפעסיאָנעלע
שולן, פון וואַנען עס קומען אַרויס הויך־קוואַליפיצירטע מעכאַניקער און
טעכניקער; אַרבעטס־פלעצער, לויטן וואוקס פון דער אינדוסטריע, אויף
די פאַבריקן און זאַוואָדן און — די מעכאַניזאַציע גופא פון די מלאכהס
ויי וועלכע אידן זיינען באַשעפטיקט. איך האָב באַזוכט די גרויסע
שוך־פאַבריקן און ניי־פאַבריקן אין כאַרקאָוו און אָדעס, וואו עס אַר־
בעטן כמעט אויסשליסלעך געוועזענע אידישע באַלמעלאָכעס און אויך
פאַכלאָזע, וואָס געפינען אַ פלאַץ ביי דער מעכאַניזירטער און צע־
טיילטער אַרבעט. איך האָב געזען די פאַרשידענע „אַרטעלן" פון
אידישע באַלמעלאָכעס און אויסגעהערט זייער ענלעכע איינע צו דער
צווייטער געשיכטע פון אנטשטייאונג, ווי אַזוי זיי זיינען געווען קליינע
גרופּקעס שוסטער, שניידער, טריקאָטאַזשניקעס, קאָנסערוו־אַרבעטער,
מעבל־אַרבעטער און בלעכער א. א. וו. א. וו. און ווי אַזוי זיי האָבן
זיך אַלץ מער און מער צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויסן „אַרטעל".
איינגעקויפט אַלץ מאָדערנערע מאַשינען צו דער אַרבעט און דער סוף
וועט זיין, זיי וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין מלוכהשע אונטערנעמונגען
און זייערע מיטגלידער, די „באַלמעלאָכעס", ווערן פאַרוואַנדלט ווערן
אין פאַבריק־אַרבעטער, ווי דאָס איז שוין געשען מיט אַ סך אַזעלכע
אַרטעלן, און וואָס דאָס איז דער טרוים פון יעדן פאַרשטענדיקן בירגער
אינעם ראַטנפאַרבאַנד: דער טרוים איז, ווערן אַ פאַבריק־אַרבעטער,
נישט נאָר דערפאַר, וואָס אַזאַ אַרבעטער איז פאַרזיכערט מיט זיין אַר־
בעט, פאַרדינט בעסער ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער און באַנוצט זיך
מיט די פּריווילעגיעס, וואָס עס גיט אים די מלוכה אויף יעדן געביט,
שטוב־באַזאָרגונג, וואוינונג, בילדונג א. א., נאָר אויך דערפאַר ווייל
דער פאַבריק־אַרבעטער איז, אין דער מלוכה פון אַרבעט, אין דער הער־
שאַפט פון די אַרבעטער־ראַטן, דער הערשער פונעם לאַנד.

דאָס אַלץ איז מלוכה־אַרבעט, דאָס אַלץ ווערט געטון דורך די
מלוכהשע אינסטיטוציעס פון ערד־איינאָרדענונג, פון אינדוסטריאַליזאַ־
ציע, פון בילדונג, פון קולטור־באַזאָרגונג; די אידן־פראַגע אָבער אין

ראַטנפאַרבאַנד איז נישט נאָר אַ מלוכה־פראַגע, נאָר אויך אַ געזעלשאַפטלעכע.

שוין דער גרויס פון דעם פּראָצענט אידן, וואָס איז געבליבן דעקלאַסירט אַ דאַנק דעם שנעלן וואוקס פון דער מעכאַניזאַציע און קאָאָפּעראַציע, וואָס דער דאָזיקער פּראָצענט זעט זיך אָן, ווי אַ גרויער פינצטערער פלעק אויפן הינטערגרונט פון דער אַלגעמיינער בויאונג, מאַכט דאָס פאַר אַ אידן־פראַגע, פאַר אַ ספּעציפיש פּראָבלעם, וואָס וועקט דעם געזעלשאַפטלעכן אינטערעס. און אידן האָבן דאָך אויך אַ געשיכטע אין רוסלאַנד: צאַרישע באַשרענקונגען, הונדערטער יאָרן שנאה, געפּרעדיקטע צווישן פאָלק דורך דער צאַרישער מאַכט און דורך דער קירכע, פּאָגראָמען און שחיטות, און די דאָזיקע באַשרענקונגען און שנאה האָבן געלאָזט אַ היפּשן אָפּזאַץ אויף דער נשמה פונעם פאָלק, וואָס ליגט דאָרט ווי אַ סם פאַר דער פריינטשאַפט פון די פעלקער, וואָס בויען צוזאַמען דעם ראַטנפאַרבאַנד.

אָט דעם געזעלשאַפטלעכן אינטערעס אַרום דער אידן-פראַגע און די אַרבעט פון ליזן זי מיט דער הילף פון די מיטלען וואָס די ראַטנפאַרבאַנדישע געזעלשאַפט פאַרמאָגט, קאָנצענטרירט אַרום זיך דער „געזערד", וועלכער איז צוערשט געגרינדעט געוואָרן אַלס אַ אידישע געזעלשאַפט וואָס העלפט דער אידישער ערד־באַזעצונג, האָט שפּעטער אַריינגענומען אין איר פּראָגראַם אויך די אינדוסטריאַליזאַציע פון די אידן און לעצטנס געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט, וואָס ציט אַריין די בעסטע כוחות פונעם ראַטנפאַרבאַנד צו דער אַרבעט פאַר דער ליזונג פון דער אידן־פראַגע. די אופנים, ווי דאָס ווערט געטון, זיינען קאָלאָסאַל ברייטע. עס איז גענוג אָנצעווייזן אויף די אַרבעטער-דעלעגאַציעס פון די ווייטסטע געגנטן אין לאַנד, וועלכע קומען באַטראַכטן די אידישע ערד־אַרבעטער ישובים; די גראַנדיעזע מיטינגען, וואָס ווערן אַרום דעם ענין איינגעאָרדנט אויף די פאַבריקן, און אויף דעם פאַקט, אַז פאַר אַ פאָר חדשים טעטיקייט אויף די פאַבריקן, פאַרמאָגט שוין דער „געזערד" 29 פּראָצענט מיטגלידער פון צווישן די ניט־אידישע אַרבעטער. און ווי באַציען זיך אָט די נייע ניט־אידישע מיטגלידער צו דער אַרבעט, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען? עס קלינגט מיר נאָך אין די אויען די רעדע פון דעם פאָרזיצער פון דער כאַר-

סאָוועט „געזערד"־אָרגאַניזאַציע, דעם פאַבריק־אַרבעטער סאָלאָוויאָוו: „דער אוקראַזעט" (געזערד איז אין רוסיש אָזעט) — האָט ער געדונערט — איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע מיט אָפּטיילונגען אויף אַלע פאַבריקן, צווישן די פּראָלעטאַריער פון אַלע נאַציעס, אויף צו העלפן דער געפּלאָגטער אידישער נאַציע. מיט דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער אַקציע — האָט ער ווייטער געזאָגט — זיינען מיר אויסן צוויי זאַכן: פון איין זייט, געזונט מאַכן די פעלקער גופא, צווישן וועלכע עס האָט זיך איינגעגראָבן ווי אַ וואָרים די אַנטיסעמיטישע קרענק, וואָס שטערט זיי אַליין זיך דערהויבן צום סאָציאַליסטישן פאַרשטאַנד און צו דער סאָציאַליסטישער בויאונג און פון דער אַנדערער זייט, פעאיק מאַכן און אריינציען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג פונעם ראַטנפאַרבאַנד".

און איצט, ווי אַזוי האָב איך געזען דאָס אידישע פאָלק אינעם ראַטנפאַרבאַנד. ווי אַזוי האָב איך געזען דעם אָביעקט, וואָס פאַר זיין דערלייזונג און דערהויבונג אַרבעט די ראַטנפאַרבאַנדישע מלוכה, די ראַטנפאַרבאַנדישע געזעלשאַפטלעכקייט און די אידישע קלאַר און געזונט דענקענדיקע געזעלשאַפטלעכקייט אין אַנדערע לענדער, צווישן וועלכע אַרגענטינע און אונדזער „פּראָקאָר", פאַרנעמען נישט דעם לעצטן פּלאַץ, כאָטש צום באַדויערן נאָך גאָר אַ קליינעם.

איך האָב געזען די אידן אין די נייע אידישע ישובים, אין די קאָלאָניעס פון קרים און פון אוקראַינע; איך האָב געזען די אידן אין די פאַבריקן און אין די „אַרטעלן", וועלכע זיינען ערב־פאַבריקן; איך האָב געזען די אידישע יוגנט, וועלכע ווערט געגרייט אין די שולן צו דער פאַבריק און צום פעלד, אין די הויכשולן, אַלס אינזשעניערן און אַלס אַגראָנאָמען. איך האָב געזען די אידישע שטעטלשע יונגעלייט ביי דער סאָוועטישער מלוכה־אַרבעט, ביי דער קאָאָפּעראַציע, ביי דער ברויט-פאַרגרייטונג, און געזען האָב איך אויך די אידן אין שטאָט און אין שטעטל, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַט יענעם מיליאָן דעקלאַרירטע, וואָס איז פאַראַן לויט בראַגינס חשבון אָדער מיט צוויי הונדערט טויזנט ווייניקער, לויט מערעזשינס חשבון; אַט דעם מיליאָן, וועלכער נעמט נישט ק י י ן אַנטייל אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג, וואָס דאָס הייסט, זיי זיינען בכלל ב י י ג אָ ר נ י ש ט באַ־

שעפטיקט, אויב מען זאל נישט רעכענען פאר א באשעפטיקונג קויפן
בגנבה א בינטל ווייץ ביים פויער און דאס איבערפארקויפן א צווייטן
אזא „סוחר" ווי ער, אדער אפקויפן כלומרשט פאר זיך א רעשטל ברא-
קירטע סחורה אין א קאאפעראטיווער קראם און דאס פארקויפן ווי
קאנטראבאנד אדער ווי א צוגעשיקטע מתנה פון אויסלאנד; פארקויפן
א צענדליג טאמאטעס אין מארק, ווען דער מיליציאנט פארקוקט זיך,
אדער ארומטראגן הערינג איבער די הייזער, אדער שוועבעלעך און
בענדלעך פון שיך, בעטנדיק מען זאל ביי אים קויפן פאר רחמנות,
און דאס ערגסטע דערפון איז זייער היימלאזיקייט: זייערע קינדער
ווערן נישט צוגעלאזן צו דער העכערער בילדונג און נישט אין דער
רויטער ארמיי, ווייל דאס רעכט אינעם ראטנפארבאנד, איז דאס רעכט
פון די ראטן, פון דער ארגאניזירטער ארבעט, און נישט פון די אינדי-
ווידואומס, נישט פון די יחידים.

זאל מען אבער נישט מיינען, אז דער דאזיקער מיליאן אידן דע-
קלאסירטע און רעכטלאזע, זינקט אין דעם זומפ פוןווירטשאפטלעכער
נישטיקייט און רעכטלאזיקייט דערפאר, וואס זיי האבן נישט די מעג-
לעכקייט אריינצוטרעטן אין די קאדרן פון דער ארגאניזירטער ארבעט;
ניין, בשום אופן נישט און קיינער וועט דאס מיר נישט איינריידן,
כאטש אין מיינע געשפרעכן מיט א גרויסער צאל פון אט די אידן,
האבן זיי געפרואווט ארויפליייגן די שולד פון זייער לאגע אויף די
אומשטענדן, אויף דעם פעלן פון ארבעט... אין דער הינזיכט האב איך
מיך אנגעשטויסן אויף א טיפער טראגעדיע, אויף א קלאסן־טראגעדיע,
אויב איר ווילט עס אזוי אנרופן, וועלכע איז די טראגעדיע פון דע-
קלאסירטע. אין דער אלטער אידישער געשיכטע איז פארצייכנט אט די
טראגעדיע, ווען אידן זיינען אריבער פון דעם שקלאפן־שטאנד אין
מצרים צום שטאנד פון פרייע אידישע בירגער. צוריק קיין מצרים —
האבן זיי געשריגן, מיר גערענקען די קנאבל און די ציבעלעס... נישט
נאך קנאבל און ציבעלעס בענקען די דעקלאסירטע אידן; זיי בענקען
נאך די מלחמה־מיליאנען, וועלכע זיי האבן באקומען צוזאמען מיט די
פאגראמען... וואס פארא איד וויל דאס פאגראמען!... נאר, אין זייערע
קלאגענישן און טענות, הערט איר: זאל זיין פאגראמען, נאר גיט אונדז
צוריק אונדזערע מלחמה־מיליאנען!... ווארום דערהרגעט אין פאגרא-

מען האט מען דאך נישט אים, נאר זיין ברודער און י. ל. פרצס צוויי ברידער פון זיין פאעמע, וועלכע סימבאליזירן דארט די צוויי קלאסן, עקספלואטירער און עקספלואטירטע, שטעלן זיך דא אוועק פאר אייך אין דער פשוטער געשטאלט פון צוויי ברידער, וואס איינער פון זיי האט געמאכט מיליאנען בעת דער צווייטער איז אומגעקומען אין מלחמה און פאגראמען. נאר איצט זיינען די מיליאנען נישטא און אויך נישט די טויזנטערס, האלטן זיך אן די מנחם מענדלס אין דעם שטרוי פון די זכרונות, האלטן זיך אן דערין מיטביידע הענט, ווי א טרינקנדיקער אן דער רעטונגס־שטרוי, און ערשט, ווען ער ווערט דערטרונקען אינגאנצן, קומט זיין אויסלייזונג. ערשט דעמאלט גייט ער איבער צו דער ערד.

עס וועט מיר קיינמאל נישט ארויס פון זכרון און עס וועט קיינמאל נישט אפגעמעקט ווערן פון מיין געמיט דער איינדרוק פון די ערשטע צוויי איבערוואנדערער, וואס מיר האבן באגעגנט, איך און ח' פויזנער, אויף אונדזער וועג. מיר זיינען געפארן פון כארקאוו קיין הוליאיפאלע, אויף די ישובים פון זאפאראזשיע. אויף דעם וואקזאל סינעלניקאווא, האבן מיר זיך געדארפט איבערזעצן אין אן אנדער צוג, און דא האבן מיר אין וואקזאל דערזען צוויי בעטלער אויף זייערע קלומקעס. און נישט קיין בעטלער זיינען דאס געווען, נאר אידן פון ערגעץ א ווייט שטעטל, וואס די לעצטע שטופע פון נויט, ווען דאס ווייב האט שוין מער נישט געהאט קיין לאטעס צו לייגן אויף זיין הונדערט מאל פארלאטעטן בגד, האט זיי געשטופט צו פארשרייבן זיך אלס קאלאניסטן, און ערשט דעמאלט, ווען ער האט זיך שוין אנטשלאסן צו פארשרייבן און פארט שוין אהין, ענטפערט ער אייך אויף אייער פראגע וואוהין ער פארט: „אין דער ערד אריין פאר איך".

איך האב געוויינט קוקנדיק אויף די צוויי אידן. איך האב געוויינט אויף דער טיף פון דער טראגעדיע, וואס די צוויי אידן האבן מיט זיך פארגעשטעלט; אויף דער עקשנות פון דעם קלאס, וואס איז פארמשפט צום אונטערגאנג און וויל נישט מיט א מינוט פריער פאר דער פאטאלער שעה אראפגיין פון דער סצענע.

איך האב שפעטער אין די קליינע שטעטלעך נאך ערגערס געזען. דאס ערגסטע פאר מיר איז געווען, ווען מנחם מענדל, דער נישטיקער,

האט זיך ציניש געווערטלט אויפן חשבון פון זיין נעכטיקן קאלעגע, וואס איז היינט אן ערד־ארבעטער. עס איז פאר מיר נאך פארשטענד־לעך געווען, ווען א איד, א געוועזענער גביר, האט, אין געשפרעך מיט מיר, געשטרעקט דעם האלדז און געפירט מיטן פינגער ווי מיט א חלף: נאט, קוילעט, שעכט, זאל די וועלט זען! מיינענדיק אוודאי, אז דער וועלט גייט זייער און זייער אן, וואס ער, גרונם ר׳ זרחס, האט מער נישט קיין קראם און וועט מוזן נעמען א חלק ערד צום באארבעטן; און ער וועט דאס סוף כל סוף טון, גיכער פון מנחם מענדלען, פון דעם מעקלער זיינעם, וואס איז געווארן זיין מארשאלעק, זיין לץ אין די לעצטע שעהן פון זיין עקזיסטענץ.

איך האב אבער געזען די זעלבע מנחם מענדלס שוין אויסגעלייי־טערטע, שוין נאכדעם ווי זיי זיינען צוויי יאר אפגעוועזן אויפן פעלד, און זיי זיינען שוין גאר אנדערע. דער ווערטל־זאגער מנחם מענדל ווערטלט זיך איצט ביטער אויף דעם גביר גרונם ר׳ זרחס, וואס זיצט מיט אים אין איין קאלאניע, אויף זיינע קולאקישע נטיות; וואס גרונם וויל נישט פארקויפן זיין תבואה דער מלוכה און וויל מאכן שפעקו־לאציע, וואס גרונם האט שוין חשק צו ווערן דער פארזיצער פון דארפס־ראט, מיינענדיק ס׳איז גבאות אין שול. איך האב געזען מנחם מענדלען קנאקנדיק מיט דער בייטש, בעת ער, צוזאמען מיט זיינע חברים, האבן געפירט דעם „רויטן אבאז", די וואגנס מיט תבואה פון זייערע פעלדער אין די מלוכהשע וואגאנען אריין, באצירט מיט רויטע פאנען און מיט אויפשריפטן: „אלס פראטעסט קעגן די כינעזישע באנדיטן פירט היינט אריין „פרילינג" אדער פערעצדארף 1000 פוד תבואה דער מלוכה. דאס איז מנחם מענדל דער אויסגעלייזטער, דער אויסגעלייי־טערטער.

אויף מיין גורל איז אויסגעפאלן צו זען דעם אויסגעלייזטן און אויסגעלייטערטן מנחם מענדל, אין די 37 אידישע דערפער, נייע און אלטע, פון זאפאראזשער און מאריופאלער קרייז, וועלכע שטעלן מיט זיך פאר דעם נייעם אידישן ראיאן, וועלכער איז פראקלאמירט געווארן צוריק מיט א וואך, אינעם 12־טן יארטאג פון דער אקטאבער רעוואַ־לוציע, א יום־טוב צו וועלכן איך בין איינגעלאדן געווארן פון די דארפס־ראטן און ביי וועלכע איך בין בייגעוועזן מיט מיין גאנצן וועזן,

געפינענדיק מיך אליין אין יענעם טאג אין מיטן ים אויף מיין רייזע.

איך האב אים דערנאך געזען אין די 10 אידישע קאלאניעס פון טשאנגאר, מעליטאפאליער קרייז, וואס האבן פלאץ פאר 600 משפחות און זיינען בלויז אויף א האלב באזעצט. איך האב אים דארט געזען ארבעטן אינעם גרינס־גארטן און וויינגארטן אויף די באוואסערטע פעל־דער און קוקן מיט קנאה אויף דער יוגנט פון דער קאמונע „רויטער אקער", נאך נישט גלויבנדיק אליין אין זיינע כוחות: א איד א קרע־מער, זאגט ער, טויג נאך צו ארבעטן אין א קאלעקטיוו, נאר נישט אין א קאמונע...

איך האב געהאט די זכיה צו פירן א גרוס פון דער קאמונע „רוי־טער אקער" צו די קאמונעס „אקטאבער" און „וואיאנאווא" אין קרים. די ערשטע — א קאמונע געגרינדעט פון חלוצים פ א ר דעם ווי זיי זיינען געפארן קיין פאלעסטינע. און די צווייטע — א קאמונע פון חלוצים, וואס זיינען שוין צוריקגעקומען פון פאלעסטינע.

איך בין געפארן איבער די אידישע קאלאניעס פון קרים, וואס ציען זיך פון דזשאנקאי ביז יעווּפּאטאריע און ווייטער און טראגן נאך טיילווייז זייערע חלוצישע נעמען: קדימה, חקלאי, תל חי, באזעצטע מערסטנס פון טשערניגאווער קרעמער און באלמעלאכעס אויף איינגעלט אדער אויף קרעדיטן פון דזשאינט און שטייען נישט דערונטער מיט זייער באלעבאטישקייט פון די דייטשע קאלאניעס.

איך האב געזען מיינע היימישע מנחם מענדלס פון די שטעטלעך אויפן וועג פון אדעס צו פאדאליע. א סך פון זיי, וואס איך האב פערזענלעך געקענט אלס „שפעקטיניקעס", אלס יונגעלייט, וואס האבן געטאפט ביים פויער אין וואגן און געזוכט צו כאפן א פארדינסטל, אפנארנדיק אים אויף דער וואג, האב איך איצט געטראפן אין די 23 אידישע ישובים, וואס איך האב באזוכט אין אדעסער קרייז, אלס פויערים, אלס ארנטלעכע פולבארעכטיקטע בירגער און מיטבויער פונעם סאציאליסטישן פארבאנד.

איך וואלט אייך געקענט דערציילן פון געשפרעכן און באגעגע־נישן, וואס איך האב געהאט מיט די מנחם מענדלס, געשפרעכן, וואס כאראקטעריזירן זייער באציאונג צו זייער נייער לאגע, דאס וואלט איצט פארנומען צופיל צייט און מיינע חברים האבן אייך אויך וואס צו דער־

ציילן. איך וועל מיך איצט בלויז באגנינגענען מיט איבערגעבן פאר אייך די ווערטער פון איינעם א מיטגליד אינעם קאלעקטיוו „רויטער שטערן״ ביי כארקאוו: „א קרעמער געווען, אפגעקרעמערט די יונגע יארן, געמיינט ס׳איז גאר קיין העכערס און קיין שענערס פון מיר נישטא... און איצט, אז איך גיב א קוק אויף צוריק, דוכט זיך מיר א בעטלער געווען, א נידעריקע ברואה...״ און אז ער האט דאס געזאגט, האט ער זיך אפגעקערט, ווייל עס האבן זיך אים נעשטעלט טרערן אין די אויגן. שפעטער האט דער זעלבער יונגערמאן, א גרוי געווארענער פאר דער צייט אין די מלחמה און פאגראם־יארן, ביי דער אימפרא־וויזירטער פארזאמלונג, גענומען א ווארט און האט פארענדיגט: „מיט דער גרעסטער פרייד פארשרייב איך מיך אלס פרייוויליקער צו גיין פארטיידיקן די ראטנמאכט קעגן די כינעזישע באנדיטן, קעגן די אימ־פעריאליסטן און קעגן דער רעאקציע פון דער גאנצער וועלט...״

אזוי האט גערעדט א געוועזענער מנחם מענדל, א געוועזענער קרע־מער, א געוועזענער מלחמה־מיליאנער, וואס האט אמאל געמאכט מי־ליאנען פון זיין ברודערס בלוט.

היינט האט ער א גרויסע אלגעמיינע זאך — די פעלקער־פאר־ברידערונג און דעם סאציאליסטישן וועלט־בנין, — פאר וועלכער צו קעמפן און וואס צו פארטיידיקן.

איך פיל מיך גליקלעך, וואס איך האב געזען אט דאס גרויסע לאנד, וואו אזעלכע מעטאמארפאזעס געשעען, וואו צוזאמען מיט דעם גייעם לעבן, וואקסן אוים נייע מענטשן, איך פיל מיך גליקלעך צו זיין א מיטארבעטער אין דער ארגאניזאציע, וואס העלפט אט דער גרויסער ארבעט, און ווער פון אייך וועט דען נישט פילן א גליק אין איר מיטצוארבעטן?

Este libro se terminó de imprimir el 20 de
Julio de 1946, en los Talleres
Gráficos Julio Kaufman
Junin 344
Bs. As.